STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08793

NYU-YORK

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ניו-יאָרק

פּראָיעקט-אַרבעט פון גראַדואיר-קלאַס

אומפּאַרטייאישע אַרבעטער מיטלשול

אונטער דער רעדאַקציע פון

י. א. ראָנטש



ארויסגעגעבן פון גראַדואיר-קלאַס

ניו-יאָרק — 1930

אינהאלט

פון רעדאקטאר — י. א. ראנטש

זייט

העלען אלטשולער:
געשיכטע פון ניו־יארק — 9
בען לעווין:
ווי מען פארט אין ניו־יארק — 18
דאראטי בעלסקי:
האפנס — 45
ביטריס גרייזער:
פאליטיק — 48
סעם ליוואוויטש:
בילדונג — 56
פריווא גלוזמאן:
דאס ארבעטער־לעבן — 68
עסטער לינעצקי:
אין א פאבריק־געביידע — 78
סילוויא סעצאף:
דאס וועלטל: ניו־יארק — 87
איידא איידעלסאן:
ציימונגען — 93
איציק גארבאטי:
געשיכטע פון אידן אין ניו־יארק — 98
מאלי גודמאן:
קוני איילאנד — 126
סילוויא גובערמאן:
ניו־יארק אין דער אידישער ליטעראטור — 130
עטל קאפלאף:
קאאפעראציון — 133
מאטל דראשקין:
די געשיכטע פון די אומפארטייאישע ארבעטער־שולן — 139

ציינונגען פון דאוויד ווייס און סילוויא גובערמאן

פון רעדאַקטאָר

דאָס בוך „ניו־יאָרק“ איז אַ רעזולטאַט פון אַ פּראָיעקט־אַרבעט, אין מיין לימוד פון אידיש און קאָמפּאָזיציע, מיט דעם גראַדואיר־קלאַס פון דער אומפּ. אַרב. מיטלשול (נאָוו. 1929—אַפּריל 1930).

דער קלאַס באַשטייט פון 15 שילער. אַלע — מיט איין אויסנאַם — האָבן געטאָן זייער אַרבעט זעלבסטשטענדיק און קאָלעקטיוו. צייט איז געווען זייער ווינציק — אַ שאָ אַ וואָך, לעצטנס — צוויי שאָ. דאָך איז דער מאַטעריאַל אין דעם בוך בלויז אַ טייל פון דער אויפגעטאָנער אַרבעט. יעדער שילער האָט אויך געשריבן קלענערע זאַכן וועגן ניו־יאָרק און אין בוך זיינען ניט אַריין די מער בעלעטריסטישע: לידער, אימפּרעסיעס וועגן סאַבוויים, דעמאָנסטראַציעס, פּיקעטן, קינדער־געריכט, ברעד־ליין, באַזוכן אין אינסטיטוציעס; טעאַטער. אויך זיינען אויסן גע־בליבן: אַן איבערזעצונג פון דרייזער'ס אַ סקיצע וועגן ניו־יאָרק; עטלאַכע רעצענזיעס איבער „ניו־יאָרק“־ביכער א. אַ.

עס איז געווען אַ פרייד און אַ פאַרגעניגן צו לערנען מיט'ן קלאַס. די שילער זיינען אין עלטער פון 15 ביז 17; קימאַט אַלע היגע געבאָרענע, עכטע אַרבעטער־שול קינדער; פּאַראינטערעסירט אין ערנסטן לערנען און דורכגעדרונגען מיט'ן גייסט פון פּראָלע־טאַריש־קעמפערישער דערציונג. זיי זיינען אַ פּראָדוקט פון אונזער שול־באַוועגונג, וואָס דערציט אַ דאָר פון באַוואוסטזיניקע קעמפער פאַר'ן אַרבעטער־קלאַס.

דאָס בוך „ניו־יאָרק“ איז דער ערשטער פּרואוו פון זעלבסט־שטענדיקער אַרבעט פון שילער אין אידישע שולן דאָ אין לאַנד. די שילער האָבן ניט בלויז געשאַפן דעם מאַטעריאַל, נאָר אויך די געלט־מיטלען אים אַרויסצוגעבן. אַלץ וואָס זיי האָבן געטאָן טראָגט דעם שטעמפּל פון ערנסטקייט, פלייסיקייט און ליבע.

י. א. ראָנטש.

ניו־יאָרק, 24טן אַפּריל, 1930.

גראַדואיר־קלאַס

ערשטע ריי, פון רעכטס צו לינקס: סילוויא קעצאָף, מאָטל דאָראָשקין, פריוועַ גלוזמאַן, בען לעווין, ביטריס גרייזער, סעם ליוואָוויטש.

צווייטע ריי: לערער י. א. ראָנטש, רעדאַקטאָר; מאַשע באַדאַש, אַיידא איידלסאָן, סילוויא גוברמאַן, דאָראָטי בעלסקי, העלען אַלטשולער, איציק גאַרבאַטי.

לעצטע ריי: עסטער לינעצקי, מאַלי גודמאַן. אַפּ'ן בילד פעלן: עטל קאַפּלאָף און דאָוויד ווייס.



ה ע ל ע ן   א ל ט ש ו ל ע ר:

די געשיכטע פון ניו-יאָרק

וואָס איז געשיכטע? אין סקול לערנט מען אונז געשיכטע; מען דערציילט אונז פאַקטן (?); מען גיט אונז דאַטעס; מען רעדט וועגן גרויסע „העלדן" און גרויסע שלאַכטן. אָבער עפּעס פעלט דאָרטן. עס פעלט דער פ א ר ו ו א ס. פאַרוואָס איז די זאַך געשען אין דער צייט, און נישט פריער? פאַרוואָס איז יענע זאַך געשען אין יענער צייט, און נישט שפּעטער?

און דאָס, לויט מיין מיינונג, איז געשיכטע: די „וואָס'ן" און „פאַרוואָס'ן", וואָס זיינען פאָרגעקומען אַף דער וועלט. די פאַרוואָסן פון פאַרשיידענע זאַכן זיינען, נאַטירלאַך, פאַרשיידענע, אָבער אַלע האָבן איין כאַראַקטעריסטיק: זיי זיינען אַלע געבויט אַף עקאָנאָמישע און פּאָליטישע סיבעס.

אַמאָל זיינען אין אייראָפּע געווען אַ סאַך סאָכרים, וועלכע זיינען זייער רייך געוואָרן דורך זייער האַנדל מיט אינדיע. אָבער אין 15טן יאָרהונדערט איז מיטאַמאָל געוואָרן זייער שלעכט: די טערקן זיינען אויפגעשטאַנען, און האָבן געהאַלטן פאַרמאַכט אַלע וועגן קיין אינדיע.

וואָס טוט מען? מען האָט געדאַרפט אויסזוכן אַ נייעם וועג, ווייל אָן האַנדל האָט מען נישט געקענט רייך ווערן — און וואָס איז דאָס לעבן אָן רייכטום?

זוכנדיק דעם וועג, האָט מען אַנטדעקט אַמעריקע. אין אַמעריקע זיינען דאָ אַ סאַך אינדיאַנער, רויטע מענטשן; גוטע, ביליקע שקלאַפן קען מען פון זיי מאַכן. דאָס לאַנד איז זייער רייך; מען קען דאָ בויען קאָלאָניעס, און דער האַנדל מיט די קאָלאָניעס מאַכט רייכער און שטאַרקער דאָס מוטערלאַנד.

האָט מען קאָלאָניזירט אַמעריקע. ווי אַזוי? דער קעניג פלעגט אַרויסגעבן אַ טשאַרטער צו אַ האַנדל-אָרגאַניזאַציע, אָדער אַ רייכן מאַן; דער טשאַרטער פלעגט געבן דאָס רעכט צו קאָלאָניזירן אַזאַ-און-אַזאַ שטיק לאַנד, און אַמאָל אויך געבן די רעגירונגס-מאַכט איבער דעם לאַנד. די באַזיצער פון טשאַרטער פלעגן אַרויסשיקן מענטשן באַאַרבעטן דאָס לאַנד און בויען אַ קאָלאָניע.

דאָס איז אין אַלגעמיין. לאָמיר איצט איבערגיין פון גאַנץ אַמעריקע צו אונזער טייל — ניו-יאָרק.

ווי אַזוי איז ניו-יאָרק קאָלאָניזירט געוואָרן? אין יאָר 1613 האָט קאַפּיטאַן בלאָק, אַ האָלענדער הענדלער אין פעלצן, אויפגעבויט פיר האַנדל-הייזער אַפן אינזל מאַנהעטן. יאָ, די ערשטע הייזער, וואָס ווייסע מענטשן האָבן אויפגעבויט אין ניו-יאָרק — פּונקט ווי די לעצטע הייזער, וואָס מע בויט היינט-צו-טאָג — זיינען געווען האַנדל-פּלעצער.

אין יאָר 1614 האָט דער האָלענדער שטאַטס-גענעראַל געגעבן אַן אַמסטערדאַמער האַנדלס-געזעלשאַפט אַ טשאַר-טער, וואָס האָט איר געגעבן אַף דריי יאָר אַ מאָנאָפּאָליע פון האַנדל דורך גאַנץ ניי-נעדערלאַנד — דאָס הייסט, גאַנץ ניו-יאָרק און אַ טייל פון ניו-דזשוירזי און דעלעווער. איר ערשטער אַקט איז, נאַטירלאַך, געווען אויפצובויען אַ פעסטונג מיט אַ קירך. האַנדל און גאָט גייען דאָך שטענדיק צוזאַמען...

אין יאָר 1623 איז ניי-נעדערלאַנד אָפיציעל געוואָרן אַ פּראָווינץ פון דער וועסט-אינדיע קאָמפּאַני, אַ האָלענדישע האַנדל-אָרגאַניזאַציע. ס'האָט דאָרט געהערשט אַ פעאָדאַלער רעזשים. לויט דעם טשאַרטער האָט יעדערער, וואָס האָט געגרינדעט אַ קאָלאָניע פון 50 מענטשן, געקראָגן לאַנד מיט 16 מייל וואַסער-פראָנט. דאָס לאַנד האָט ער באַקומען אַף אייביק, און מיט דעם האָט ער געקראָגן אַ מאָנאָפּאָליע פון האַנדלען, און אַנדערע פעאָדאַלע פּריווילעגיעס.

אַזוי איז אויפגעשפּרונגען אַ קלאַס פון רייכע לאַנד-

באַזיצער, וואָס האָבן געהערשט איבער די אָרימע קאָלאָ־ניסטן, וועלכע האָבן געאַרבעט אַפ'ן לאַנד.

די ערשטע קאָלאָניסטן זיינען געקומען קיין ניי־נעדער־לאַנד אין 1624; פון זיי זיינען עטלאַכע פאַמיליעס געבליבן אַפ'ן אינזל מאַנהעטן, וואו זיי האָבן אויפגעבויט די ערשטע הייזער פון ניי־אמסטערדאַם — ניו־יאָרק. אין אַ פּאָר יאָר אַרום זיינען דאָרט שוין געווען 200 מענטשן.

* * *

איבער גאַנץ אַמעריקע, אין די קאָלאָניעס, האָט מען געוואָלט נוצן אינדיאַנער אַלס שקלאַפן; אָבער זיי זיינען נישט געווען קיין גוטע שקלאַפן; זיי פלעגן רעוואָלטירן, אַנטלויפן, אָפּזאָגן זיך פון אַרבעטן, א. א. וו.

ענדלאַך האָט מען געמוזט אַריינברענגען שוואַרצע שקלאַפן פון אַפריקע; און אין 1625 זיינען געבראַכט גע־וואָרן קיין ניי־אַמסטערדאַם די ערשטע נעגער־שקלאַפן.

אין 1626 איז פּיטער מינואיט אַריבערגעשיקט געוואָרן קיין ניי־אַמסטערדאַם, אַלס גובערנאַטאָר פון ניי־נעדערלאַנד. אין זעלבן יאָר האָט ער אויפגעטאָן צוויי זייער טיפּישע זאַכן: ער האָט אויפגעבויט אַ שטאַרקע פעסטונג, און ער האָט „אָפּגעקויפט" מאַנהעטן פון די אינדיאַנער. אָבער ווי געקויפט! צוויי און צוואַנציק טויזנט אַקער לאַנד האָט ער געקראָגן, און באַצאָלט האָט ער — גאַנצע פיר און צוואַנציק טאָלער!

נאָך מינואיט'ס צייטן איז אַלץ, אַף אַ ווײַלע, געגאַנגען גלאַטיק: די רייכע האָבן באַזעצט לאַנד, און די אָרימע האָבן געאַרבעט אַפ'ן לאַנד — ווי אַלעמאָל, און אומעטום.

נאָר אין 1643 איז פאָרגעקומען זייער אַ שיינע גע־שיכטע: צוויי הונדערט אינדיאַנער, וואָס זיינען געקומען קיין ניי־אַמסטערדאַם פאַר באַשיצונג קעגן זייערע פיינט, זיינען גאָר קאַלטבלוטיק דערהאַרגעט געוואָרן פון די איינ־וואוינער פון שטאָט. מילכאָמע מיט די אינדיאַנער האָט נאַטירלאַך נאָכגעפאָלגט די שיינע טאַט, און צוויי יאָר צייט

האָט ניי־אַמסטערדאַם געהאַלטן אין איין קעמפן מיט די „בלוטיקע, באַרבאַרישע מענטשן". ענדלעך זיינען די רויטע באַזיגט געוואָרן, און ס'איז געוואָרן שאַלעם.

פון 1609 אָן האָט ענגלאַנד געהאַלטן אַן אויג אַף ניי־נעדערלאַנד. זי האָט דאָס לאַנד געוואָלט האָבן, ווייל ס'איז געווען גוטע ערד, און מען האָט דאָרט געקענט זייער גוט האַנדלען.

אין יאָר 1664 איז ניי־אַמסטערדאַם גענומען געוואָרן פון ענגלאַנד. דעם נאָמען פון שטאָט האָט מען געביטן אַף ניו־יאָרק.

אין 1673 האָט האָלאַנד צוריקגענומען די שטאָט; אָבער ענגלאַנד האָט עס אין 1674 צוריקגענומען און האָט עס געהאַלטן ביז דער רעוואָלוציע.

פון 1674 ביז דער רעוואָלוציע, איז די געשיכטע פון ניו־יאָרק געווען אַ סעריע פון קאָנפליקטן צווישן די איינוואוינער — דאָס הייסט די ר י י כ ע איינוואוינער — און דער ענגלישער רעגירונג. אַזוי זאָגן אַלע געשיכטע־ביכער. און דאָס איז עפּשער עמעס. אָבער — זיי זאָגן, די אַלע געשיכטע־ביכער, קיין איין וואָרט ניט, וועגן די אינערלאַכע צוזאַמענשטויסן צווישן די רייכע לאַנד־באַזיצער און די אָרימע באַאַרבעטער פון לאַנד. און אַפּילע ווען זיי זאָגן, אַז עס זיינען געווען פריקציעס צווישן די איינוואוינער און דער דאָרטיקער רעגירונג, מאַכן זיי ניט קלאָר די אורזאַכן פון די פריקציעס.

לעמאָשל: ס'איז געווען אַ „לעסלער'ס רעבעליאָן". לעסלער, אַ ניו־יאָרקער לאַנד־באַזיצער, האָט רעוואָלטירט קעגן דעם ענגלישן גובערנאַטאָר פון ניו־יאָרק, און האָט געהערשט איבער דער שטאָט ביז ער איז, אין 1690, אַרעסטירט און געטויט געוואָרן.

פאַרוואָס האָט ער רעוואָלטירט? קיין בוך מאַכט ניט קלאָר פאַרוואָס. מע זאָגט נאָר, אַז לעסלער איז געווען זייער אַ גוטער מאַן, און אַז דער גובערנאַטאָר איז געווען אַ שלעכטער, אַ קאַטויליקער, האָט סימפּאַטיזירט מיט פראַנקרייך.

מען זאָגט אונז אָבער ניט די עמעסע אורזאַך, און דאָס איז געווען דאָס, וואָס די גובערנאַטאָרן זיינען געווען גע־אייניקט מיט פּיראַטן, וועלכע האָבן אָוועקגענומען האַנדל פון די ניו־יאָרקער סאָכרים — און סאָכרים אָן האַנדל קענען ניט בלייבן זייער לאַנג רואיק.

פון דער אַנדער זייט: קיין געשיכטע-בוך וועט קיין איין וואָרט ניט זאָגן וועגן דעם שקלאַפן־אויפשטאַנד פון 1712. דאָס איז דאָך געווען אַ פּראָלעטאַרישער אויפשטאַנד, ניט אַ קאָשערער בורזשואַזער אויפשטאַנד, ווי לעסלער'ס.

אָבער זוכנדיק אין אַלטע ביכער געפינט מען אַזאַ געשיכטע: אין ניו־יאָרק זיינען געווען אַ סאַך שווארצע שקלאַפן, וועלכע זיינען זייער שלעכט באַהאַנדלט געוואָרן. אין 1712 זיינען זיי אויפגעשטאַנען אין אַ רעוואָלט. זיי זיינען, נאַטירלאַך, זייער שנעל באַזיגט געוואָרן; אָבער ווי באַזיגט! נאָך דער שלאַכט זיינען 21 נעגערס דערהאַרגעט געוואָרן: איינער איז געבראָכן געוואָרן אָף אַ ראַד, עטלאַכע זיינען אויפגעהאַנגען געוואָרן, און די איבעריקע האָט מען פאַרברענט לעבעדיקערהייט!

* * *

אין 1777 איז געקומען די רעוואָלוציע. די קאָלאָניעס אין אַמעריקע האָבן געקעמפט זיך באַפרייען פון ענגלאַנד, ווייל די ענגלישע געזעצן האָבן זיי ניט געלאָזן רייך ווערן.

נאָכדעם ווי ענגלאַנד איז אַרויסגעטריבן געוואָרן, איז אין אַמעריקע געוואָרן זייער אַ קריטישע לאַגע — די באַ־פעלקערונג איז געווען אומצופרידן, און די הערשער האָבן ניט געקענט האַלטן שאָלעם צווישן זיך. האָט מען אין 1789 גערופן די „קאָנסיטוציאָנעלע קאָנווענשאָן", וועלכע האָט אין געשלאָסענע זיצונגען אויפגעשריבן אַ קאָנסטיטוציע, — וועלכע פאַרזיכערט יעדן מענטשן דאָס רעכט פון לעבן, פריי־הייט און פּריוואַט־אייגנטום.

מאָדנע — אין זעלבן יאָר, ווען אונזער קאָנסטיטוציע איז געמאַכט געוואָרן, איז אין ניו-יאָרק געגרינדעט געוואָרן

די „טעמעני סאָסייעטי“, וועלכע הערשט אין ניו־יאָרק ביז היינט.

* * *

נאָך דער מילכאָמע פון 1812, ווען אַמעריקע האָט זיך אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען אינדוסטריעל, איז אונזער ניו־יאָרק זייער שנעל געוואַקסן. זי האָט זייער אַ גוטן האַפן, און איר סיטואַציע איז זייער אַ גוטע פאַר האַנדל. אויך, אין 1825, איז אויפגעעפנט געוואָרן דער אירי קאַנאַל, וואָס האָט געמאַכט גרינגער די טראַנספּאָרטאַציע פון ניו־יאָרק צו די גרויסע אָזערעס.

מיט דער אינדוסטריעלער אַנטוויקלונג איז געקומען אַ פּאַמעלאַכע אַנטוויקלונג פון דער קלאַסן־באַוואוסטזיניקייט פון די אַרבעטער, און פון קלאַסן־קאַמף. אומשטענדן זיינען געווען שרעקלאַכע: אַרבעטס־שאָען זיינען געווען פון פאַר זונען־אויפגאַנג ביז לאַנג נאָך זונען־אונטערגאַנג; דעם, וועלכער איז געווען שולדיק געלט, האָט מען אַריינגעזעצט אין טיורמע; קינדער־אַרבעט איז געווען אומעטום; אַר־בעטער־אָרגאַניזאַציעס זיינען ניט געווען דערלויבט, א. א. וו. די פּרעסע און די פּאָליטיקער זיינען ניט געווען פאַר־אינטערעסירט אין אַרבעטער־פּראָגעס — וואָס האָט עס מיט זיי צו טאָן? און די באָסעס זיינען געווען שטאַרק אָרגאַניזירט.

דער ערשטער סטרייק אין אַמעריקע איז פאָרגעקומען אין ניו־יאָרק, אין יאָר 1802. די מאַטראָסן זיינען דאַן אַרויס אין סטרייק פאַר העכערע סכירעס. די פּאָליציי האָט דעם סטרייק געבראָכן, דער פירער איז אַרעסטירט געוואָרן, און דער סטרייק איז פאַרלאָרן געוואָרן.

אין די יאָרן 1820—1870 זיינען ראַיאָטן אָפט פאָר־געקומען אין ניו־יאָרק. פון ספּעציעלער וויכטיקייט זיינען די ברויט־ראַיאָטן, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין דער צייט פון דעם פינאַנציעלן קריזיס פון 1837, ווען אָרימקייט און הונגער זיינען געווען נאָך ערגער ווי אַלעמאָל. אויך דורכ׳ן

צווייטן קריזיס, אין יאָר 1857, זיינען פאָרגעקומען אַ סאַך ראַיאַטן.

אין 1865 איז געקומען דער בירגער־קריג צווישן צאָפן און דאָרים. דער אַגריקולטורעלער דאָרים האָט ניט גע־וואָלט קיין טאַריף, און דער אינדוסטריעלער צאָפן האָט יאָ געוואָלט אַ טאַריף; האָט מען אָנגעהויבן רעדן זייער סענטי־מענטאַל וועגן שקלאַפעריי, און ס'איז געוואָרן מילכאָמע.

אין צאָפן האָט מען דורכגעפירט די פריזיוו־געזעצן: יעדער, וואָס האָט געקענט באַצאָלן $300 אויסלייז־געלט, האָט ניט געדאַרפט גיין אין מילכאָמע. דאָס האָט געפירט צו די פריזיוו־ראַיאָטן אין ניו־יאָרק, אין וועלכע פיר־פינף הונדערט לעבנס זיינען פאַרניכטעט געוואָרן.

דער בירגער־קריג האָט זיך צום סאָף פאַרענדיקט; די שקלאַפן זיינען „באַפרייט" געוואָרן; און דער טאַריף איז געבליבן אַ הויכער.

* * *

אין 1869 און אין 1873 זיינען אין ניו־יאָרק געווען גרויסע פינאַנציעלע קריזיסן: יעדער קריזיס איז געווען ערגער פון אַלע פריערדיקע. די אַרבעטער אַלץ מער פאַר־שקלאַפט, אַלץ מער פאַראָרימט. און כאָטש לעבנס־אום־שטענדן זיינען אין אייניקע וועגן געוואָרן אַ ביסל בעסער, איז די שקלאַפעריי דאָך געוואָרן ערגער.

אין 1886 האָט פראַנקרייך, וועלכע האָט אויך געהאַט אַ רעוואָלוציע, געגעבן אַמעריקע — עם קלינגט איראָניש — די באַרימטע סטאַטוע פון פרייהייט, וואָס שטייט אין דעם ניו־יאָרקער האַפן; אימיגראַנטן זאָלן עס זען און טראַכטן, אַז אַמעריקע איז אַ פריי לאַנד, און אַז ניו־יאָרק איז אַ גאָלדענע שטאָט.

* * *

ביז 1900 זיינען קיינע וויכטיקע זאַכן ניט פאָרגעקומען; אינדוסטריע און האַנדל האָבן זיך אַנטוויקלט. דער קאַפּי־טאַליזם האָט זיך פאַרשטאַרקט, און — מער ניט. דאָס —

לויט די געשיכטע־ביכער. אין דער עמעסן, אָבער, איז אין די יאָרן זייער אַ סאַך געשען.

אין די יאָרן 1882—1900 איז די אימיגראַציע אין אַמע־ריקע געווען זייער גרויס. דאָס לאַנד איז פאַרפּלייצט גע־וואָרן מיט אימיגראַנטן, וועלכע זיינען געקומען אין אַמעריקע — דאָס גאָלדענע לאַנד פון פרייהייט און רייכטום. פון די אימיגראַנטן זיינען אַ גרויסער טייל — ספּעציעל אידן און איטאַליענער — געבליבן אין ניו־יאָרק.

די אימיגראַציע האָט אין ניו־יאָרק פיל געטאָן: ערש־טענס, האָט זי אַריינגעגעבן דעם גרעסטן טייל פון דעם האַנדל פון ניו־יאָרק אין די הענט פון אידן; צווייטנס, האָט זי געמאַכט פון ניו־יאָרק אַ קאָסמאָפּאָליע, אַ קעסל־גרוב פון אַלערליי פעלקער און ראַסן; און דריטנס, האָט זי געגעבן די אַרבעטער־באַוועגונג אַ גרויסן שטופּ פאָראויס, ווייל די אימיגראַציע האָט פאַרערגערט אַרבעטס־אומשטענדן, און אויך ווייל אַ סאַך אימיגראַנטן זיינען געווען אַנטלאָפענע סאָציאַליסטן.

דערפאַר, טאַקע, איז אין די יאָרן דער אַרבעטער־קלאַס געוואָרן מער און מער באַוואוסטזיניק. וואָס מער די שקלאַפעריי האָט זיך פאַרערגערט, אַלץ מער האָט מען גע־סטרייקט און רעוואָלטירט; און וואָס מער מען האָט גע־סטרייקט, אַלץ מער ברוטאַל האָט מען צעבראָכן די סטרייקס — כאָטש מען האָט דורכגעפירט „געזעצן", וועלכע האָבן לעגאַליזירט דעם סטרייק.

ניו־יאָרק — אַן אינדוסטריעלער צענטער — איז קימאַט אַלעמאָל געווען מער ראַדיקאַל, ווי די אַנדערע גרויסע שטעט: מען האָט מער געסטרייקט, מער רעוואָלטירט; און מען איז מער ברוטאַל באַהאַנדלט געוואָרן.

* * *

אין 1914 איז געקומען די וועלט־מילכאָמע, און אין 1918 איז אַמעריקע אויך אַריין אין קריג. דורך די יאָרן — 1914—1918 — איז די פּראָדוקציע געשטיגן, און פרייזן

זיינען אַרויף זייער הויך. סכירעס זיינען אויך געשטיגן — דאָס הייסט, די אַבסאָלוטע סכירעס זיינען געשטיגן. די צאָרע איז נאָר, וואָס מיט די העכערע סכירעס האָט מען ניט געקענט קויפן מער, אָדער לעבן בעסער, ווי פריער.

דורך דער צייט, אויך, איז די באַציאונג צו סטרייקס, און צום קלאַסן־קאַמף אין אַלגעמיין, געווען זייער אַ שלעכטע. די אַרבעטער האָבן אויפגענומען דעם סאָציאַליזם, זיינען געוואָרן מער קלאַסן־באַוואוסטזיניק; אָבער — יעדער סטרייק, יעדער וואָרט וועגן סאָציאַליזם אָדער פּאַסיפיזם, איז אָנגענומען געוואָרן אַלס אַ סימן פון „פּראָ־דייטש“־קייט, און איז גלייך דערשלאָגן געוואָרן.

איצט, 12 יאָר נאָך דער מילכאָמע, איז ניו־יאָרק — אַמעריקע — די גאַנצע קאַפּיטאַליסטישע וועלט — אין זייער אַ שלעכטן צושטאַנד. דער פינאַנציעלער קריזיס איז אַ ביטערער; די אַרבעטסלאָזיקייט איז ערגער ווי ווען־עס־איז פריער; און — „ערגער“ פון אַלץ — די אַרבעטער ווערן מיט יעדן טאָג מער און מער מיליטאַנט.

ווער ווייס: עפשער וועט דער נעקסטער וויכטיקער פונקט אין דער געשיכטע פון ניו־יאָרק קומען אין גיכן, אין דער פאָרמע פון — רעוואָלוציע!

בען לעווין:

ווי מען פאַרט אין ניו-יאָרק

איינע פון די אינטערעסאַנטסטע און וויכטיקסטע אייגנ־שאַפטן פון דער ריזיקער שטאָט ניו־יאָרק איז דאָס, וואָס זי רירט זיך און באַוועגט זיך אויף טויזנטער אויפאַנים און מיט די שנעלסטע מיטלען, טאָג און נאַכט, 365 טעג אַ יאָר, יאָר־איין, יאָר־אויס, אָן אויפהער. די טראַנספּאָרטאַציע פון ניו־יאָרק, אי פון איינוואוינער, אי פון פאַרשידענע פּראָדוקטן, וועלכע די איינוואוינער פאַרברויכן, שטעלט מיט זיך פאָר אַ גיגאַנטישע קראַפט אָן וועלכער דאָס גאַנצע לעבן פון ניו־יאָרק איז אינגאַנצן אָפּהענגיק. די גרויס פון דער ניו־יאָרקער באַפעלקערונג, וועלכע באַשטייט פון איבער זעקס מיליאָן מענטשן, דער גרויסער פאַרנעם פון דער שטאָט ניו־יאָרק אַליין, וועלכע איז צעשפּרייט איבער 327 סקווער מייל לאַנד, און דער פאַקט, וואָס די אַרבעטער פון די פאַר־שיידענע אינדוסטריעס פון שטאָט זיינען קאָנצענטרירט און אַרבעטן אין באַזונדערע טיילן פון שטאָט, — מאַכט נייטיק אַז ניו־יאָרק זאָל האָבן די גרעסטע און בעסט־אָרגאַניזירטע פאַרקער־מיטלען, וואָס איז נאָר מעגלאַך. דערצו פאָדערט דער טעמפּ פון דעם ניו־יאָרקער לעבן, אַז די **פאַרקער־**מיטלען זאָלן זיין שנעל און פּינקטלאַך.

קדיי צו באַפרידיקן אָט די באַדערפעניש זיינען פאַראַן אין ניו־יאָרק הונדערטער מיילן טראַמוויי־ליניעס אַף די גאַסן פון שטאָט, אונטערערדישע באַן־ליניעס (סאָבוויים) און לאַנגע באַן־ליניעס איבער די גאַסן. אָבער אַזוי ווי דער צענטער פון דעם ניו־יאָרקער לעבן אין דער דאָרעם־טייל פון אינזל מאַנ־העטן, וועלכער איז אַרומגערינגלט פון וואַסער אַף אַלע זייטן,

— זיינען פאַראַן ספּעציעלע אויפאַנים, ווי אַזוי צו פאַרבינדן אַלע טיילן פון ניו־יאָרק טראָץ די טייכן האָדסאָן, האַרלעם, איסט ריווער, און דער האַפן. דערפאַר זיינען פאַראַן אין ניו־יאָרק הונדערטער פּאַסאַזשיר־שיפן (פּערים) אַף די דער־מאָנטע טייכן און אַף די וואַסערן פון האַפן, וועלכע פירן טויזנטער אַרבעטער יעדן טאָג צו און פון דער אַרבעט. די פּערים פירן אויך אויטאָמאָבילן. אונטער די טייכן האָדסאָן און איסט ריווער זיינען פאַראַן צווישן די גרעסטע און לענגסטע טונעלן פון דער וועלט, דורך וועלכע עס פאָרן טעגלאַך הונדערטער טויזנטער אויטאָמאָבילן, וואַגענער און באַנען. איבער די וואַסערן פון שטאָט זיינען אויך פאַראַן פיל פון די גרעסטע און באַרימטסטע בריקן פון דער וועלט. ס׳איז קדיי צו באַמערקן, אַז אַף דעם געביט פון לופט־פאַרקער איז ניו־יאָרק אויך זייער אַנטוויקלט. אין די לעצטע צען יאָר זיינען אויפגעבויט געוואָרן אַרום דער שטאָט און אין די אויסערלאַכע טיילן פון שטאָט צענדליקע עראָפּלאַן־פעלדער. דערצו פּלאַנעוועט מען אויפצובויען אין צענטער פון שטאָט אַ ריזיקן הימלקראַצער, איבער 1000 פוס די הויך, וואָס וועט זיין די גרעסטע געביידע אין דער וועלט, און אַף דעם אויפצובויען אַ מאַסט 300 פוס די הויך, קדיי צעפּעלינען זאָלן קענען אַנקערן. אויב דאָס וועט פאַרווירק־לאַכט ווערן, וועט זיין מעגלאַך אַרויספליען און אַריינפליען גלייך אין צענטער פון שטאָט.

אַ ניו־יאָרקער שטעלט זיך זעלטן אָפּ צו באַוואונדערן די מערקווירדיקע דערשיינונג פון ניו־יאָרק, וואָס מאַכט מעג־לאַך, אַז מיליאָנען אַרבעטער זאָלן קענען פאָרן צו זייער אַרבעט און פון זייער אַרבעט אין באַשטימטע צייטן פון טאָג; ווייל ער איז שוין צוגעוואוינט צו דעם. עס איז פאַר אים קיין גרויסער פאַרגעניגן ניט, ווייל כאָטש די סאַבוויים, טראַמווייען און עלעווייטעדס שטעלן מיט זיך פאָר אַ מעכטיקע סיסטעם פון פאַרקער־מיטלען, זיינען זיי אָבער ווייט נישט גענוג צו פירן אַזאַ גרויסע מאַסע מענטשן אַזוי,

אַז זיי זאָלן זיין באַקוועם. יעדער איינוואוינער פון ניו־יאָרק איז גוט באַקאַנט מיט די „ראַש־אַוערס", ווייל קימאַט יעדער איינער ליידט פון זיי. די שרעקלאַכע ענגשאַפט האָט פאַרשיידענע אורזאַכן. ערשטנס זיינען איינפאַך נישט פאַראַן גענוג פאַרקער־מיטלען, אָבער דאָס וויכטיקסטע איז דאָס, וואָס אין באַשטימטע ציַיטן פון טאָג גייט קימאַט דער גאַנצער פאַרקער פון שטאָט אין איין ריכטונג. אַזוי לעמאָשל זעען מיר, אַז פון 6:30 ביז 9:00 אינדערפרי פאָרן הונדערטער טויזנטער אַרבעטער פון בראָנקס, ברוקלין און סטעטן־איילאַנד צו דער אַרבעט אין מאַנהעטן, אין צענטער פון שטאָט, אָדער צו די אָפיסעס אָדער אין די שעפּער. די זעלבע מאַסנע אַרבעטער פאָרט צוריק אַהיים צווישן 5 און 6:30 אין אָוונט. די שטראָמען אַרבעטער אין איין ריכטונג יעדן אינדערפרי און אין אָוונט פאַראורזאַכט די טרויעריק־באַרימטע „ראַש־אַוערס". דאָס איז, נאַטירלאַך, ניט די שולד פון די אַרבעטער, נאָר פון דער שטאָט־רעגירונג, וועלכע ווערט געפירט פון קאָרופּטירטע טעמעני־פּאָליטישנס און פון די טראַנספּאָרטאַציע קאָמפּאַניס, וועמען עס גייט זייער ווייניק אָן די נויטן פון די איינוואוינער און וועלכע זיינען נאָר פאַראינטערעסירט צו מאַכן וואָס גרעסערע פּראָפיטן.

איצט לאָמיר זען ווי די ניו־יאָרקער איינוואוינער, מענער און פרויען, יונגע און אַלטע, „הונדערט־פּראָצענטיקע אַמעריקאַנער" און אימיגראַנטן אַרבעטער פון פאַרשיידענע לענדער פאָרן יעדן טאָג צו און פון זייער באַשעפטיקונג.

אינדערפרי, באַלד נאָך 6 אַזייגער, פאַנגט אָן ווערן לעבעדיק אין די גאַסן פון ניו־יאָרק. אין די געגנטן אַרום דעם אינדוסטריעלן צענטער פון שטאָט, וואו עס וואוינען די ניו־יאָרקער אַרבעטער, באַמערקן זיך שוין אַרבעטער, וועלכע גייען צו דער אַרבעט, מיט נאָך האַלב־פאַרשלאָפענע אויגן. אין געוויסע געגנטן פון בראָנקס און ברוקלין, וואו עס איז ניט פאַראַן קיין דירעקטע באַן־ליניע, דאַרפן די אַרבעטער

צוערשט נעמען אַ קאַר (טראַמוויי) און פאָרן צו דער נאָענט־סטער באַן־סטאַנציע. אַזוי מוזן אַ היבשע צאָל אַרבעטער באַצאָלן צוויי מאָל „פעיר" קדיי צו פאָרן צו דער אַרבעט.

די טראַמווייען, וועלכע לויפן אַף די גאַסן פון ניו־יאָרק 24 שאָ אַ טאָג און פירן צו אַלע פאַרוואָרפנסטע ווינקלאַך פון שטאָט, זיינען ניט קיין נייע דערשיינונג. טראַמווייען זיינען שוין באַנוצט געוואָרן אַף די גאַסן פון שטאָט נאָך אין יאָר 1832. פון דאַמאָלסט ביז'ן יאָר 1893 זיינען די טראַמווייען געשלעפּט געוואָרן פון פערד, נאָר אין יענעם יאָר איז די טרייב־קראַפט געוואָרן עלעקטריע. פערד היינט־צו־טאָג האָבן ביכלאַל ווייניק פּלאַץ אַף די גאַסן פון שטאָט. דער פערד און וואָגן, אַלס דער איינציקער פאַרקער־מיטל, איז שוין לאַנג, לאַנג פאַרשוואונדן געוואָרן. פערד ווערן איצט באַנוצט בלויז פאַר געוויסע „הויז"־צוועקן, ווי די מילך־און וועש־געשעפטן. קדיי זיך פאָרצושטעלן די וויכטיקייט פון טראַמווייען אין דעם ניו־יאָרקער לעבן, דאַרף מען זיך אָפּשטעלן אַפ'ן פאַקט, אַז אין יאָר 1929 זיינען געפאָרן אַף די הונדערטער מיילן טראַמוויי־ליניעס אין ניו־יאָרק איבער אַ ביליאָן פּאַסאַזשירן (ד. ה. באַצאָלטע 5־סענטיקע פעירס). די טראַמוויי־קאָמפּאַניס האָבן אין יענעם יאָר געמאַכט אַ פּראָפיט פון $43,503,000. ס'איז וויכטיק צו באַמערקן, אַז די גרויסע פּראָפיטן האָבן די קאָמפּאַניעס געמאַכט אַפ'ן כעשבן פון זייערע אַרבעטער. ס'איז אַלעמען באַקאַנט, אַז ביז ניט לאַנג צוריק האָבן צוויי אַרבעטער געפירט אַ קאַר: אַ מאָטאָרמאַן און אַ קאָנדוקטאָר. איצט האָבן די קאָמפּאַניס איינגעפירט אַף קימאַט העלפט קאַרס פון ניו־יאָרק די סיסטעם פון איין אַרבעטער אַף אַ קאַר, וועלכער איז אי מאָטאָרמאַן, אי קאָנדוקטאָר. טויזנטער אַרבעטער זיינען אַזוי אַרום אַרויסגעוואָרפן געוואָרן פון דער אַרבעט. די מאָדערנע ראַציאָנאַליזאַציע־מעטאָדן האָבן זיי אויך דער־גרייכט.

אין די לעצטע פאַר יאָר האָבן די טראַמווייען צוגעקראָגן

נאָך אַ שטאַרקן קאָנקורענט — די באָסעס. די באָסעס, וועלכע ווערן באַנוצט, אַזוי ווי די טראַמווייען, פאַר לאָקאַלן פאַרקער, זיינען איינגעפירט געוואָרן אין פילע טיילן פון שטאָט, וואו ס'זיינען פריער נישט געווען קיין דירעקטע פאַרקער־מיטלען. די באָס־קאָמפּאַניס רייסן וואָס מער „פעירס" פון די ניו־יאָרקער איינוואוינער. אין געוויסע ערטער מוז מען באַצאָלן 10, 15 אָדער אַפילו 20 סענט. אַז ווי זיינען אַ וויכטיקער פאַקטאָר אין דעם פאַרקער־סיסטעם קען מען זען פון דעם פאַקט, וואָס דורכ'ן יאָר 1929 האָבן זיי געפירט 61,672,950 פּאַסאַזשירן (ד. ה. באַצאָלטע פעירס).

איצט קומען מיר צו די סאַמע וויכטיקסטע פאַרקער־מיטלען פון שטאָט — די „עלעווייטעדס" און די „סאָבוויים".

גלייך אינדערפרי, ווען אַרבעטער פון אַלע טיילן פון שטאָט שטראָמען אין איין ריכטונג צו דער אַרבעט, זיינען די „עלס" און סאָבוויים איבערגעפּאַקט. אַף די סאָבוויים און „עלס" קען מען טרעפן פאַרשטייער פון אַלע לענדער אין דער וועלט, וועלכע רעדן צענדליקע פרעמדע שפּראַכן און לייענען צייטונגען אַף זייערע שפּראַכן. די מערסטע „סטרעפּ־הענגערס" זיינען אָרימע אַרבעטער, וועלכע מוזן אַרויסיאָגן פון זיך די נעשאָמע, קדיי מאַכן אַ לעבן. באַ יעדער סטאַנציע, וואו די באַן שטעלט זיך אָפּ, שפּאַרן זיך אַריין נאָך און נאָך מענטשן, ביז עס ווערט שווער צו אָטעמען. עס הערן זיך אָפט אויסגעשרייען: „פאַרמאַך די טיר, שוין גענוג!" אָבער די שפּעט־געקומענע לויפן נאָך אַלץ קדיי זיך אַריינצוכאַפּן אינעווייניק. אַזוי פּאַסירט באַ יעדן אָפּשטעל־פּונקט, כאָטש עס קומט אָן אַ נייע באַן יעדע 4 אָדער 5 מינוטן. די סטאַנציעס אין צייט פון „ראַש" זיינען איבערגעפילט מיט אומגעדולדיקע, נערוועזע מענטשן. אַף די געזיכטער פון די אַרבעטער זעט מען נאָך די מידקייט פון זייער אַרבעט. דערפאַר זעט מען אַזויפיל נערוועזע און אָפּטמאָל בייזע פּענימער. פילע לייענען פאַרשידענע צייטונגען, וועלכע

ווערן פאַרקויפט לעבן די סטאַנציעס. מערסטע אַרבעטער לייענען ניט די אַרבעטער־פּרעסע, נאָר זיינען אונטער'ן איינפלוס פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּרעסע, וועלכע פאַרשטאָפּט זיי די מוחות מיט זייער רעאַקציאָנערער פּראָפּאַגאַנדע. דאָס איז אַ טרויעריקער עמעס, אָבער דאָך קען מען איצט זען אָפטער און מערער אַרבעטער, וועלכע לייענען די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער־צייטונגען, „מאָרגן־פרייהייט" און „דיילי וואָרקער". פילע אַרבעטער רעדן מיט זייערע כאַווײרים וועגן פאַרשידענע פּראָגעס. אַנדערע שפּאַצירן הין און צוריק וואַרטנדיק אָף זייער באַן. אַזוי נאָר ווי עס שטעלט זיך אָפּ די באַן, גיבן זיך אַלע אַ יאָג צו די טירן און אין אַ פּאָר סעקונדן פאָרט מען ווייטער. ס'איז אַ שרעקלאַכע ענגשאַפט, נאָר מען איז צו דעם צוגעוואוינט. יעדן טאָג איז דאָך אַזוי.

מען קען באַגעגענען די פאַרשידנסטע טיפּן אין די סאָבוויים און „עלם". אָט באַווייזן זיך צוויי איטאַליענישע אַרבעטער, אָרים געקליידט און שמוציק. וועגן וואָס זיי ריידן איז ניט קלאָר, אָבער ביי זיי מוז עס זיין זייער וויכטיק. איינער בייזערט זיך, גיט אַ וואָרף מיט דער האַנט און אַ דריי מיט'ן קאָפּ קדיי איבערצוציייגן יענעם, און זיי רעדן ווייטער. קעגנאיבער זיי זעט מען שטייענדיק אַ יונגע כעוורע, וועלכע גייט זיכער ניט אין אַ סקול נאָר צו דער אַרבעט. זיי זעען אויס געזונט און שטאַרק. זיי קיבעצן זיך קסיידער און לאַכן אָפּט פון זייערע וויצן. די יונגע אַרבעטער גייען צו זייער אַרבעט פול מיט מוט און ענערגיע און לאַכן פון דער וועלט. זיי זיינען זיכער, אַז זיי וועלן זיך אַרויפאַרבעטן און ווערן רייך אין אַ קורצער צייט. אַזוי זאָגן זיי אַליין. איינער דערציילט, אַז זיין באָס האָט אים צוגעזאָגט אַ „רעיז" אַלע פּאָר כאַדאָשים, אויב ער וועט אַרבעטן גוט און פלייסיק און וועט זיין אַ טרייער באַדינער דעם באַלעבאָס. די אַנדערע רעדן אויך אַזוי, און זיי דריקן אויס גרויס אָפּטימיזם. ס'ליגט זיי גאָרניט אין זינען, אַז

זיי, די יונגע אַרבעטער, זיינען עפשער די ערגסטע עקס־פּלואַטירטע אַרבעטער אין לאַנד. אַזוי האָט זיי דער קאַפּי־טאַליסטישער קלאַס אויפגעהאָדעוועט, אַז זיי זאָלן זיין בלינדע פּאַטריאָטן פון זיין הערשאַפט און טרייע שקלאַפן דער אינדוסטריע. לעבן זיי זיצט אָבער אַ גאַנץ אַנדערע גרופּע אַרבעטער, וועלכע ווייסן גוט זייער פּלאַץ אין דער געזעלשאַפט. זיי רעדן וועגן זייער יוניאָן און זייערע יוניאָן־טעטיקייטן. זיי רעדן מיט צאָרן וועגן די ברעכער פון זייער יוניאָן, און זיי זיינען איינשטימיק, אַז מען דאַרף זיי אויס־ראָטן פון וועג און ווייטער אָנגיין מיט די יוניאָן־טעטיקייטן, אָרגאַניזירן וואָס מער שעפער און אָפּשאַפן די סוועט־שאָפּ באַדינגונגען, וועלכע די יוניאָן־פאַרטרעטער האָבן אָף זיי ארויסגעצוואונגען. אַן אַרבעטער ווייזט אָף זיין פּלייצע, ווי עס טוען אים נאָך אַלץ וויי די קלעפּ, וועלכע ער האָט געקראָגן פון דער פּאָליציי אין צייט פון סטרייק. ער רעדט מיט ביטערקייט וועגן דער שווערער לאַגע און פאַרדאַמט די פאַררעטערישע פירער פון זיין יוניאָן. ער זאָגט מיט שאַרפע און אַנטשלאָסענע ווערטער, אַז אויב אַ גענגסטער וועט אים נאָכאַמאָל קומען אַנטקעגן וועט ער אים צעברעכן אַלע ביינער. אַלע אַנדערע שטימען באַלד צו, אַז אַזוי דאַרף מען טאָן. איינער כאַפּט ארויס אַ „מאָרגן־פרייהייט" פון קעשענע און ווייזט אַן אָף די שעפער, וועלכע זיינען דער־קלערט געוואָרן אין סטרייק און וועגן די צאָל צעשלאָגענע און אַרעסטירטע סטרייקער.

די באַן פאָרט ווייטער און מען וועט באַלד אַראָפּגיין. מער מענטשן קען מען שוין ניט אַריינגעמען. יעדער וואָרט מיט אומגעדולד. אין איין ווינקל געפינט זיך אַ גרופּע האַי־סקול מיידלאַך, וועלכע פאָרן לערנען. זיי רעדן אָף די הויכע טענער און מען קען זיי הערן איבער דער גאַנצער קאַר. מען הערט זייערע פריילאַכע שטימען איבער דעם רויש פון דער לויפנדיקער באַן. זיי זיינען פול מיט מוט און ענערגיע. יעדע פאָר סעקונדן ברעכט אויס ביי זיי אַ נייער

געלעכטער, אַפילו צוליב אַ גאָרנישט. פאַרוואָס ניט לאַכן? ס'איז זיי גוט און וואויל ווי די וועלט, און זיי לאַכן פון אַלץ אין דער וועלט און פון זיך אַליין. אַ פּאָר דערציילן וויצן, אַנדערע זאָגן אויס זייערע סוידעס וועגן די „גוד־טיימס", וועלכע זיי האָבן געהאַט און די „פּאַרטיס" צו וועלכע זיי וועלן גיין און אַמוזירן זיך. וועגן עפּעס אַנדערש ליגט זיי גאָרניט אין זינען.

נישט ווייט פון זיי זיצט אַן אַרבעטער־מיידל מיט אַנגעשמירטע ליפּן, קייענדיק גאָם אַזוי שנעל ווי די באַן לויפט. זי לייענט די „דזשאָוקס" אין איר ביליקער צייטונג. די וויצן אַמוזירן איר מער נישט, ווייל זי איז שוין גוט באַקאַנט מיט זיי. אירע אויגן זיינען האַלב־פאַרמאַכט און איר פּנים — בלאַס. זי פּאָרט ניט אַרבעטן אויס פאַרגעניגן.

בײַ דער טיר שטייען צוויי פיין־געקליידעטע מענטשן, ציכטיק און ריין, מיט אָפּגעפּוצטע שיך און געפּרעסטע הויזן. זיי קוקן אַריין זייער אַנגעשטרענגט אין די פינאַנץ־זייטן פון זייער צייטונג, ווי זייער לעבן וואָלט אין דעם געווען אָפּהענגיק. זיי זיינען זיכער נישט קיין באַנקירן. באַנקירן פאָרן נישט אין סאָבווייס. זיי זיינען די באַוואוסטע „ווייסע קאָלנער" שקלאַפן, וועלכע אַרבעטן אין די אָפיסעס פון די באַנקירן, וועלכע פירן אָן זייערע שווינדלערישע געשעפטן אויף דעם רעכענונג פון די אַרבעטער־מאַסן. און קדיי צו מאַכן פון זיי טרייערע שקלאַפן, איז איינגעפירט, אַז יעדער אַרבעטער זאָל האָבן כאָטש איין שער, אַזוי אַז ער זאָל גלויבן, אַז ער איז אויך אַ שותף אין די געשעפטן. איינער גיט פלוצלינג אַ ברייטן שמייכל: זיינע סטאָקס זיינען אַרויף אַ האַלבן „פּאָינט". דער אַנדערער שמייכלט שוין גאָרנישט. זיין פּנים איז לאַנג אויסגעצויגן און עס זעט זיך אַ קנייטש פון ווייַ אָפּ'ן שטערן. „וואָס איז דער מער?" פרעגט אים דער „באַגליקטער" אָפּגענאַרטער אַרבעטער. „אַ פּאָינט מיט אַ האַלב אַרונטער," איז דער קאַלטער ענטפער.

ווען די באַן קומט אָן אין די דאַונטאַונער געגנטן, פּאַנגט

מען אָן אַרויסצוגיין און עס ווערט גראַמער. די מענטשן, וועלכע האָבן זיך פאַרקוקט אָף דער לאַנגער ריי אַדווערטייז־מענטס אין דער הויך פון דער קאַר, וואָס האָבן דערציילט וועגן אַלערליי גליקן וועלכע מען קען איינקויפן, פאַרלאָזן שנעל די קאַר און איילן זיך צו זייער אַרבעט. די פרייע לופט פרישט זיי אָפּ אַ ביסל און זיי זיינען גליקלאַך, וואָס זיי זיינען אַרויס פון דער שטיקעניש פון דער סאָבוויי.

אַזוי פאָרן זיי יעדן טאָג צו דער אַרבעט אינדערפרי און פון דער אַרבעט אין אָוונט. מידע, האַלב־פאַרשלאָפענע פאָרן זיי אַהיים אָף די זעלבע אונטערערדישע ליניעס. דער טאָג־טעגלאַכער רוטין איז איין יאָגעניש צו דער אַרבעט, נאָך מער אין צייט פון אַרבעט און דאַן וואָס שנעלער אַהיים־קומען זיך אָפּרוען. יעדע מינוט רעכנט זיך. יעדער איינער, וואָס פאָרט אין די סאָבווייס, ווייסט פינקטלאַך וויפיל צייט עס דאַרף אים נעמען צו פאָרן צו דער אַרבעט. דער נער־ווען טעמפעראַמענט איז אַ רעזולטאַט פון דער שטענ־דיקער יאָגעניש און טומל פון פאָרן. דער ניו־יאָרקער סאָבוויי־פאָרער איז שוין געוואָרן אַ טייל פון דעם גרויסן פאַרקער־מעכאַניזם פון ניו־יאָרק. — זיין פאָרן אָף די סאָב־ווייס און „עלס" איז געוואָרן אַ נויטווענדיקער טייל פון זיין לעבן.

קדיי צו באַגרייפן די וויכטיקייט פון די ניויאָרקער סאָב־ווייס און „עלס" איז זייער נייטיק צו וויסן ווי זיי זיינען אָרגאַניזירט און פאַרשפרייט. די באַן־ליניעס איבער די גאַסן („עלס") פון ניו־יאָרק האָט מען אָנגעהויבן בויען נאָך מיט 60 יאָר צוריק. אין 1870 האָט אָנגעפאַנגען לויפן דער נײַנטע עוועניו „על" ; אין 1879 — די זעקסטע עוועניו ליניע ; דער דריטע עוועניו „על"— אין דער זעלבער צייט, און די צווייטע עוועניו ליניע — מיט אַ פאָר יאָר שפעטער. די אַלע ליניעס האָבן פילע צווייגן און לויפן אין פאַרשיידענע טיילן פון שטאָט. די פיר דערמאָנטע ליניעס קומען זיך אַלע צוזאַמען ביי סאַוט פערי אָדער בעטערי פלאַץ. פון דאָרט לויפן זיי

זיך פאַנאַנדער אין פאַרשידענע טיילן פון שטאָט, אָבער אַלע לויפן אין איין ריכטונג — דאָרעם־צאָפן. די זעקסטע עוועניו און די ניינטע עוועניו עלעווייטעדס האָבן אין 1918 אָנגעפאַנגען לויפן אַף די קינגסברידזש און דזשעראָם עוועניו ליניעס, און אין 1919 זיינען זיי געפאָרן ביז וואודלאָן ראָוד, אַזוי ווי היינט. דער צווייטע עוועניו „על" ענדיקט זיך בא דער 129טער גאַס, וואו ער לויפט זיך צוזאַמען מיט דער דריטער עוועניו ליניע, וועלכע לויפט דורך די בראָנקס, ביז בראָנקס פאַרק און גאָן־היל ראָוד. בא דער 149טער גאַס איז פאַראַן אַ פאַרבינדונג צווישן 3טע עוועניו עלעווייטעד און די לעקסינגטאָן עוועניו סאָבוויי.

אין די באָראָס ברוקלין און קווינס לויפן זעקס פאַרשידענע עלעווייטעד ליניעס. די קאָלווער עוועניו ליין, מוירטל עוועניו ליין, פולטאָן סטריט ליין, לעקסינגטאָן ליין, און פיפט עוועניו ליין לויפן אַלע אַריין אין פאַרק ראָו, דורכ'ן ברוקלין ברידזש.

די געשיכטע פון דער סאָבוויי, וואָס איז דער וויכטיקסטער פאַקטאָר אין דער פאַרקער־סיסטעם פון ניו־יאָרק אין פאַרגלייך מיט אַנדערע פאַרקער־מיטלען, איז גאָר אַ קורצע, אינגאַנצן 26 יאָר. די סאָבוויים, וועלכע זיינען באַרימט איבער דער גאַנצער וועלט, שטעלן מיט זיך פאָר אַ גאַנצע אונטערערדישע שטאָט און שפיגלען אָפּ דאָס גאַנצע לעבן פון שטאָט. די ערשטע סאָבוויי־ליניע איז אויפגעעפנט געוואָרן פאַר'ן פובליקום אָקטאָבער 27, 1904. די סאָבוויי איז געלאָפן פון דעם ניו־יאָרקער סיטי האָל ביז 96 טע גאַס, וואו זי האָט זיך אויסגעצווייגט אין צוויי ריכטונגען,— איינע לויפנדיק ביז וואַן קאָרטלאַנד פאַרק, אַף דער וועסט־סייד, און די אַנדערע ביז בראָנקס פאַרק, אַף דער איסט־סייד. שפּעטער, ווען מען האָט צוגעבויט אַ צווייג וואָס איז געלאָפן ביז פלאַטבוש עוועניו, ברוקלין, האָט די גאַנצע ליניע אַנטהאַלטן 25.26 מייל רעלסן. אין דעם ערשטן יאָר האָט די נייע סאָבוויי געפירט 109,503,000 פאַסאַזשירן, און צוזאַמען

מיט די עלעווייטעד ליניעס איז די צאָל געווען 383,643,000 פּאַסאַזשירן.

די סאָבוויי-סיסטעם האָט זיך מערקווירדיק שנעל פאַרשפּרייט. די פאָלגנדיקע ציפערן קענען אָנווייזן אַפ'ן שנעלן וואוקס פון דער פאַרקער-סיסטעם אין ניו-יאָרק: אין 1914 איז די צאָל פּאַסאַזשירן געווען 836,947,400; אין 1924 איז די צאָל געווען 1,611,538,000; און אין 1929 האָט די צאָל פּאַסאַזשירן דערגרייכט 1,971,845,159.

די ניו-יאָרקער איינוואוינער האָבן די סאָבוויים אָפּגעקאָסט אַ היפּש גרויס פאַרמעגן, כאָטש זיי געניסן זייער ווייניק פון דעם. די שטאָטישע רעגירונג האָט אין די קאָנטראַקטן, וואָס זי האָט אין 1903 געמאַכט מיט די סאָבוויי-קאָמפּאַניס, אָנגענומען צו באַצאָלן העלפט פון דער קאָסט פון בויען די נייע סאָבוויים, ביז צו אַ געוויסן פּונקט. די קאָנטראַקטן האָבן אויך געלויטעט, אַז אויב די פּראָפיטן פון דער קאָמפּאַני וועלן דערגרייכן איבער אַ געוויסן פּונקט, זאָל אַ געוויסער פּראָצענט פון די פאַרדינסטן גיין צו דער שטאָט. ביז היינטיקן טאָג האָבן די ניו-יאָרקער סאָבוויים אָפּגעקאָסט דער רעגירונג (ד. ה. די איינוואוינער) $115,609,798. די נייע סיסטעם פון סאָבוויים, וואָס וועט לויפן הויפּטזעכלאַך אונטער דער אַכטער עוועניו, וועלכע ווערט געבויט אינגאַנצן פון דער שטאָט, וועט אָפּקאָסטן $650,000,000 — צוזאַמען וועט ניו-יאָרק האָבן אַריינגעלייגט אין די סאָבוויים $832,000,000. פּלענער ווערן איצט געמאַכט פאַר נייע צוגאָבן צו דער סאָבוויי-סיסטעם, וועלכע וועלן אָפּקאָסטן דער שטאָט איבער $600,000,000.

היינט-צו-טאָג זיינען פאַראַן אין ניו-יאָרק איבער 129 מייל סאָבוויי-ליניעס. 54 מייל נייע רעלסן זיינען שוין פאַרטיק, אָבער ווערן נאָך ניט באַנוצט, און 37 מייל ווערן געבויט איצט. די ציפערן ווייזן אָן אַף דעם מערקווירדיקן וואוקס, ניט בלויז פון די פאַרקער-מיטלען, נאָר אויך פון דער שטאָט אַליין.

דער קאָנטראָל איבער די ניו־יאָרקער סאָבוויים און „עלס" ליגט אין די הענט פון צוויי באַן־קאָמפּאַניס: די „אַי. אַר. טי." (אינטערבאָראָ רעפּיד טראַנזיט קאָמפּאַני) און די „בי. עם טי." (ברוקלין־מאַנהעטן טראַנזיט קאָמפּאַני). די ליניעס פון דער אַי. אַר. טי. לויפן אין די באָראָס: בראָנקס, מאַנהעטן און ברוקלין. די ליניעס פון דער ברוקלינער קאָמפּאַני לויפן הויפּטזעכלאַך אין ברוקלין און קווינס, און לויפן ביז מאַנהעטן.

איצט פרעגט זיך אַ פראַגע: אויב די פאַרקער־סיסטעם איז אַזאַ גרויסער און מערקווירדיקער קויאַך אין דעם ניו־יאָרקער לעבן און האָט זיך אַזוי ברייט אַנטוויקלט אין אַזאַ קורצער צייט, — וואָס איז די אורזאַך פון דער שרעקלאַכער ענגשאַפט אַף די פאַרקער־מיטלען און פון די פראָטעסטן פון די איינוואוינער און פון דעם גאַנצן פּאָליטישן טומל, וואָס קומט אָלץ פאָר פאַר די לעצטע עטלאַכע יאָר? דער ענטפער איז זייער אַן איינפאַכער: אי די פאַרקער־קאָמפּאַניס, אי די טעמעני־רעגירונג, וועלכע ליגט אונטער זייער קאָנטראָל, נעמען זיך זייער וויניק צום האַרצן די באַדערפענישן פון די ניו־יאָרקער איינוואוינער. די קאָמפּאַניס זוכן נאָר, אַז זייערע פּראָפיטן זאָלן וואָס שנעלער וואַקסן, און די טעמעני־פּאָליטישנס זוכן נאָר צו שלאָגן פּאָליטישן קאַפּיטאַל פון דער שווערער לאַגע.

בײדע קאָמפּאַניס, אי די אַי. אַר. טי., אי די בי. עם טי., שרייען אַף די הויכע טענער, אַז די איצטיקע 5־סענט פעיר איז ווייט ניט גענוג פאַר זיי, ווייל זיי מאַכן ניט גענוג מיליאָנען פּראָפיטן. די טעמעני־פּאָליטישנס ווידער, מאַכן אַן אָנשטעל, אַז זיי קעמפן העלדיש פאַר די אינטערעסן פון דער ניו־יאָרקער באַפעלקערונג. אין צייט פון די וואַלן איז דאָס געווען די גרעסטע אישו. אַלע קאַפּיטאַליסטישע פּאַרטייען: די דעמאָקראַטישע, רעפּובליקאַנישע און סאָציאַליסטישע, האָבן אין זייערע פּראָגראַמען דערקלערט, אַז מען מוז אָנהאַלטן די 5־סענטיקע פעיר און ניט דערלאָזן די

מיליאָנערסקע קאַמפּאַניס זאָלן איינפירן אַ העכערונג. אַזוי אַרום קריגן אַלע קאָרופּטע פּאָליטישנס די פּובליסיטי, וועלכע זיי האָבן געזוכט. די אַלגעמיינע מיינונג, אָבער, איז, אַז די קאָמפּאַניס וועלן געווינען זייער „גרויסן קאַמף" אין די סופּרים קאָורטס. די אַלע פּאָליטישע צוזאָגן, אַז מען וועט אָנהאַלטן די 5-סענטיקע פּעיר, בויען נייע סאָבווייס און איבערפירן די סאָבווייס אין די הענט פון דער שטאָט זיינען פאַרגעסן געוואָרן אַזוי שנעל, ווי די וואָלן זיינען אַריבער, ווי דער מינהג איז.

די איינציקע מיטלען ווי אַזוי צו פאַרלייכטערן די שווערע לאַגע, וואָלט געווען צו בויען פיל מער סאָבווייס, מער קאַרס, איינפירן סאַניטאַרע איינריכטונגען אין די סאָבווייס, קדיי צו פאַרהיטן דאָס געזונט פון די פּאַסאַזשירן. עס וואָלט אויך געדאַרפט זיין מיטלען ווי אַזוי פּאַסאַזשירן זאָלן קענען איבערגיין צו אַנדערע ליניעס אָן דעם באַצאָלן אַ צווייטן פּעיר. אַזוי זאָגן די פּאָליטישנס אַליין. זיי זאָגן אימער צו גאָלדענע גליקן, אָבער בלייבן ביים זאָגן.

ס'איז אינטערעסאַנט צו באַמערקן, אַז $11,000,000 פון די שטייערן, וועלכע די איינוואוינער צאָלן צו דער רעגירונג יעדן יאָר, ווערן באַנוצט פון דער סאָבוויי, ד. ה., איבער 2 סענט פון יעדן דאָלער טעקסעס. דאָס מוזן די פּאָרער אין דער „ראַש-אַוער" באַצאָלן פאַר דער „גוטער" באַהאַנדלונג, וועלכע זיי קריגן. אפילו ווען מען נעמט זיך יאָ בויען נייע סאָבווייס, איז דאָס ניט לעטוווּעס די ניו-יאָרקער. די פּאָליטישנס רעכענען גוט אויס וויפיל זיי וועלן פון דעם אַרויסקריגן. יעדער פירנדיקער פּאָליטישן זעט פריער איינצוקויפן דאָס לאַנד, אַף וועלכן די נייע סאָבוויי דאַרף געבויט ווערן, קדיי שפּעטער קענען דאָס לאַנד פאַרקויפן פאַר צען מאָל אַזוי פיל. אַנדערש לוינט זיי ניט צו בויען נייע סאָבווייס. אַט אַזוי ליגט זיי אין זינען די אינטערעסן פון די איינוואוינער.

אַ וויכטיקער עלעמענט, וואָס דאַרף באַטראַכט ווערן, איז דער האַלבער מיליאָן מענטשן, וואָס אַרבעטן אין ניו-

יאָרק, אָבער לעבן אויסער ניו־יאָרק. אַזעלכע מענטשן באַנוצן זיך מיט פאַרשידענע מיטלען אַריינצופאָרן און אַרויסצופאָרן פון שטאָט. אַ צאָל פון די באַנוצן זיך מיט באָסעס, אַנדערע — מיט צווייגן פון דער ניו־יאָרקער פאַרקער־סיסטעם. אָבער די מערסטע באַנוצן זיך מיט פאַרשידענע באַן־ליניעס, צווישן וועלכע עס געפינען זיך די ניו־יאָרק סענטראַל, לאָנג אײלאַנד רעילראָוד, ניו־יאָרק, ניו הייווען און האַרטפאָרד רעילראָוד, און די ניו־יאָרק, באָסטאָן און וועסטטשעסטער רעילראָוד. דער האָלאַנד טונעל, וואָס איז אויפגעעפנט געוואָרן מיט אַ 2 יאָר צוריק, האָט אין 1928 דורכגעלאָזן 8,744,670 אויטאָמאָבילן, באָסעס און מאָטאָרסייקלס. אַרום און אַרום זיינען 364,367,293 מענטשן אַריינגעפאָרן און אַרויסגעפאָרן פון ניו־יאָרק אַף די באַנען און פעריס אין 1928, לויט די ציפערן פון דער ניו־יאָרקער טרענזיט קאָמישאָן. פון דער צאָל האָט די קאָמישאָן באַריכטעט, אַז 273,512,925 זיינען שטענדיקע פאָרער (קאָמיוטערס). לויט די ציפערן קומט אויס, אַז איבער 530,000 פּאַסאַזשירן באַנוצן זיך מיט די באַן און פעררי ליניעס פון ניו־יאָרק יעדן טאָג. פון דער צאָל זיינען איבער 400,000 שטענדיקע פּאַסאַזשירן (קאָמיוטערס) און 133,623 — באַזוכער. אין 1928 האָבן 104,808,350 מענטשן זיך באַנוצט בלויז מיט די פעריס. די ניו־יאָרק, וועסטשעסטער און באָסטאָן ליניעס האָבן אין 1928 געפירט 14,053,188 פּאַסאַזשירן, פון וועלכע 3,291,300 ווערן באַצייכנט אַלס „קאָמיוטערס“. די הויפּט־סטאַנציעס פון די אַלע ליניעס זיינען: די גרענד סענטראַל סטאַנציע, וועלכע איז אין 1928 באַנוצט געוואָרן פון 47,549,408 מענטשן; די פּענסילוויינע סטאַנציע, וועלכע איז באַנוצט געוואָרן דעם זעלבן יאָר פון 60,906,252 מענטשן, און די האָדסאָן און מאַנהעטן סטאַנציע, וואָס איז באַנוצט געוואָרן פון 108,942,647 מענטשן. אינטערעסאַנט איז דאָס, וואָס די לאָנג אײלאַנד רעילראָוד, וועלכע האָט איר הויפּט־סטאַנציע אין די פּענסילוויינע טערמינאַל האָט געפירט אין

1928, 48,540,920 מענטשן—אַ סאַך מער ווי די פּענסילווייניע רעילראָוד אַליין.

אַ באַזוכער אין ניו־יאָרק מוז אַלעמאָל באַוואונדערן די גרענד סענטראַל סטאַנציע און דעם געגנט אַרום. ס׳זעט אַלע־מאָל אויס, ווי די גאַנצע באַפעלקערונג איז זיך דאָרט צו־זאַמענגעלאָפן; ס׳געפינען זיך אין דער גרענד סענטראַל סטאַנציע אין יעדער צייט פון טאָג הונדערטער, און אין גע־וויסע צייטן פון טאָג פילע טויזנטער מענטשן. די גרויסע געביידע, וואָס פאַרנעמט אַ גאַנצן סקווער בלאָק, קוקט אויס ווי אַ בירזשע. ס׳טומלט זיך טאָמיד; אַ רויש פון טויזנטער שטימען פון פּאַסאַזשירן, פּאַרטערס און באַן־לייט; יעדערער איז אַגעשטרענגט; יעדערער זוכט; אַלע וואַרפן נערוועזע בליקן אַף דעם ריזיקן זייגער, וואָס הענגט זייער הויך אַף דער וואַנט; יעדער גיט באַלד אַ קוק אַף זיין אייגן זייגערל, קדיי צו זיין זיכער, ווי ער האַלט אין דער וועלט, וויפיל צייט האָט ער; דאָס מוז יעדער איינער וויסן. אין גרענד סענטראַל לעבט מען לויט די מינוטן און סעקונדן. אַלע יאָגן זיך, צי מען האָט אַן אורזאַך, צי ניט.

אין פאַרשידענע ווינקלאַך פון׳ם ריזיקן זאַל געפינען זיך קליינע געשעפטלאַך, וואָס פאַרקויפן אַלע צייטונגען און זשורנאַלן פון ניו־יאָרק. אויך פאַרשידענע קענדים, געטראַנ־קען און אַנדערע נאַשערייען. אַרום די פלעצער איז שטענדיק אַ ראַש און מען מאַכט געשווינטע געשעפטן. יעדע סעקונדע לויפט צו אַ מאַן, פרוי אָדער קינד קויפן עפּעס אַנדערש, און לויפט באַלד צוריק פון וואַנען ער איז געקומען. אַזוי איז דאָרט אַ געלאַף אַ גאַנצן טאָג. די וועלכע האָבן געקויפט די צייטונגען און זשורנאַלן זעצן זיך אַוועק פאַר אַ פּאָר מינוטן, אויב זיי האָבן צייט, און לייענען געשווינט דורך אַ פּאָר זאַכן. איינער לייענט „דזשאָוקס“, אַן אַנדערער קאַפּיטלאַך פון אַ ראָמאַן, וועלכן ער געפינט; אַן אַנדערער איז פאַר־כאַפּט פון די סענסאַציאָנעלע מאָרד־געשיכטעס, אַן אַנדערער לייענט גאָר וועגן די געשעפטן פון וואָל סטריט. מע מוז

שנעל פֿאַרטיק ווערן, ווייל אַט־אַט קומט אָן די באַן, און מע מוז זי „כאַפּן". מען קערט שנעל די בלעטלאַך פֿון די צייטונגען און זשורנאַלן, אָבער ווייניק וויסן וואָס זיי לייענען. מען לויפֿט צו די באַנען אַף פֿאַרשידענע פּלעצער, יעדער איינער אין אַן אַנדער ריכטונג; די פּעקלאַך, גרויסע און קליינע, פּלאָנטערן זיך אונטער די פֿיס, אָבער קיינער שטעלט זיך ניט אָפּ; מען גייט ווייטער. די פּאָרטערס לויפֿן אַרום איבער דעם גאַנצן זאַל, זוכן קאַסטימער. די באַן־לייט שרייען אויס, ווען און וואו פֿאַרשידענע באַנען פֿאָרן אַרויס און קומען אָן. ס׳שטייען נאָך לאַנגע ליניעס מענטשן, וועלכע וואַרטן אומגעדולדיק צו קויפֿן אַ בילעט. זיי שטופּן זיך און דרייען זיך אין אַלע ריכטונגען און די אָנגעשטרענגטקייט ווערט וואָס גרעסער, ווי די סעקונדן לויפֿן פֿאַרביי. אַז מען קריגט שוין אַ בילעט, גיט מען אַ כאַפּ די פּעק און פּעקלאַך און מען לויפֿט מיט אַלע קויכעס צו „כאַפּן" די באַן. אַזוי ביז דער לעצטער סעקונדע, איידער עס פֿאַרמאַכן זיך די אַריינגאַנגס־טירן, קומען צו לויפֿן, אָן אָטעם, די שפּעט־געקומענע. דאָס איז גרענד סענטראַל, דאָס איז ניו־יאָרק...

אַ פּאָר פֿאַקטן וועגן דער גרענד סענטראַל סטאַנציע וועלן ניט זיין איבעריק. דער צוזאַמענשטעל פֿון דער גאַנצער געביידע איז אַ קינסטלאַכע שטיקל אַרבעט. ס׳האָט גענומען 10 יאָר צו בויען די סטאַנציע (1903—1913). די גאַנצע סטאַנציע איז איינגעטיילט אַף פֿילע פֿלאַכן. די ערשטע פֿלאַך, אונטער דער גאַס, וועלכע ווערט באַנוצט נאָר פֿאַר עקספּרעס־באַנען, פֿאַרנעמט אַ שעטאַך פֿון 48 אַקער און האָט 42 פּאָר רעלסן. אונטער דער פֿלאַך געפֿינט זיך נאָך איינע, וואָס פֿאַרנעמט אַ שעטאַך פֿון 31 אַקער, האָט 24 פּאָר רעלסן און ווערט באַנוצט בלויז פֿאַר דעם לאָקאַלן פֿאַרקער פֿון די „קאָמיוטערס". צוזאַמענגערעכנט, אַלע רעלסן — סיי פֿאַר פּאַסאַזשיר־פֿאַרקער, סיי פֿאַר באַגאַזש, סיי פֿאַר די פּאָסט און אַנדערע — פֿאַרמאָגט גרענד סענטראַל איבער 33 מייל רעלסן. דער באַגאַזש ווערט אויפֿגעפּאַסט ערשט אין

אַ דריטער פלאַך, אונטער די ערשטע צוויי, וועלכע איז צווישן 50 און 60 פוס אונטער דער ערד. די וואַרט-צימערן פאַרנעמען 12,958 סקווער פוס פלאַץ; די רעסטאָראַנען — 20,292 סקווער פוס; די בילעט-אָפיסעס — 5,258 סקווער פוס און די באַגאַזש-צימערן — 57,501 סקווער פוס פלאַץ. די ציפערן קענען געבן אַ קלאָרן באַגריף וועגן דער מערק-ווירדיקער גרויס און פאַרנעם פון גרענד סענטראַל.

גלייך לעבן דער גרענד סענטראַל סטאַנציע געפינט זיך אויך איינע פון די גרעסטע און וויכטיקסטע סטאַנציעס פון דער אינטערבאָראָ סאָבוויי, וועלכע איז גוט באַקאַנט צו אַלע ניו-יאָרקער. די זעלבע אַטמאָספערע פון געשפאַנטקייט און יאָגעניש הערשט אויך דאָ. די אומגעדולדיקע פאַסאַזשירן שפּאַצירן נערוועז אַרום אַף דער פּלאַטפאָרמע, אויב עס איז פאַראַן פּלאַץ צו שפּאַצירן. מען לייענט צייטונגען אַף איין פוס, און קייען גאָם איז אַ נאַטירלאַכע זאַך. די אָנגעשטרענג-טע פּעני־מער פון דער אַרבעט גיבן יעדע סעקונדע אַ קוק צו זען אויב אַ באַן קומט. די שוואַרצע אונטערערדישע טונעלן ווערן באַלויכטן פון צוויי רייען עלעקטרישע ליכט, וועלכע זעען אוים ווי שטערן פון דער וויטנם. די רעלסן פון דער נאָענט בלישטשען פון די עלעקטרישע ליכטלאַך, אָבער פאַרשווינדן ביסלאַכווייז אין דער טיפער פינסטערניש. אַף דער פּלאַטפאָרמע ווערט וואָס אַמאָל ענגער. מען האַלט אין איין אָנקומען. אין אַ 2-3 מינוטן זיינען די פּלאַט-פאָרמען אַףביידע זייטן איבערגעפילט. די לופט איז שטיקנד און שטויביק. יעדער איינער וויל וואָס שנעלער זיין אַפּ׳ן וועג אַהיים. די באַן קומט אָן, און איידער די טירן עפענען זיך איינגאַנצן שטופּט מען זיך שוין אַריין מיט אַלע קויכעס. מען ווערט מיטגעטראָגן פון דעם שטראָם מענטשן. ס׳איז אוממעגלאַך גיין אַנטקעגן. מע מאַכט מיט די הענט און די פיס און מע דרייט זיך אַף אַלע זייטן, און באַלד ווערט אַזוי ענג, אַז מען קען זיך איינגאַנצן נישט ריקן. פילע פּרואוון זיך אַריינשטופן מיט אַ בייזער קראַפט; די ענגשאַפט טוט

אַזש ווי און ס׳איז שווער צו אָטעמען. מידע אַרבעטער שטייען צוזאַמענגעקוועטשט אַף אַלע זייטן און קענען זיך קיין ריר נישט געבן; טאָמער איז איינער געבליבן מיט איין פוס צעדרייט אַף אַ זייט, אָדער מיט אַ האַנט שטעקנדיק אויבן, האָט ער געמוזט אַזוי בלייבן, ביז דער נעקסטער סטאַנציע. דער שוויים פון די פאַרמאַטערטע קערפּערס מאַכט ערגער די שטיקעניש. יעדער איינער קוקט מיט בייזע בליקן און מידע געזיכטער. זיי דריקן אַלע אויס די זעלבע טײַנע צו דער געזעלשאַפט, אין וועלכער זיי לעבן. ס׳דערפילט זיך אַ שטילער פּראָטעסט קעגן אַזאַ באַהאַנדלונג; דערצו דאַרף מען באַצאָלן פאַר דער טייערער פּריווילעגיע פון פאַרזוכן דעם טאַם פון אָ טדי „ראָש־אַוערס“ צוויי מאָל אַ טאָג. דער מידער „סטרעפּהענגער“ זיפצט און שווייגט. אָט אַזוי זיינען אַדורכגעפאָרן די גרענד סענטראַל סטאַנציע פון דער אינטערבאָראָ אין 1929 — 46,350,969 מענטשן און אַף דעם זעלבן אויפן, דורך דער אויך גוט־באַקאַנטער טיימס־סקווער סטאַנציע 55,944,891 מענטשן.

אויבן, אַף די גאַסן אַרום גרענד סענטראַל, איז אַלעמאָל לעבעדיק. די טראָטואַרן זיינען פול מיט מענטשן, די גאַסן פול מיט אויטאָמאָבילן, גרויסע און קליינע, פון צענדליקע סאָרטן, ביליקע און טייערע. דער פּאָליסמאַן, וועלכער קאָנטראָלירט דעם גאַנצן פאַרקער אַף די גאַסן אין די געדיכטע טיילן פון שטאָט, איז טאָמיד אַ זייער פאַרנומענער מענטש. יעדע פאָר מינוטן שטעלט ער אָפּ די אויטאָמאָבילן אין איין ריכטונג מיט אַ מאַך פון דער האַנט און אַ פייף פון זיין פייפל, אָדער גאָר דורך סיגנאַל־לאָמפּן. די פוסגייער, וועלכע קענען אָדער ווילן ניט וואַרטן ביז דער פּאָליסמאַן שטעלט אָפּ דעם טראַפיק אין איין ריכטונג, לויפן אַריבער די גאַס צווישן די לויפנדיקע אויטאָמאָבילן. אָט די זעלבע יאָגעניש, וועלכע מען באַמערקט בא אַלע ניו־יאָרקער און וועלכע טרייבט זיי קסיידער, איז די אורזאַך פון טויזנטער אומגליקספאַלן. אָט זעען מיר, אַז אין 1929 זיינען 1075 מענטשן גע־

טויט געוואָרן פון אויטאָמאָבילן אַף די גאַסן פון ניו-יאָרק. די יאָגעניש איז זיכער ניט די שולד פון די ניו-יאָרקער, נאָר פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט. דער באַס פאָדערט, אַז מען זאָל זיין פּינקטלאַך צו דער צייט, אַז ניט נעמט מען אַראָפּ פון די סכירעס פון דעם פאַרשפּעטיקטן אַרבעטער. אָט צוליב דעם שטעלט מען זיך ניט אָפּ אַפילע פאַר לויפנדיקע אויטאָמאָבילן. די פּאָליציי איז ספּעציעל אָרגאַניזירט קדיי בעסער קאָנטראָלירן דעם פאַרקער אַף די גאַסן; ס'איז פאַראַן אַפילע ספּעציעלע גערי‌כטן צו באַשטראָפן די אויטאָמאָביל-טרייבער, וועלכע פאָלגן ניט אוים די טראַפיק-געזעצן. אין די טיילן פון שטאָט, וואו עס לויפן אַ ספּעציעל גרויסע צאָל אויטאָמאָבילן, איז ניט דערלויבט אָפּצושטעלן אַן אויטאָמאָביל באַם זייט פון גאַס און אים לאָזן שטיין אַ לענגערע צייט. אַף אַנדערע גאַסן איז נאָר דערלויבט צו פאָרן אין איין ריכטונג. אַזוי איז פאַראַן אַ גאַנצע ריי רעגולאַציעס, אָבער דער שטראָם אויטאָמאָבילן אין די ניו-יאָרקער גאַסן שטעלט זיך קיינמאָל נישט אָפּ. טויזנטער און טויזנטער אין אַן ענדלאָזער ריי פאָרן פאַרביי, ווי דער שטראָם פון אַ וואַסערפאַל. ס'איז אַ שטראָם וואָס קען נישט אָפּגעשטעלט ווערן. דער רויש פון די לויפנדיקע מאַשינען איז אַ כאַראַקטעריסטישער טאָן פון ניו-יאָרק.

די געאָגראַפישע אויסלייגונג פון ניו-יאָרק האָט געפירט צו דעם, אַז עס זאָלן אויפגעבויט ווערן פילע פון די גרעסטע טונעלן און בריקן פון דער וועלט, קדיי צו פאַרבינדן אַלע טיילן פון שטאָט. אַפ'ן געביט פון אינזשינערישער קונסט זיינען אַ גרויסע טייל פון זיי מייסטערווערק, וועלכע ווערן שטודירט פון אינזשינערן פון דער גאַנצער וועלט. קימאַט יעדע גרויסע אייזנבאַן-ליניע האָט איר אייגענעם טונעל אונטער דעם האָדסאָן טייך אָדער דעם איסט טייך. אַזוי זעען מיר, אַז די פּענסילווייניע באַן-ליניע האָט אַ טונעל אונטער דעם האָדסאָן טייך, וואָס פאַרבינדט די פּענסילווייניע סטאַנציע מיט וויהאָקען, נ. דזש. דער טונעל, וועלכער האָט

זיך געבויט זעקס יאָר צייט (1904—1910) איז 6,118 פוס לאַנג און איז געמאַכט פון אייזערנע רינגען מיט אַ דיאַמעטער פון איבער 21 פוס אינעווייניק. דער טונעל באַשטייט אייגנט־לאַך פון צווי אַזעלכע „טיובס", דורך וועלכע עס לויפן עלעקטרישע באַנען פון דער פענסילווייניע באַן־ליניע. די זעלבע קאָמפּאַני האָט אַ טונעל, וואָס לויפט פון דער פען־סילווייניע סטאַציע ביז דעם איסט ריווער, דורכשניידנדיק זיין וועג 60 פוס אונטער דער 33טער גאַס. דער טונעל האָט זיך געעפנט אין 1910 — אין דער זעלבער צייט, ווען פיר באַזונדערע „טיובס" פון דעם איסט ריווער טונעל האָבן זיך געעפנט. די „טיובס", וואָס זיינען 3,900 פוס די לענג, פאַר־בינדן מאַנהעטן מיט לאָנג איילאַנד.

די ניו־יאָרק סענטראַל באַן־ליניע האָט אויך צענדליקע טונעלן פאַר אירע באַנען, אָבער דער באַרימטסטער פון אַלע איז דער פּאַרק עוועניו טונעל. דער טונעל, וועלכער לויפט אונטער פּאַרק עוועניו איבער 10,000 פוס, איז געבויט פון שטיינערנע בלאָקס, און האָט אַ ברייט פון 25 פוס און אַ הויך פון 15½ פוס.

די האָדסאָן און מאַנהעטן באַן־ליניעס האָבן פיר גרויסע טונעלן אין פאַרשידענע טיילן פון שטאָט; צוויי פון זיי לויפן אונטער'ן האָדסאָן טייך.

די לאָקאַלע פּאַרקער־סיסטעמען — די אַי. אַר. טי. און די בי. עם טי. — האָבן אויך אַ גרויסע צאָל טונעלן אונטער'ן איסט טייך און אונטער'ן האַרלעם טייך. דער ערשטער „טיוב" פון דער אינטערבאָראָ איז געבויט געוואָרן (1903—1908) אונטער'ן איסט טייך פון דער בעטערי ביז ברוקלין, האָבנדיק אַ לענג פון 6,784 פוס און אַן אינווייניקסטן דיאַ־מעטער פון 15½ פוס. די אַנדערע „טיובס" פון דער אינטער־באָראָ זיינען: די קלאַרק סטריט „טיובס", וואָס זיינען פאַר־ענדיקט געוואָרן אין 1919 און זיינען 5,047 פוס די לענג; דער בעלמאָנט טונעל אונטער'ן איסט טייך פון 42טער גאַס, ניו־יאָרק, צו לאָנג איילאַנד סיטי, וועלכע מען האָט אָנ־

געהויבן באַנוצן אין 1908, און צוויי טונעלן אונטער׳ן הודסאָן טייך — איינער 641 די לענג און דער אַנדערער 1,080 פוס די לענג. די בי. עם טי. האָט אויך דריי טונעלן, וועלכע פאַרבינדן פאַרשידענע טיילן פון ברוקלין מיט מאַנ־העטן אונטער דער 14טער גאַס, 60טער גאַס און ווייטהאָל גאַס.

ס׳איז קדאַי זיך דאָ אָפּצושטעלן אויף איינער פון די וויכטיקסטע דערגרייכונגען אין׳ן אינזשינערן־געביט אין ניו־יאָרק — דער האָלאַנד טונעל פאַר אויטאָמאָבילן און טראָקס, וועלכער איז דער לענגסטער פון זיין סאָרט אין דער וועלט, איז 9,250 פוס לאַנג און לויפט פון קאַנאַל סטריט, מאַנהעטן, ביז צוועלפטער גאַס, דזשורזי סיטי. טוריסטן האַלטן אין איין באַזוכן דעם האָלאַנד טונעל און באַוואונדערן אים. טויזנטער באַזוכער פאָרן דורך דעם האָלאַנד טונעל יעדן טאָג. דער טונעל, וואָס באַשטייט פון צוויי „טיובס״, וועלכע האָבן אַ דיאַמעטער פון 29½ פוס יעדע, האָט די מאָדערנסטע פאַרזיכערונגס־אימפּלעמענטן. ליכט־סיגנאַלן געפינען זיך יעדע פּאָר פוס; טעלעפאָנען זיינען אויך איינגעריכט אויף ספּעציעלע פּלעצער, קדיי מען זאָל קענען רופן הילף אין צייט פון אומגליק. ס׳זיינען אויך פאַראַן אַ פּאָר גיגאַנטישע לופט־ריייניקער מאַשינען, קדיי צו פאַרטרייבן די גיפטיקע גאַזן, וועלכע די לויפנדיקע אויטאָמאָבילן גיבן אַרויס. אַ גאַנצן טאָג שטראָמען טויזנטער אויטאָמאָבילן דורך דעם האָלאַנד טונעל, וועלכער איז געבויט, קדיי עס זאָלן קענען אַדורכפאָרן 46,000 אויטאָמאָבילן אַ טאָג. אָבער אין געוויסע טעג פון יאָר לויפן אַדורך אַ סך מער. ווי צ. ב., דעם ערשטן טאָג, ווען איבער 52,000 אויטאָמאָבילן זיינען אַדורכגעפאָרן. אויבן פליסט דער האָדסאָן טייך ווי אַלעמאָל, אונטן לויפן טויזנטער מאַשינען, געטריבן פון מענטשן, וועלכע באַ־טראַכטן עס ווי אַ געוויינטלאַכע זאַך; אויבן לויפן שיפן גרויסע און קליינע, שיפן פון נאָענט און פון ווייטע לענדער, אונטן אין דער אייזערנער „טיוב״ שטראָמען אַדורך טויזנטער

מענטשן, נישט געטראַכט און נישט געזאָרגט. אַזוי זיינען אין 1928 אַדורכגעפאָרן 8,744,674 אויטאָמאָבילן און טראָקס.

פונקט אַזוי ווי מען האָט זיך דורכגעגראָבן וועגן אונטער די וואַסערן פון ניו־יאָרק, אַזוי האָט דער צוואַנציקסטער יאָר־הונדערט געזען דעם אויפבוי פון פילע מעכטיקע שטאָלענע אָרעמס איבער די וואַסערן פון ניו־יאָרק, וועלכע פאַרבינדן אַלע טיילן פון שטאָט. פון דער ווייטנס זעט מען אָף די ריזיקע שטאָל־סטרוקטורן, ווי קליינינקע שפּילצייג אָף רעד־לאַך לויפן הין און צוריק; קליינינקע מענטשעלאַך שפּאַצירן איבער די וואַסערן אָפּט אָף אַ הויך פון 135 פוס. אָט אַזעלכע קליינינקע מענטשעלאַך האָבן אויפגעבויט די אַלע באַרימטע בריקן פון ניו־יאָרק. די צוזאַמענגעבונדענע אייזערנע פעדים, וועלכע די מענטשעלאַך האָבן געצויגן טויזנטער פוס די לענג איבער די טייכן האַדסאָן, איסט, און האַרלעם, דער־ציילן אַ מערקווירדיקע געשיכטע פון יאָרן אַרבעט און דער־גרייכונגען און וועגן דער מאַכט, וואָס דער מענטש פון די מאָדערנע צייטן האָט באַקומען. די פינף גיגאַנטישע בריקן, וועלכע גיבן צושטייער צו ניו־יאָרק'ס באַרימטקייט, נעמלאַך: די ברוקלין, וויליאַמסבורג קווינסבאָראָ, מאַנהעטן און העל־גייט בריקן איבער דעם איסט טייך, זיינען וואונדערבאַרע אינזשינערישע אויפטואונגען. די הויך, צ. ב., פון 4 פון די 5 דערמאָנטע בריקן איז 135 פוס איבער'ן וואַסער, איינער איז 133 פוס די הויך. די לענג פון די דערמאָנטע בריקן איבער'ן וואַסער זיינען פון 1,017 פוס (העל־גייט) ביז 1,600 (וויליאַמסבורג בריק). די ברוקלין בריק איז מיט בלויז 4½ פוס ווייניקער ווי דער וויליאַמסבורג בריק. די לענג פון דער קווינסבאָראָ בריק איבער'ן וואַסער איז 1,182 פוס און פון דער מאַנהעטן בריק — 1,470 פוס. די גאַנצע לענג פון די אַלע בריקן צוזאַמען מיט דעם צוגאַנג (אויסער העל־גייט) זיינען זייער ענלאַך. די קירצסטע פון זיי איז די ברוקלין בריק (6,016 פוס) און די לענגסטע — די קווינסבאָראָ בריק (7,449 פוס). דער העל־גייט, וואָס ווערט באַנוצט נאָר פאַר

אײזנבאַן-ליניעס (ניו-יאָרק, ניו-הייווען, און האַרטפאָרד) האָט אַ לענג פון 18,000 פוס. עס האָט אָפּגעקאָסט אויפצובויען די אַלע בריקן איבער 135,000,000$. יעדער בריק האָט אָפּגעקאָסט די פאָלגנדיקע סומע: די ברוקלין בריק, 25,094,577$; די וויליאַמסבורג בריק, 24,188,090$; די קווינסבאָראָ בריק, 17,591,762$; די מאַנהעטן בריק, 31,084,705$, און די העל-גייט בריק — 15,000,000$.

עס ווערן איצט געבויט צוויי ריזיקע בריקן: דער טריי-באָראָ בריק און דער האָדסאָן-ריווער בריק, וועלכע וועט זיין די לענגסטע הענג-בריק אין דער וועלט (3,500 פוס די לענג איבער׳ן וואַסער). די בריק וועט זיך ציען פון פאָרט וואַשינגטאָן פאַינט (178טע גאַס, ניו-יאָרק) ביז פאָרט לי, נ. דזש. מען האָט אָנגעפאַנגען בויען די בריק אין מאַי 1927 און מען רעכנט, אַז זי וועט געעפנט ווערן פאַר אויטאָמאָביל-טראַפיק אין 1932 און אַז זי וועט אָפּקאָסטן אַרום 60 מיליאָן דאָלער. אָט די ריזיקע סטרוקטור, וועלכע וועט זיין 118 פוס די ברייט און 213 פוס די הויך איבער׳ן וואַסער אין דעם צענטער, וועט האָבן אַכט וועגן פאַר אויטאָמאָבילן, פיר — פאַר באַנען-רעלסן, און צוויי טראָטואַרן. אָט אַזוי בויט מען אין ניו-יאָרק. די שטאָט ווערט גרעסער און גרעסער צו-זאַמען מיט די פאַרקער-מיטלען.

וועגן די אַרבעטער, וואָס ווערן באַשעפטיקט אַף די אַלע דערמאָנטע פאַרקער-מיטלען, מוז מען זיך אָפּשטעלן באַזונדער. די טויזנטער אַרבעטער, וואָס זיינען באַשעפטיקט אַף די סאָבוויים, עלעווייטעד און טראַמוויי ליניעס, ווערן עקספּלואַטירט אַפ׳ן ערגסטן אויפן פון די קאָמפּאַניס, וועלכע קאָנטראָלירן דעם פאַרקער, כאָטש זיי זיינען קוואַליפיצירטע אַרבעטער. זייער אַרבעט איז אָפט אַ געפערלאַכע, ווייל די קאָמפּאַניס אַנטזאָגן זיך איינצופירן פאַרשידענע פאַרזיכערונגס-איינריכטונגען. די סאָבוויי-אַרבעטער ווערן געצוואונגען צו אַרבעטן אונטער אַזעלכע אומסאַניטאַרע באַדינגונגען, אַז עס זאָל אָפט זיין שעדלאַך פאַר׳ן געזונט. די אַרבעטער

האָבן אַפּט געקעמפט קעגן זייערע באַלעבאַטים, אַז עס זאָלן איינגעפירט ווערן פאַרשידענע פאַרזיכערונגען פון לעבן און געזונט. אַט די אַרבעטער קריגן אַזעלכע קליינע סכירעס, ווי 69 סענט אַ שאָ פאַר מאָטאָרלייט און 58 סענט אַ שאָ פאַר סוויטשלייט. און קדיי צו קענען פאַרדינען גענוג אויפצוהאַלטן זיך און זייערע פאַמיליעס, מוזן די סאָבוויי און „על" אַרבעטער אָפט שקלאַפן 84 שאָ אַ וואָך. אַט די אומדערטרעגלאַכע באַדינגונגען האָבן געפירט צו דעם גרויסן סטרייק פון 1926, וואָס איז גערופן געוואָרן דעם 3טן יולי. 752 מאָטאָרלייט און סוויטשלייט האָבן געוואָרפן די אַרבעט און זיינען אַרויס אין סטרייק. זיי האָבן אָנגעפירט אַן אַנטשלאָסענעם קאַמף צו צווינגען זייערע באַלעבאַטים נאָכצוגעבן זייערע פאָדערונגען, וועלכע זיינען געווען: 1 דאָלער אַ שאָ פאַר מאָטאָרלייט און 75 סענט אַ שאָ פאַר סוויטשלייט; סאַניטאַרע אַרבעטס־באַדינגונגען, אָפּשאַפן די קאָמפּאַני־יוניאָן און אנערקענען זייער באַן־אַרבעטער יוניאָן. די באַלעבאַטים מיט זייער פּרעזידענט פרענק העדלי אָן דער שפּיץ, האָבן אַנטזאָגט זיך צו פאַרהאַנדלען מיט די אַרבעטער־פאַרשטייער און האָבן אָף שנעל צוזאַמענגעקליבן סקעבס. אינעווייניק, אין די קאָמפּאַני־הייזער, האָט עס אויסגעזען ווי אין אַ קריג־צושטאַנד. הונדערטער אויפשטעלבעטלאַך זיינען געבראַכט געוואָרן, ווי פאַר אַ קליינער אַרמיי סאָלדאַטן. דאָס איז געווען ווייל די סקעבס האָבן ניט געוואַגט זיך צו באַווייזן אין דרויסן אויס מוירע פאַר די סטרייקער. זיי האָבן געלעבט, געסקעבט און געגעסן אונטער דער שוץ פון באַוואָפנטע וועכטער און דעטעקטיווס, וואָס זיינען געשטאַנען בײַ דער טיר.

די אויסזיכטן פון די סטרייקער זיינען געווען גאַנץ גוטע. דער גרעסטער טייל פון די איינוואוינער איז געווען סימפּאַטיש צום סטרייק און אַ גרויסע צאָל פון די וועלכע זיינען ניט געווען מיט די סטרייקער, זיינען ניט געפאָרן אָף דער סאָבוויי איינפאַך צוליב מוירע פאַר אַן אומגליק. איין אום־

גליק איז טאַקע פאַרגעקומען, ווען אַ באַן, געטריבן פון אַ סקעב, איז אַראָפּ פון די רעלסן און 17 מענטשן זיינען פאַר־וואונדעט געוואָרן. נאָר דאָ האָט זיך באַוויזן די אַמעריקאַן פעדערײשאָן אָוו לייבאָר אין אַן אָפענער אַנטי־יוניאָן און סטרייק־ברעכערישער ראָלע. די רעאַקציאָנערע לייבאָר־ביוראָקראַטן האָבן אַנטזאָגט די אַרבעטער די שטיצע פון דער פעדעראַציע און האָבן ניט געגעבן קיין פינאַנציעלע און אָרגאַניזאַציאָנעלע הילף צו די סטרייקער. דער באַיקאָט פון דער א. פ. אָוו ל. צוזאַמען מיט די היפּאָקריטישע מאַ־נעוורעס מיצאַד די ניו־יאָרקער טעמעני־פּאָליטישנס, וועלכע האָבן צוגעזאָגט אויסצוגלייכן דעם שטרייט און ווי געווייג־לאַך ניט געהאַלטן וואָרט, האָבן געפירט צו דעם, אַז דער סטרייק זאָל פאַרלאָרן גיין. אַף אַ פאַרזאַמלונג פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי איז דאַן געזאַמלט געוואָרן $500 פאַר דעם סטרייק, און מיט דער ביישטייערונג האָבן די פאַר־זאַמלטע אַרבעטער אויסגעדריקט זייער סאָלידאַריטעט מיט די סטרייקער.

דער סטרייק פון די סאָבוויי־אַרבעטער אין יולי 1926 איז נישט געווען דער ערשטער און וועט זיכער ניט זיין דער לעצטער. דער ערשטער סאָבוויי־סטרייק איז געווען אין 1905 און האָט געדויערט אַ וואָך צייט. דער צווייטער סטרייק, וואָס איז פאַרגעקומען אין 1916, איז געווען אַ שטאַרקער און פאַרשפרייטער קאַמף פון די סאָבוויי־אַרבע־טער. ס'זיינען פאַרגעקומען אָפטע געשלעגן צווישן די סטרייקער און די אָנגעשטעלטע סקעבס. די טראַמוויי־אַרבעטער האָבן אויך אָנטייל גענומען אין דעם סטרייק. אין דער צייט פון סטרייק זיינען פאַרגעקומען גרויסע ראַיאָטן און געשלעגן אין דער בראָנקס. די אַרומיקע איינוואוינער זיינען געווען איינגאַנצן מיט די סטרייקער און האָבן זיי אָפט געשטיצט. בײַ די ראַיאָטן זיינען 100 מענטשן פאַרוואונדעט געוואָרן און 50 זיינען אַרעסטירט געוואָרן. בײַ נאָך אַ סטרייק אַף דער בי. עם טי. ליניע אין 1918 איז פאַרגעקומען

אַ שרעקלאַכער אומגליק, לעבן דער מעלבאָרן סטריט סטאַנציע אין ברוקלין, וואו 81 מענטשן זיינען דערהאַרגעט געוואָרן און 61 מענטשן זיינען פאַרוואונדעט געוואָרן. ס'איז נאָך דעם אומגליק אויסגעפונען געוואָרן, אַז דער מאָטאָר־מאַן איז געווען אַ סקעב, וואָס איז ניט געווען דערפאַרן אין דער אַרבעט.

איצט לאָמיר זען ווי אַזוי די סאָבוויי־קאָמפּאַניס קאָנטראָלירן זייערע אַרבעטער און דערלאָזן ניט צו קיין אָרגאַניזירטע פּראָטעסטן פון די אַרבעטער; ווי אַזוי ווערן טויזנטער אַרבעטער געצוואונגען צו דולדן די ערגסטע אַרבעטס־באַדינגונגען — און שווייגן. אין 1916, נאָכדעם ווי פּרעזידענט פרענק העדלי פון דער אינטערבאָראָ רעפּיד טרענזיט קאָמפּאַני האָט אויסגעגעבן אַרום צוויי מיליאָן דאָלער קדיי צו צעברעכן די א. פ. אָוו ל. יוניאָן, האָט די קאָמפּאַני אָרגאַניזירט די באַרימטע קאָמפּאַני־יוניאָן — די בראָדערהוד אָוו אי. אַר. טי. אַרבעטער, די ערגסטע סטרייקברעכערישע אָרגאַניזאַציע, וואָס אַ קאַפּיטאַליסטישע אָרגאַניזאַציע האָט ווען עס איז אויסגעטראַכט. יעדער אַרבעטער אַף די סאָבווייס ווערט געצוואונגען צו זיין אַ מיטגליד פון דער קאָמפּאַני־יוניאָן און אונטערשרייבן דעם טרויעריק־באַרימטן „יעלאָו דאָג“ קאָנטראַקט, וואָס לייענט זיך טיילווייז אַזוי:

„אין איינקלאַנג מיט דעם שטאַנדפּונקט, אָנגענומען פון דער בראָדערהוד, און מיט דער צושטימונג פון דער קאָמפּאַני, און אַלס אַ באַדינג פון באַשעפטיקונג, בין איך פולקאָם איינשטימיק, און שטים צו אויסדריקלאַך, אַז איך וועל בלייבן אַ מיטגליד פון דער בראָדערהוד פאַר דער צייט, וואָס איך בין באַשעפטיקט פון דער קאָמפּאַני און בין פּאַסנד פאַר מיטגלידערשאַפט; און וועל ניט ווערן פאַרבינדן אין קיין הינזיכט מיט דער אַמאַלגאַמייטעד אַסאָסיאיישאַן אָוו סטריט און עלעקטריק רעילוויי עמפּלאָיאיס אָוו

אַמעריקע אָדער מיט אַן אַנדער אָרגאַניזאַציע פון סטריט־רעילוויי אַרבעטער.״

מיט אַזעלכע מיטלען ווערן די אַרבעטער פון סאַבוויי געבונדן הענט און פיס. ס׳ווערט קימאַט אוממעגלאַך פאַר די אַרבעטער זיך צו אָרגאַניזירן אין אַ מיליטאַנטישער יוניאַן און פירן אַ קאַמף פאַר בעסערע באַדינגונגען. דערצו איז די בראָדערהוד אַזוי אָרגאַניזירט, אַז די אַרבעטער זיינען אינגאַנצן אונטער׳ן קאָנטראָל פון די קאָמפּאַני־באַאַמטע. דערפאַר געפינט מען אין דער קאָנסטיטוציע אַזעלכע פונקטן: 1) אַפילע אויב 99% פון דער מיטגלידערשאַפט וועט זיך אַמאָל אָפּשאָקלען פון דער קאָמפּאַני־יוניאָן, וועט די קאָמפּאַני־יוניאָן דאָך קענען האַנדלען מיט די איבערגעבליבענע 1%, אַזוי ווי מיט דער גאַנצער מיטגלידערשאַפט. 2) אַלע פראַגן וועגן „דיסציפּלין און עפישענסי״ בלייבן מיט דער קאָמפּאַני. ס׳איז פאַרשטענדלאַך, אַז אויב די קאָמפּאַני־באַאַמטע כאַפּן אַ טעטיקן אַרבעטער־אָרגאַנייזער צווישן די באַשעפטיקטע, קען מען אים זייער לייכט אָפּזאָגן אָף אַזעלכע קלאַגעס. 3) אַ מאַסן־באַוועגונג און מאַסן־טעטיקייט צווישן די אַרבעטער איז נישט מעגלאַך, ווייל די אַרבעטער זיינען אָרגאַניזירט אין פילע באַזונדערע לאָקאַלן, וועלכע ווערן קיינמאָל נישט גערופן צו אַן אַלגעמיינעם מיטינג.

ס׳איז פאַראַן אַ שטאַרקע שפּיאָנען־סיסטעם צווישן די אַרבעטער אָף די סאַבווייס, קדיי נישט צו דערלאָזן צו קיין אויסדרוק פון נישט־צופרידנקייט פון די אַרבעטער. דערפאַר קומט אויס, אַז ווען מען פרעגט אַ סאַבוויי־אַרבעטער וועגן די אַרבעטס־באַדינגונגען, וועט ער ענטפערן, אַז אַלץ איז גלענצנד און אַז עס קאָן גאָר נישט זיין בעסער.

אָט די אַלע פאַקטאָרן פון דער פאַרקער־סיסטעם פון דער שטאָט ניו־יאָרק שטעלן מיט זיך פאַר איין גרויסע מעכטיקע טייל פון דעם גאַנצן לעבן פון שטאָט. טאָמער שטעלט זיך אָפּ דער פאַרקער־סיסטעם אַפילע אָף אַ ווײַלע, מוז זיך דאָס גאַנצע לעבן פון שטאָט אויך אָפּשטעלן.

דאָראָטי בעלסקי:

האַפנס פון ניו־יאָרק

די ניו־יאָרקער האַפנס זיינען פון די גרעסטע אין דער וועלט. זיי שפּילן זייער אַ וויכטיקע ראָלע ניט בלויז אין דעם לעבן פון ניו־יאָרק, נאָר פאַר דעם גאַנצן לאַנד. די האַפנס זיינען אַרומגערינגלט פון טייכן, וועלכע פאַלן אַריין אין דעם ניו־יאָרקער „בעי" (בוכטע). דער „בעי" איז צעטיילט אין צוויי טיילן: דער אויבערשטער און אונטערשטער „בעי". די פאָלגנדיקע אינזלען געפינען זיך אין אויבערשטן „בעי": גאָווערנאָר'ס אינזל, וואָס איז אַ סטאַנציע פאַר סאָלדאַטן און מיליטערישע אימפּלעמענטן; דאָרט געפינט זיך אויך אַ מיליטערישע פעסטונג־טורמע. עליס איילאַנד, דער באַרימטער טרערן־אינזל, וואו עס קומען אָן אימיגראַנטן פון אַלע עקן וועלט און דורכוואַנען מען שיקט אַרויס „ניט־געווינטשטע עלעמענטן". בעדלאָ'ס אינזל, אויף וועלכן עס געפינט זיך די סטאַטוע פון פרייהייט, וואָס איז געגעבן געוואָרן אַ מתּנה פון פראַנקרייך צו די פאַראייניקטע שטאַטן אין 1884.

עס זיינען פאַראַן 722 פּאָרטן אין ניו־יאָרק. אַ טייל פון זיי באַלאַנגען צו פּריוואַטע אייגנטימער און אַ טייל צו דער שטאָט. די טייכן, וועלכע רינגלען אַרום די האַפנס, זיינען: איסט ריווער, דער האַדסאָן, נאָרט און האַרלעם ריווערס, און לאָנג איילאַנד „סאַונד".

די האַפנס פון ניו־יאָרק פאַראייניקן ניו־יאָרק מיט אַלע טיילן פון דער וועלט; זיי פאַרבינדן ניו־יאָרק מיט'ן גאַנצן לאַנד, און זיי זיינען אַ גרויסע הילף פאַר דעם ניו־יאָרקער אין זיין טאָג־טעגלאכן לעבן. זייער פיל ניו־יאָרקער וואוינען אָדער אַרבעטן אַרום ניו־יאָרק, און די פּערים ברענגען זיי צו און פון דער אַרבעט. ניויאָרק האָט איצט 33 פּערים. די מערסטע פּערים ווערן קאָנטראָלירט פון דער שטאָט־רעגירונג, פון דעפּאַרטמענט פון געביידעס און סטרוקטורן.

די האַפנס שפּילן אַ גוואַלדיק גרויסע ראָלע אין דעם עקאָנאָמישן לעבן פון ניו-יאָרק. טויזנטער און טויזנטער מינים פּראָדוקטן ווערן אַריינגעפירט און אַרויסגעפירט דורך די ניו-יאָרקער האַפנס. אָט איז אַ קורצע טאַבעלע פון אימפּאָרט און עקספּאָרט אין 1928.

פאָלגענדע אַרטיקלען זיינען אימפּאָרטירט געוואָרן:

מעל — 19,720 באַרלען
ווייץ — 67,716,500 מעסטלאַך
קאָרן — 2,963,900 מעסטלאַך
האָבער — 8,576,000 מעסטלאַך
בעבלאַך — 10,700 זעק
היי — 35,675 טאָן
עפּל — 12,923 וואַגאָנען
קרויט — 4,583 וואַגאָנען
אַרענדזשעס — 11,952 וואַגאָנען
לעמאָנס — 3,851 וואַגאָנען.
גאָלד און זילבער — $190,787,915

פאָלגנדיקע אַרטיקלען זיינען עקספּאָרטירט געוואָרן:

מעל — 4,383,000 באַרלען
ווייץ — 61,580,000 בושלם
קאָרן — 1,210,000 באַרלען
רינדערפליייש — 5,624 באַרלען
כאַזער-פלייש — 4,591 באַרלען
גאָלד און זילבער — $124,035,580
אַרבעס — 25,100 בושלם
קאָטן-סיד אויל — 64,000 פונט
פעטס — 474,000 פונט
כאַזער-שמאַלץ — 417,111,000 פונט.

אין ניו-יאָרק קומען יעדן טאָג אָן ריזיקע פּאַסאַזשיר-שיפן, וואָס ברענגען טויזנטער מענטשן, און פראַכט-שיפן, וועלכע מען דאַרף אויסלאָדן. דאָס אָנקומען פון אַזאַ שיף שטעלט מיט זיך פאָר אַ גרויסן טאַראַראַם. אין „בעי" גע-

פינען זיך א גרויסע צאל שלעפ־שיפלאך, וואס ברענגען אריין די ריזן. ווען די שיף קומט אן אין דאק, ווארטן שוין הונ־דערטער האפן־ארבעטער, גרייט צו טאן די שווערע ארבעט פון אויסלאדן און אנלאדן.

עס איז וויכטיק צו באקענען זיך מיט דעם לעבן פון די טויזנטער ארבעטער, וועלכע טוען די זייער וויכטיקע אבער שווערע ארבעט, און וועלכע ווערן זייער ווינציק באצאלט.

עס הערשט א גרויסע ארבעטסלאזיקייט צווישן די האפן־ארבעטער, צוליב דער ראציאנאליזאציע אין דער האפן־אינדוסטריע. עלעקטרישע מאשינען פארנעמען דעם פלאץ פון הונדערטער הענט.

ווען עס קומט אן א שיף, ווערט זי באלאגערט פון הונ־דערטער ארבעטער, ווען עס זיינען אינגאנצן נויטיק א צען. אזוי ווארטן די ארבעטער אין די האפנס גאנצע טעג.

עס עקזיסטירט אן אינטערנאציאנאלע אסאציאציע פון האפן־ארבעטער, אבער זי טוט קימאט גארניט פאר די אר־בעטער. דאס איז קימאט א קאמפאני־יוניאן.

אין דער זעלבער צייט פונקציאנירט אבער די מארין־ארבעטער ליג, וואס איז אנגעשלאסן אין דער טרייד־יוניאן יוניטי ליג. די ארגאניזאציע, כאטש זייער יונג, קעמפט אבער פאר די ארבעטער־אינטערעסן.

די ניט־ארגאניזירטע ארבעטער קריגן פערציק סענט א שא. די ליג קעמפט פאר א טאלער א שא. זי קעמפט פאר אן אכט־שאעדיקן ארבעטס־טאג; פאר סאניטארישע בא־דינגונגען; אפצושאפן די פארשיידענע שטראפן, צו וועלכע די ארבעטער זיינען אונטערווארפן; גלייכע צעטיילונג פון ארבעט; האפן־קאמיטעס זאלן אויסגעקליבן ווערן אין יעדן האפן; קיין דיסקרימינאציע פון ראסע, גלויבן אדער קאליר.

די ליג טוט וויכטיקע ארבעט צו ארגאניזירן די שווארצע האפן־ארבעטער. סאף אפריל 1930 איז פארגעקומען אין ניו־יארק די נאציאנאלע קאנווענשאן פון די מארין־ארבעטער און עס איז געגרינדעט געווארן א נייע אינדוסטריעלע יוניאן.

ב י ט ר י ס ג ר י י ז ע ר:

פאָליטיק אין ניו-יאָרק

די טעמע „פאָליטיק אין ניו-יאָרק" איז אַ ברייטע, און אַלס רעזולטאַט — אַ שווערע. אין איר ווערן אַריינגערעכנט אַכוץ די פאָליטישע פּאַרטייען זעלבסט, אויך די אָרגאַנען און מיטלען, מיט וועלכע די ניו-יאָרקער פּאָליטיק, אַזוי גוט ווי די פּאָליטיק אין אַלגעמיין, באַנוצט זיך קעדיי צו באַקומען די מאַכט. די מיטלען זיינען: ראַדיאָ, צייטונגען, מואווים, קולטור- און בילדונג-אינסטיטוציעס, די פּאָליטישע קלובן, די מיליטערישע אָרגאַניזאַציעס, די פּאָליציי, סקאַוטס, א. א. וו.

פון דער צווייטער זייט באַנוצט זיך דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער-קלאַס מיט פּאָליטיק אַלס אַ מיטל צו פּראָפּאַגאַנדירן דעם געדאַנק פון קלאַסן-קאַמף, צו דערציען דעם אַרבעטער פּאָליטיש, אַריינצוקריגן די מאַכט אין זיינע הענט און אַראָפּצוואַרפן די עקזיסטירנדיקע קאַפּיטאַליסטישע אָרדענונג.

דער אַרבעטער-קלאַס באַנוצט זיך מיט אַלע מעגלאַכע מיטלען אין זיין פּאָליטישן קאַמף. מיר האָבן אַכוץ דער פּאַרטיי (קאָמוניסטישע) אויך די ליג, די פּיאָנערן, אונזערע צייטונגען, „דיילי וואָרקער", מאָרגן-פרייהייט" און אַנדערע פרעמד-שפּראַכיקע צייטונגען (רוסישע, אונגאַרישע, איטאַליענישע, א. א. וו.); די הילף-אָרגאַניזאַציעס, ווי די אינטערנעשאַנאַל לייבאָר דעפענס, די וואָרקערס אינטערנעשאַנאַל רעליף, די לייבאָר ספּאָרטס יוניאָן, די געזאַנג-פאַראיינען, אָרקעסטערס; די שולן פאַר דערוואַקסענע, ווי

די וואָרקערס סקול, אַרבעטער־אוניווערזיטעט און די שפּראַ־ציקע קינדער־שולן.

לאָמיר פריער פעסטשטעלן, וואָס מיינט אַ פּאָליטישע פּאַרטיי. אַ פּאָליטישע פּאַרטיי איז, לויט מיין קאָלעדזש־לערערין, אַן אָרגאַניזאַציע פון מענטשן, וועלכע פאַרבינדן זיך קדיי אַריינצוקריגן די רעגירונגס־מאַכט און די עמטער אין זייערע הענט. זיי נוצן־אויס די אַרומיקע טאָג־פראַגן אַלס אַ מיטל זייער ציל צו דערגרייכן. די דעפיניציע איז פאַלש, ווייל אַ פּאָליטישע פּאַרטיי רעפּרעזענטירט די אינ־טערעסן פון אַ באַשטימטן קלאַס.

פּאָליטיק איז נאָר די אויבערסטרוקטור פון געזעלשאַפט־לאַכן לעבן. ווען דאָס עקאָנאָמישע לעבן בייט זיך, בייט זיך אויך דאָס סאָציאַל און פּאָליטיש לעבן. ווען די עקאָנאָמישע באַדינגונגען האָבן געפאָדערט אַ פעאָדאַלע סיסטעם, האָט זי עקזיסטירט; אונטער די היינטיקע באַדינגונגען איז נויטיק פאַר דעם קאַפּיטאַליסטישן קלאַס, אַז דער אַרבעטער זאָל דענקען, אַז ער האָט אַלע רעכטן, גיט מען אים שטים־רעכט. דאָס שפּילט אָבער איצט אַ קליינע ראָלע, ווייל דער אַרבעטער קריגט זיין געזעלשאַפטלאַכע און פּאָליטישע דער־ציאונג אין די אינסטיטוציעס קאָנטראָלירט פונ׳ם קאַפּיטאַ־ליסטישן קלאַס, ווי שולן, מוזעאום, פרעסע, ראַדיאָ. און אַלס רעזולטאַט איז דעם אַרבעטער׳ס מויאַך אינגאַנצן פאַרסאַמט און ער איז אַ שפּילצייג אין די הענט פון די קאַפּיטאַליסטישע פּאָליטישנס.

דאָרט, וואו דער אַרבעטער ווערט פּאָליטיש און געזעל־שאַפטלאַך באַוואוסטזיניק און פאָדערט זיין רעכט, ווערט ער גלייך אָפּ דעם ברוטאַלסטן אויפן באַקעמפט פון דעם הערשנ־דיקן קלאַס. אָבער טראָץ דעם, אַ דאַנק די עקאָנאָמישע אומ־שטענדן, ווערט דער אַרבעטער מער און מער קלאַסן־באַוואוסטזיניק און ער הייבט אָן צו קעמפן פאַר זיינע פּאָליטישע רעכט, פאַר זיינע אינטערעסן.

לאָמיר צוטרעטן צו דער אָרגאַניזאַציע וועלכע קאָנ־

טראָלירט איצט, און האָט קאָנטראָלירט פאַר די לעצטע 100 יאָר די פּאָליטיק פון ניו-יאָרק — טעמעני האָל. טעמעני איז אָרגאַניזירט געוואָרן אין יאָר 1789. אין אָנהייב איז זי באַשטאַנען פון סאָלדאַטן פון אונזער „באַפרייאונג"-מילכאָמע, און זי האָט ווייניק אויפמערקזאַמקייט געשאָנקען צו פּאָליטיק. שפּעטער זיינען אַלע פעדעראַליסטישע מיטגלידער אַרויס, און טעמעני איז געוואָרן, מיט דער צייט, די טאָןגעבערין פון דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי.

צוערשט האָט זי געהאַט אַ קליינעם איינפלוס, ווייל די באַנקן זיינען געווען קעגן די פירער פון טעמעני און זיי האָבן איר געוואָלט פינאַנציעל פאַרניכטן. די טעמעני-לייט האָבן דורכגעפירט אַן „אומשולדיק" געזעץ וועגן טרינקוואַסער, וואָס האָט אָבער אין דער עמעסן זיי געגעבן דאָס רעכט צו עטאַבלירן אַ באַנק. און אַזוי אַרום האָט זיך טעמעני געשטעלט פעסט אויף די פיס.

טעמעני איז געוואָרן רייך. זי האָט געהאַלטן די מאַכט אין אירע הענט. אויף וואָס שטיצט זיך טעמעני? אויף צוויי זאַכן: 1) אויף דעם פּריוואַט-אייגנטום פון „פּאָבליק יוטיליטיס", ווייל די קאָרפּאָראַציעס וועלכע קאָנטראָלירן די פּאָבליק יוטיליטיס מוזן האָבן געוויסע געזעצן אין זייערע אינטערעסן. און טעמענעי איז שטענדיק גרייט זיי צו דינען פאַר אַ פּאָר מיליאָן דאָלער. (זע: גוסטאַוו מייערס' בוך „טעמעני האָל".) 2) טעמעני קריגט די שטיצע פון די רייכע, ווייל זי דינט זייערע אינטערעסן; זי קריגט די שטיצע פון מיטל-קלאַס ווייל זי איז אַליין מיטל-קלאַס, און זי קריגט די שטיצע פון דעם נאַאיוון אַרבעטער, ווייל זי פאַרפירט אים מיט פאַלשע צוזאָגן. אַ גוטןביישפּיל קען מען האָבן פון די וואַלן אין 1830. די אַרבעטער האָבן דאַן אונטערשטיצט טעמעני, ווייל זי האָט זיך דערקלערט פאַר דעם „מעכאַניקער-געזעץ", אַ געזעץ וואָס איז געווען צוגונסטן די אַרבעטער.

דורך סאַלונען (ביר-שענקען) האָט טעמעני אויך געקראָגן אַ סך שטיצע. טעמעני האָט דערלויבט סאַלון-

קיפּערס אַ סאַך פּריווילעגיעס. אַלס אַ רעזולטאַט דערפון זיינען אַלע סאַלון־קיפּערס געווען שטאַרקע פּאַטריאָטן פון טעמעני. פאַר אַ טרונק האָט מען אָפט געקויפט אַ שטים. פון סאַלון־קיפּערס ביז די אונטערוועלט־עלעמענטן איז אַ נאָענטער שפּאַן, און טעמעני האָט זיך אויך באַנוצט מיט זיי.

טעמעני, אונטער איינעם פון אירע באַרימטע באָסעס, טוויד, האָט געמאַכט אַן אָפּמאַך מיט דער אונטערוועלט, אַז דאָס געריכט וועט זיין מילד צו איר, אויב זי וועט קומען צו הילף טעמעני. ביז׳ן היינטיקן טאָג ווערט די אונטער־וועלט באַנוצט אין דער פּאָליטישער וועלט צו טעראָריזירן די באַפעלקערונג אין צייט פון די וואַלן.

טעמעני האָט שוין דאַן פאַרשטאַנען די מאַכט פון דער פּרעסע און זי האָט אונטערגעקויפט רעפּאָרטערס פון קימאַט יעדער ניו־יאָרקער צייטונג. דער זעלבער באָס טוויד האָט מיט זיינע כאַווירים אין פאַרלויף פון 5 יאָר צייט זיך אַריינ־געשאַרט אין די קעשענעס 100 מיליאָן דאָלער פון שטאָט־פאַרמעגן. דאָס איז בלויז איין קליינער ביישפּיל פון די פיל סקאַנדאַלן, פאַר וועלכע טעמעני איז באַרימט. און אונזער היינטיקער מעיאָר, דזשימי וואָקער, אַנאַנסירט מיט שטאָלץ, אַז ער אַרבעט פאַר זיין טעמעני באָס.

טעמעני נוצט אוים פאַרשיידענע מיטלען צו קריגן שטימען. זי אָרגאַניזירט קלובן — אומשולדיקע ספּאָרט־קלובן און אַמוזיר־אונטערנעמונגען. מען ווערט, הייסט עס, אַ מיטגליד אין אַ ספּאָרט־אָרגאַניזאַציע, און דערנאָך ווערט מען אַ נאָכפאָלגער פון טעמעני.

מע ווייסט, אַז טעמעני גיט שטאָט־דזשאָבס און מע יאָגט זיך נאָך זיי, און דער וועלכער קען אַריינברענגען מער שטימען צו טעמעני — דער איז אָף טעמעני׳ס ליסט. זינט פרויען האָבן באַקומען שטימרעכט, האָט טעמעני געגעבן שטאָטישע פּאָזיציעס צו פרויען און זי באַנוצט פיל מיטלען אַריינצוכאַפּן די פרויען־שטימען.

די פּרעסע שפּילט, נאַטירלאַך, אַ גרויסע ראָלע פאַר

טעמעני. די גרעסטע צייטונגען פון ניו-יאָרק דינען אירע אינטערעסן. זי שטיצט מיט געלט פאַרשיידענע פרעמד-שפּראַכיקע צייטונגען קידיי דורך זיי באַקומען די שטימען פון פאַרשידענע נאַציאָנאַליטעטן. די טעמעני-צייטונגען וועלן פאַרשווייגן אַלע נייעסן, וועלכע קענען שעדיקן טעמעני און זיי וועלן אין אַלע צייטן לויבן די טאַטן פון טעמעני.

טעמעני איז באַרימט מיט איר קאָרופּציע פון געזעץ און ריכטער. אין אָנהייב פון היינטיקן יאָר זיינען אַלע צייטונגען געווען פול מיט אַ גרויסע צאָל טעמעני-ריכטער, וועלכע מע האָט אָנגעקלאָגט אין אומערלאַכקייט און קאָרופּציע. עס איז אַ באַוואוסטער פאַקט, אַז ריכטער ווערן ניט נאָמינירט אָדער באַשטימט אַ דאַנק זייער פעסיקייט און פייאיקייט, נאָר אַ דאַנק זייער געטריישאַפט צו טעמעני. אין 1899 האָט „די גאַזעט קאָמיטע" אויסגעפונען, אַז קידיי צו קריגן אַן אַמט אין אַ העכערן געזעץ-הויז, האָט מען געמוזט באַצאָלן פון 10,000 ביז 25,000 דאָלער. דערפאַר איז נאַטירלאַך, אַז דאָס געזעץ פון ניו-יאָרק איז אַף דער זייט פון טעמעני.

טעמעני איז אויך זייער „ברייט-האַרציק". זי טיילט אוים אַ סאַך געלט צו טשאַריטי אינסטיטוציעס. מיט דעם וויל זי געווינען די ליבע און צוטרוי פון די ברייטע אָרימע מאַסן.

אַף דער רעפּובליקאַנער פּאַרטיי דאַרף מען זיך פיל נישט אָפּשטעלן, ווייל זי אונטערשיידט זיך פון דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, אַכוץ אין נאָמען, מיט דעם, וואָס זי וויל פאַרנאַרן די אַרבעטער אין א י ר ע רייען און אריינקריגן די מאַכט אין א י ר ע הענט. דערווייל איז אָבער טעמעני אַפ'ן פערד אין ניו-יאָרק.

לאָמיר בעסער צוטרעטן צו דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. די פּאַרטיי האָט אין די לעצטע וואַלן געצויגן אַ סאַך שטימען אַ דאַנק דעם, וואָס די קאַפּיטאַליסטישע צייטונגען האָבן פאַר איר גוט אַגיטירט. די סאָציאַליסטישע

פאַרטיי איז די געפערלאַכסטע פון אַלע פאַרטייען, ווייל די אַרבעטער, וועלכע טרעטן אין איר אַריין, האָבן די פאַלשע אידייע, אַז זיי ווערן מיטגלידער פון אַ פאַרטיי, וועלכע קעמפט פאַר'ן אַרבעטער־קלאַס. די סאָציאַליסטישע פאַרטיי ווייזט זיך אַרויס איצט, אין דער ווירקלאַכקייט, מער שעדלאַך, ווייל זי איז סאָציאַל־פאַשיסטיש; זי שטיצט דירעקט די קאַפּיטאַליסטישע דיקטאַטור און באַרעכטיקט די טעראָרמיטלען קעגן די קעמפנדיקע אַרבעטער.

די קאָמוניסטישע פאַרטיי איז די פאַרטיי פון קעמפנדיקן פראָלעטאַריאַט; דאָס איז די פאַרטיי, וועלכע שטעלט אַרויס קלאַסן־פאָדערונגען און וועלכע קעמפט קעגן דער היינטיקער סיסטעם. די קאָמוניסטישע פאַרטיי איז די, וועלכע קעמפט שטאַרק אַפ'ן עקאָנאָמישן געביט. זי דרינגט אַריין אין די פאַבריקן, גיט אַרויס שאַפ־בלעטער; זי קעמפט פאַר בעסערע לעבנס־באַדינגונגען. אָבער די קאָמוניסטישע פאַרטיי פאַרנאַכלעסיקט נישט דעם פאָליטישן קאַמף.

אין ניו־יאָרק זיינען לעצטנס אָפּגעהאַלטן געוואָרן דעמאָנסטראַציעס, וועלכע זיינען זייער וויכטיק. אין האַרץ פון שטאָט האָט מען געהאַלטן די דעמאָנסטראַציע קעגן דער שטעלונג פון דער רעגירונג צו האַאיטי. די צוויי פאָליטישע מאַכטן האָבן זיך דאָ באַגעגנט און ס'איז פאָרגעקומען אַן עמעסע מילכאָמע. די פאָליציי, וועלכע האָט אויסגעפאָלגט וואָס אירע באַלעבאַטים האָבן זי געהייסן, האָט פאַרטיידיקט איין קלאַס, און די אַרבעטער האָבן זיך פעסט געהאַלטן באַ זייערס.

טעאָרעטיש האָט מען אין ניו־יאָרק דאָס רעכט צו האַלטן דעמאָנסטראַציעס, צו פּיקעטן אין צייט פון סטרייקס, א. א. וו. אָבער ווען דער אַרבעטער וויל זיך פרואוון באַנוצן מיט זיינע רעכטן, דאַן געפינט ער אַלע רעאַקציאָנערע מאַכטן אין זיין וועג, און ער מוז אויסקעמפן יעדע „פּריווילעגיע“.

עס איז גענוג צו דערמאָנען די מיעסע באַהאַנדלונג פון דער פאָליציי אין גרויסן פאַריער־סטרייק, קאַפּעטעריע-

סטרייק, די אַרבעטסלאָזע דעמאָנסטראַציע א. א. די קאָם. פּאַרטיי האָט פּאַרלאַנגט איר געזעצלאַך רעכט און די טעמעני־רעגירונג פון ניו־יאָרק האָט שטענדיק באַוויזן, אַף דעם ברוטאַלסטן אופן, אַז זי האָט קיין רעספּעקט נישט פאַר דער אַמעריקאַנער קאָנסטיטוציע. דאָס האָבן אויך באַוויזן די ריכטער, ווען מע האָט פאַר זיי געבראַכט די דעלעגאַציע פון דער אַרבעטסלאָזע דעמאָנסטראַציע, און דאָס געריכט האָט זיך אָפּגעזאָגט זיי אַרויסצולאָזן אַף בעיל. די האַנדלונגען פון דעם פאָלים־קאָמישאָנער, וועהעילען, וואָס האָט איינגעפירט אַ שפּיאָנען־סיסטעם און האָט אַרויסגעגעבן צו באַלעבאַטים די נעמען פון קאָמוניסטן, וואָס אַרבעטן בא זיי, ווייזט דייטלאַך אָן, אַז די פּאָליטישע מאַשין פון ניו־יאָרק דינט געטריי די אינטערעסן פון קאַפּיטאַל.

די קאָמוניסטישע פּאַרטיי לייגט גרויס געוויכט אַף אָרגאַניזירן די נעגער־אַרבעטער אין ניו־יאָרק פאַרן קלאַסן־קאַמף. די קאָמוניסטישע יוגנט־ליג אַרבעט טיכטיק צווישן יונגע אַרבעטער און צווישן דער שטודירנדיקער יוגנט. אַ שטאַרקע אַגיטאַציע ווערט געפירט צווישן די שול־קינדער, אַריינצוציען זיי אין דער קאָמוניסטישער פּיאָנערן־אָרגאַניזאַציע. די באָרד אַף עדיוקיישאָן צוזאַמען מיט די געריכט־הייזער האָבן לעצטנס פיל געלאָזט הערן פון זיך אין זייערע באַהאַנדלונגען פון פאַרשולדיקטע פּיאָנערן. דער פאַקט, וואָס דער פּיאָנער הערי אייזמאַן איז פאַרשיקט געוואָרן אַף פינף יאָר פאַר זיין קאָמוניסטישער טעטיקייט און אַ סטודענט פון סיטי קאַלעדזש איז אויסגעשלאָסן געוואָרן פאַר טיילן פּראָקלאַמאַציעס, באַווייזט, ווי אַקטועל דער קאַמף איז צווישן די צוויי פּאָליטישע קויכעס — טעמעני האָל און דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

צוליב דעם, וואָס אַרבעטער ווערן טאָג־טעגלאַך „געזעצלאַך" פאַרפאָלגט פאַר זייערע פּאָליטישע איבערצייגונגען און עקאָנאָמישע קאַמפן, איז נויטיק צו באַשיצן די אַרבעטער אין די געריכטן. דאָס איז די פונקציע פון דער אינטער־

נאַציאָנאַלער אַרבעטער פּאַרטיידיקונגס אָרגאַניזאַציע (אינ-טערנעשאָנאַל לייבאָר דעפענס). כאָטש דאָס איז אַן אינטער-נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע, האָט זי דעם הויפּט־אָפיס אין ניו-יאָרק. אַרעסטירטע אַרבעטער־קעמפער זיינען טאָמיד זיכער, אַז זייערע פאַמיליעס און זיי אַליין וועלן באַזאָרגט ווערן פון דער א. ל. ד.

עס עקזיסטירט אויך דער פאַראיין פאַר ציווילער פריי-הייט („סיוויל ליבערטיס יוניאָן"). דאָס איז אַ ליבעראַלע אינסטיטוציע, וועלכע האָט אַ סאַך אַרבעט צו טאָן אין דער איצטיקער צייט. זי פאָדערט די רעכט, וועלכע געהערן גע-זעצלאַך צו די בירגער.

פּאָליטיק, היינט-צו-טאָג אין ניו־יאָרק, איז אַ פּראָדוקט פון דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם. אַ נייע געזעלשאַפט-לאַכע אָרדענונג, געבויט אַפ'ן באַזיס פון עקאָנאָמישער גלייכ-הייט און פרייהייט, וועט נאַטירלאַכערוויז אָפּשאַפן אָט די פּאָליטישע מאַשינען, וועלכע באַרויבן די עלעמענטאַרע רעכט פון די אַרבעטער, און עטאַבלירען אַזאַ אָרדנונג, וועלכע וועט דינען דעם פּראָדוצירנדיקן און שאַפנדיקן קלאַס.

ס ע ם ל י ו ו א ו ו י ט ש:

בילדונג אין ניו-יאָרק

א ר י י נ פ י ר: — ווען מיר לערנען אָדער שרייבן וועגן אַזאַ שטאָט ווי ניו-יאָרק, קען מען ניט דורכלאָזן דעם זייער וויכטיקן פּונקט פון בילדונג. דאָ קומען זיך צוזאַמען קינדער פון אַלע נאַציאָנאַליטעטן; מען מוז האָבן פּלאַץ וואו אַריינצונעמען די קינדער, וואו צו אַסימילירן זיי, צו געבן זיי כאָטש אַן עלעמענטאַרע דערציאונג.

אַ מיליאָן קינדער ווערן אַרויסגעלאָזט אַף דער גאַס יעדן טאָג; זיי זיינען די צוקונפט פון לאַנד, זיי וועלן איבער־נעמען די שטאָט און העלפן בויען אַ בעסערע וועלט. וואָס טוט די גרעסטע און רייכסטע שטאָט פון דער וועלט פאַר איר יוגנט? ניו-יאָרק האָט די גרעסטע און קאָמפּליצירטסטע סיסטעם פון דערציאונג. וואָס זיינען אירע כעסרוינעס און אירע מיילעס? דאָס איז די אויפגאַבע פון מיין אַרטיקל.

נ י ו - י אָ ר ק ע ר ס ק ו ל - ס י ס ט ע ם

פ אַ ר ו ו אָ ר ט: — פריער אַ פּאָר ווערטער וועגן די פּרינציפּן און שטרעבונגען פון דער סקול-סיסטעם. לעבנדיק אין אַ קאַפּיטאַליסטיש לאַנד, פאַרשטייט זיך, אַז די דער־ציאונג פונ׳ם נייעם דור ליגט אין די הענט פון קאַפּיטאַ־ליסטישן קלאַס, וועלכער פאַרשטייט גוט זיינע אינטערעסן, און די קינדער אין די סקולס ווערן דערצויגן אַזוי, אַז זיי זאָלן זיין געטרייע דינער פון דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם. מיר וועלן אָנהייבן פון דער עלעמענטאַרסטער פאָרם פון דערציאונג און גיין אַרויף.

ד ע ר ק י נ ד ע ר ג אַ ר ט ן: — די קינדערגאָרטן־אידייע איז ניט קיין אַלטע. אין 1890 האָט זיך געעפנט דער ערשטער קינדערגאָרטן אין ניו־יאָרק, און איצט זיינען דאָ פאַראַן אַרום 1,000 קינדערגערטנער, מיט אַ באַזוך פון אַרום 50,000 קינדער, אין עלטער פון פיר ביז זעקס. שוין פון קינדערגאָרטן אָן פלאַנצט מען איין אין קינד די געטריי־שאַפט און געהאָרכזאַמקייט צו דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם.

מען מוז אנערקענען די גרויסע הילף, וואָס דער קינדער־גאָרטן איז פאַר דער היים, אָבער די שטאָט ניו־יאָרק גיט ניט גענוג געלט אויפצובויען אַזעלכע פּאַסיקע פּלעצער, אַז מע זאָל קענען שטאָלצירן מיט אַט דער וויכטיקער אינסטי־טוציע; עס זיינען ניט פאַראַן גענוג און דערפאַרענע לערער, וואָס זאָלן אָנפירן די אַרבעט ווי עס באַדאַרף צו זיין.

איך האָב באַזוכט אַ קינדערגאָרטן. ניט זייער קיין גרויסער צימער. אויף די קליינע בענקלאַך זיצן מיידלאַך פון איין זייט, אינגלאַך פון דער צווייטער. דער טאָג הייבט זיך אָן מיט סאַלוטירן די פאָן און זינגען „אַמעריקאַ". די לערערין גייט אַרום און באַקוקט בײַ יעדן קינד די ציין, פּנים, הענט, האָר און שיך. דערנאָך גיט זי יעדן קינד אַ פּאַפּיר צו מאָלן בילדער. נאָר אָט האָט אַ קינד פאַרגעסן וואָס צו טאָן, און פרעגט גאַנץ כאַוועריש באַם צווייטן אינגל. דער לערערין געפעלט דאָס ניט, און זי שטעלט דעם „שלעכטן" אינגל אין ווינקל מיט'ן פּנים צו דער וואַנט. די איבעריקע קינדער גיט זי צייכנס פאַר זייער אַרבעט, און דאַן הייסט זי עטלאַכע קינדער שפּילן זיך מיט זאַמד, און אַנדערע מיט צאַצקעס, וועלכע זי גיט זיי. דאַן ערשט קען מען זען, אַז עס עפנט זיך אַ וועלט פאַר די קינדער און דאָס צימער ווערט פול מיט ענטוזיאַסטישע קעלכלאַך. דאָס געפעלט אָבער ניט דער לערערין, ווייל „שרייען איז ניט שיין".

דאַן זינגט זי מיט זיי און טאַנצט, און נאָכהער שניידט מען אויס געוויסע זאַכן פון פּאַפּיר. דער טאָג איז פאַר־

ענדיקט, די קינדער גייען אהיים. אָבער גלייך ווערט דער צימער פאַרנומען פון אַ צווייטער גרופּע. אַמאָל טרעפט, אַז אַ סקול איז אַזוי איבערגעפּאַקט, אַז צוויי גרופּעס קינדער מיט צוויי לערערינס דאַרפן זיך געפינען אין איין צימער אין דערזעלבער צייט. די רייכסטע ניו־יאָרק איז צו אָרים צו האָבן פּלאַץ פאַר אירע קינדער. דאָס איז דער צושטאַנד פון די קינדערגערטנער.

די עלעמענטאַרע שול: — אין די עלעמענ־טאַרע שולן לערנען זיך איצט אַרום 1,000,000 קינדער. דער קורס איז אויסגערעכנט אַף זעקס יאָר. עס זיינען באַשעפ־טיקט איבער 23,000 לערער. די פּראָבלעם פון לערנען מיט קינדער פון אַזויפיל נאַציאָנאַליטעטן און ראַסן איז זייער אַ שווערע. ווי פאַרענטפערט די סקול־סיסטעם אַט די פראַגע? עס איז איינגעפירט געוואָרן אומעטום אַ שטרענגע דיס־ציפּלין, אַ בייטש־דיסציפּלין. דאָס לערנען איז מעכאַניש, פאַבריק־מעסיק. דאָס קינד שפּילט ניט קיין ראָלע, נאָר דער קלאַס, דער שאַפּ. בלויז אין געציילטע שולן זיינען איינ־געפירט געוואָרן עטלעכע, מאָדערנע פּעדאַגאָגישע מעטאָדן.

מיר באַזוכן אַ קלאַס פון דריטן יאָר. דיזעלבע לערערין לערנט אַלע געגנשטאַנדן. ווען די קינדער קומען אַריין אין קלאַס, גייט די לערערין דורך דעם פּראָצעס פון עקזאַמינירן די קינדער׳ס הענט, א. א. וו., ווי אין קינדערגאַרטן.

דער קלאַס לערנט רעכענען. שורע נאָך שורע שטעלט זיך אויף און, פון קאַרטלאַך וואָס די לערערין האַלט, פּראַק־טיצירט מען שנעל־רעכענען. די לערערין שרייבט אַפ׳ן טאָפל פּראָבלעמען, און די קינדער ענטפערן אַף פּאַפּיר. די לערערין קוקט דורך יעדנס פּאַפּיר און שטעלט אַ צייכן. דער קלאַס נעמט זיך איצט צו דער שרייב־לעקציע. די לערערין הערט אויס די ווערטער, וואָס מע האָט געדאַרפט אויס־צוכאַזערן, דערנאָך דיקטירט זי נייע ווערטער, גייט אַרום, קאָרעגירט און שטעלט צייכנס.

איצט— די לעקציע פון לייענען. איין קינד לייענט פאַר,

אַלע איבעריקע קוקן אַריין אין די ביכלאַך; דאָס קינד דאַרף איבערדערציילן, וואָס עס האָט געלייענט. די ערשטע דריי לימודים פאַרנעמען דריי שאָ. קינדער גייען אַהיים עסן מיטאָג. זיי קומען צוריק איינס אַזייגער. דאַן הייבט זיך אָן געאָגראַפיע. מען לייענט דעם בוך, די לערערין הערט אויס, און אַמאָל גיט זי אַ שריפטלאַכן עקזאַמען. נאָכדעם גייט אַ סעריע פון וויניקער־וויכטיקע, אָדער מינאָר־געגנשטאַנדן, ווי צייכענען, נייען, און פיזישע טרעניררונג. דריי אַזייגער פאַרלאָזן די קינדער די סקול.

ווי איר זעט, ווערן די געגנשטאַנדן וואָס זיינען נויטיק פאַר דעם שפּעטערדיקן, פּראַקטישן לעבן, געלערנט פון ביכער, אַנשטאָט דורך פּראַקטישער, לעבעדיקער אַרבעט. דאָס איז עפּשער דער גרעסטער כיסאָרן פון דער גאַנצער סקול־סיסטעם אין ניו־יאָרק. מע אַנטוויקלט ניט קיין זעלבסטשטענדיקייט באַ די קינדער. עמעס, עס איז פאַראַן אַ גרופּע פּראָגרעסיווע דערציער, וואָס קעמפט אויסצובעסערן די סיסטעם אין די סקולס, אָבער דערווייל זיינען די טעמעני־האָל־פּאָליטישנס די באַלעבאַטים.

ד י ד ז ש ו נ י אָ ר ה י י ־ ס ק ו ל ס : — די דזשוניאָר היי־סקולס זיינען אַן אינסטיטוציע, וואָס איז פאַקטיש אויפגעבויט געוואָרן די לעצטע צען יאָר. עס זיינען איצט פאַראַן אַרום 50 סקולס מיט 80,000 קינדער. די סקולס גיבן אַ מעגלאַכקייט די מער־אַנטוויקלטע קינדער דורכצוגיין דעם זיבעטן און אַכטן יאָר אין איין יאָר. מע לערנט דאָרט די פאָלגנדע געגנשטאַנדן: גראַמאַטיק, ליטעראַטור, קאָמפּאָזיציע, העכערע געאָגראַפיע, געשיכטע, ביאָלאָגיע, העכערע מאַטעמאַטיק, סיוויקס, שרייב־מאַשין, סטענאָגראַפיע, צייכענונג, מוזיק און פיזישע איבונגען.

די לימודים ווערן איינגעטיילט אין צוויי קורסן: דער אַלגעמיינער און דער קאָמערציעלער. דער אַלגעמיינער קורס גרייט צו די קינדער פאַר אַ העכערער היי־סקול און קאָלעדזש; דער קאָמערציעלער קורס גרייט צו די קינדער פאַר דער

געשעפטס-וועלט. די דזשוניאָר היי-סקולס זיינען אַ טריט פאָראויס צו בעסערער דערציאונג.

לאָמיר ניט פאַרגעסן, אַז בא יעדער געלעגנהייט פלאַנצן די לערער איין זייער קאַפּיטאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע. מיט האַס רעדן די לערער וועגן סאָוועטן-פאַרבאַנד; אַגיטירן קעגן גרויסע אַרבעטער-אויפטואונגען, ווי סטרייקס און דעמאָנסטראַציעס.

עס איז אַלעמען באַקאַנט, ווי שטאַרק די סקולס פאַרפאָלגן די קינדער, וואָס זיינען ראַדיקאַל. פּיאָנערן ווערן אָפּט אַרונטערגעזעצט אין קלענערע קלאַסן. עלטערן ווערן גערופן אין געריכט פאַר ניט שיקן זייערע קינדער אין סקול אין אַן אַרבעטער-יאָנטעוו.

קינדער, וואָס וואָגן צו האָבן אייגענע מיינונגען און ניט איינצושטימען מיט די מיינונגען פון די לערער, פאַרשטאָפּט מען פּאַשעט די מיילער.

מען קען ניט פאַרלאָזן דעם פּונקט פון דזשוניאָר הייסקול און ניט זאָגן אַ פּאָר ווערטער וועגן זייערע קלובן. אין אָנהייב איז דאָס געווען אַ פּריוויליקע זאַך, איצט איז דאָס געצוואונגען. זיי זיינען אַ טייל פון דער סקול-פּראָגראַם, און זיי פאַרנעמען אַ פּעריאָד פון אַ וואָך. עס זיינען איצט פאַראַן אַרום 500 קלובן, ווי שאַך, זינגען, טאַנצן, ספּאָרטס, געשיכטע און סיוויקס קלובן, דעבאַטיר-קלובן.

אַ סיוויקס- און געשיכטע-קלוב איז אַ שטענדיקע פּראָפּאַגאַנדע-מאַשין. דאָ האָט דער לערער די אויבערהאַנט. אַלס רעזולטאַט דערפון קען מען אָפּט הערן פון די קינדערשע מיילער: „היט זיך פאַר קאָמוניסטן און סאָציאַליסטן!“ (בא זיי איז דאָס אַלץ איינס).

אַ וויכטיקן פּלאַץ פאַרנעמט דער אַטלעטישער קורס. איין מאָל אין וואָך האָט מען פיזישע טרענירונג, און אַ צווייטן מאָל — אַטלעטיקס. כאָטש די איבונגען זיינען מיט אַן אויג אָף מיליטערישע צוועקן, דאָך אַנטוויקלט דאָס די

קינדער גוט פיזיש. אַטלעטיקס גיט אַ סאַך קינדער די איינציקע מעגלאַכקייט פון שפּילן זיך.

ה י י ־ ס ק ו ל ס : — די היי־סקולס האָבן זיך שנעל אַנטוויקלט אין די לעצטע צען יאָר. מיט עטלאַכע יאָר צוריק פלעגן נאָר אַ פערטל פון די גראַדואירטע פון די עלעמענטאַר־שולן באַזוכן די היי־סקולס. איצט געפינען זיך 136,000 קינדער אין די היי־סקולס. די היי־סקול גיט, אַכוץ דעם אַל־געמיינעם און קאָמערציעלן קורס, אַ טעכנישן קורס, און גרייט צו דאָס קינד פאַר אַ טעכנישער פּראָפעסיע. די קינ־דער איז דערלויבט אויסצוקלייבן וועלכן קורס זיי ווילן. אַ קורס דויערט פיר יאָר. פייאיקערע קינדער קענען אים פאַרענדיקן אין דריי און אַ האַלב יאָר. צוואַנציק געגנשטאַנדן ווערן געגעבן אין די פיר יאָר. אין די היי־סקולס האָבן די קינדער מער פרייהייט, ווי אין די נידעריקע סקולס; נישטאָ די שטרענגע בייטש־דיסציפּלין פון דער פּאַבליק־סקול.

אין די מערסטע סקולס זיינען דאָ צוויי גרופּעס קלאַסן. איין גרופּע קומט אינדערפרי, פון 8 ביז 12:30, און די צווייטע קומט פון 12:30 ביז פינף. דאָס לערנען אין די קלאַסן איז מער אין דער פאָרם פון נעמען נאָטיצן און דיס־קוטירן. אַ פּאָר ווערטער מוז מען זאָגן וועגן די צוויי געגנ־שטאַנדן מוזיק און צייכענען. אין מוזיק לערנט מען זיך זינגען, לייענען נאָטן, און אַמאָל אויך טעאָריע. די מערסטע לידער זיינען פון פּאַטריאָטישן און רעליגיעזן כאַראַקטער. אין צייכענען טוט מען שוין מער פּראַקטישע אַרבעט, מיט אַן אויג אַף קאָמערציעלער קונסט.

קימאַט יעדע היי־סקול האָט אַ קינדער־אָרקעסטער. אין יעדער היי־סקול איז אויך פאַראַן אַן עס־צימער און אַ שפּייז־קראָם. די מערסטע קראָמען שטייען אונטער דער אויפזיכט פון דער סקול־פאַרוואַלטונג; אין עטלאַכע סקולס געפינען זיך די קראָמען אין די הענט פון פּריוואַטע מענטשן.

יעדע סקול האָט די אַזוי־גערופענע זעלבסט־פאַרוואַלטונג. יעדער שילער איז געצוואונגען צו צאָלן אַ טערמינענדיקן

שטייער. פאַר דעם געלט ווערט אויסגעהאַלטן די קראַם פאַר שול־מאַכשירים, וואו מען באַקומט זאַכן צו ביליקערע פרייזן, און עס ווערן געקויפט די אַטלעטישע געצייגן און מאַכשירים פאַר די קלובן.

די זעלבסט־פאַרוואַלטונג, אָדער די גענעראַלע אָרגאַני־זאַציע, ווי זי הייסט געוויינלאַך (ג. אָ.), ווערט צוזאַמענ־געשטעלט אַף פאָלגנדיקן אויפן: עס ווערט אויסגעקליבן אַ פּרעזידענט, סעקרעטאַר און קאַסיר פון דער גאַנצער סקול. יעדער קלאַס קלייבט פון זיך אויס אַ פאָרשטייער צו דער פאַרוואַלטונג. דער פאַקולטעט קלייבט פון זיך אויס אַ צאָל פאָרשטייער צו דער ג. אָ. עס מוז פאַרשטאַנען ווערן, אַז די גאַנצע זעלבסט־פאַרוואַלטונג פאַרנעמט זיך בלויז מיט פאַרוואַלטן די פינאַנצן און זי מישט זיך ניט אין די אינער־לאַכע אנגעלעגנהייטן פון דער סקול. עס איז נאַטירלאַך, אַז די פינאַנצן זיינען קעגן אַזאַ סאָרט פאַרוואַלטונג, און אין עטלאַכע סקולס האָבן זיך די פינאַנצן אָפּגעזאָגט פון צאָלן דעם שטייער.

אַ פּאָר ווערטער וועגן דער טעקסטייל היי־סקול, אין וועלכער עס לערנען 3,300 קינדער, מיט אַ פּערסאָנאַל פון 128 לערער. זי איז אַלט זעקס יאָר. מע לערנט דאָרט אַלע פאַזן פון דער טעקסטיל־אינדוסטריע. אויסער די לערער קומען אויך אַריין אינסטרוקטאָרן־פאַכלייט, „ספּעצן” פון די גרויסע טעקסטיל־פאַבריקן.

ס'איז דאָ אַ היי־סקול, וואו מע לערנט אינגלאַך די מאָדערנסטע וויסנשאַפט פון פאַרמעריי, און נאָך עטלאַכע היי־סקולס פאַר ספּעציעלע געביטן.

ס פּ ע צ י ע ל ע ס אָ ר ט ן ס ק ו ל ס: — אין ניו־יאָרק געפינען זיך אַ גרויסע צאָל וואָקיישאָנעל סקולס, וואו מע לערנט זיך אַ פאַך. דער קורס איז אַ צוויי־יאָריקער. אַהין גייען קינדער, וואָס האָבן גראַדואירט די עלעמענטאַר־שולן. געוויינלאַך לערנען זיך אין די סקולס די קינדער, וואָס זיינען אָרים און קענען נישט גיין אין די היי־סקולס. מע לערנט

דאָרט זעקס שאָ אַ טאָג: דריי שאָ פּראַקטישע אַרבעט און דריי שאָ — טעאָרעטישע.

עס זיינען פאַראַן ספּעציעלע סקולס פאַר קראַנקע קינדער, פאַר בלינדע, טויבע, קינדער מיט שוואַכע הערצער, און טובערקולאָזע. אין אַ קלאַס־צימער פאַר קראַנקע קינדער, זיינען די גרויסע פענסטער כּמעט אַלעמאָל אָפן. אין צייט פון לערנען נוצט מען בענקלאַך. נאָכ׳ן לערנען נעמט מען זיי צו און מען שטעלט אויס בעטלאַך, וואו די קינדער רוען אַ געוויסע צייט. מען גיט די קינדער מילך, — מען לערנט אַביסל, און מען שיקט זיי אָפּ אַהיים.

אַ ספּעציעלן אָרט פאַרנעמען די סקולס פאַר ניט־נאָרמאַלע קינדער. כּמעט אין יעדער פּאַבליק־סקול געפינען זיך ניט־גראַדירטע קלאַסן פאַר אָפּגעשטאַנענע קינדער. אין זיי לערנען איצט אַרום 8,000 קינדער, איינגעטיילט אין נאָענט פון 400 קלאַסן. עס איז פאַרשטענדלאַך, אַז אַזעלכע קינדער פאָדערן ספּעציעלע, אינדיווידועלע אויפמערקזאַמקייט, אָבער אַזוי ווי די קלאַסן זיינען איבערגעפּאַקט, קען מען קיין גוטע רעזולטאַטן ניט דערוואַרטן. ניו־יאָרק האַלט אויף אַ פּסיכאָלאָגישן קליניק, וואו די מערסטע קינדער ווערן עקזאַמינירט.

די נעקסטע פאָרם פון ספּעציעלער דערציאונג איז די זומער־שול. די זומער־וואַקאַציע דויערט צען וואָכן. אין די זומער־שולן לערנען זיך אַזעלכע קינדער, וועלכע האָבן ניט אויסגעהאַלטן די עקזאַמענס און ווילן פאַר׳ן זומער אָניאָגן זייער קלאַס. די זומער־שול גיט אויך אַ געלעגנהייט צו די אימיגראַנטן־קינדער דורכצומאַכן שנעלער די סקול.

די פאָרזעצונגס־סקול (קאָנטיניויאיישאָן־סקול) איז פאַר קינדער, וועלכע האָבן ניט געקענט באַווייזן צו ענדיקן די סקול און די נויט האָט זיי געצוואונגען צו גיין אַרבעטן פאַר 17 יאָר. אַזעלכע קינדער מוזן איינמאָל אין וואָך פאַר אַ האַלבן טאָג באַזוכן די סקול. עס איז אינטערעסאַנט צו באַמערקן, אַז די באַלעבאַטים פון ניו־יאָרק האָבן באַקעמפט

דאָס גענעץ, וואָס האָט דורכגעפירט אָט די פאָדערונג, ווייל זיי מוזן באַצאָלן דעם קינד פאַר'ן האַלבן טאָג. עלטערע אימיגראַנטן-קינדער ווערן באַ זייער אָנקומען גלייך געשיקט אין אַזוינע סקולס.

אַ באַזונדער וויכטיקן פּלאַץ פאַרנעמען די אָוונט-שולן פאַר עלטערע קינדער און דערוואַקסענע. אַזעלכע קינדער וואָס האָבן פאַרענדיקט די עלעמענטאַר-סקולס און מוזן גיין אַרבעטן, באַנוצן זיך מיט דער אָוונט-סקול. איבער 30,000 עלטערע קינדער באַזוכן איצט אָוונט-קלאַסן. די אָוונט-שולן פירן דורך די אַרבעט פּראַקטישער און זאַכלאַכער.

אין אַ סאַך סקולס געפינען זיך נאָכמיטאָג-קלאַסן פאַר פרויען. זיי פאַרנעמען זיך מערסטנס מיט לערנען די ענג-לישע שפּראַך, ליטעראַטור, און צוגרייטן זיך אַרויסצונעמען די בירגער-פּאַפּירן.

אַ ל ג ע מ י י נ ע   א י נ פ אָ ר מ אַ צ י ע

די ניו-יאָרקער סקול-סיסטעם האָט פאַר זיך גרויסע פּראָבלעמען. ניט געקוקט דערויף, וואָס מען האָט אין 1929 אויסגעבויט 38 נייע עלעמענטאַר-שולן און דריי היי-סקולס, איז אָבער נאָך ווייט ניט פאַראַן גענוג פּלאַץ פאַר אַלע סקול-קינדער. די $41,445,000 וואָס איז אַסיגנירט געוואָרן, זיינען צו ווינציק אָנצופירן מיט'ן ריזיקן סקול-געבוי. דאָך ווערן געמאַכט פּרואוון צו מאָדערניזירן די סקולס. אַזוי זיינען איינ-געפירט געוואָרן מואַוויס אַלס אַ הילפמיטל צו די לימודים. אויך ווערט די ראַדיאָ גענוצט, מערסטנס פאַר פּראָפּאַגאַנדע-צוועקן. די סקולס האָבן באַקומען $50,000 פאַר מואַוויס אין 1929.

עס זיינען איצט פאַראַן 35 היי-סקולס אין ניו-יאָרק, מיט אַ באַזוך פון 136,000 קינדער. ניו-יאָרק גיט אויס אַן ערך פון $107,199,148 אַ יאָר אויף דערציאונג. עס זיינען איצט דאָ 680 עלעמענטאַרע סקולס, מיט אַ באַזוך פון איבער 1,000,000 קינדער.

די ניו־יאָרקער קינדער־דערציאונג ווערט קאָנטראָלירט פון דער „באָרד אָוו עדיוקיישאָן", איבער וועלכער טעמעני האָט די אויבערהאַנט.

עס ווילט זיך צום שלום אונטערשטרייכן דעם פאַקט, אַז די גאַנצע סקול־סיסטעם איז אַ מעכטיקער פּראָפּאַגאַנדע־אַפּאַראַט אין די הענט פון קאַפּיטאַליסטישן קלאַס, וואָס וויל דערציען אַ דאָר פון לאָיאַלע, ניט־דענקענדיקע לוין־שקלאַפן. די פרייע סקול־דערציאונג איז שוין גאָרניט פריי. קעגן דעם ווילן פון עלטערן ווערט איינגעפלאַנצט אין די קינדער דער סאַם פון רעליגיע און די ליבע צו מיליטאַריזם. אין יעדער אַסעמבלי פון סקול לייענט מען אויסצוגן פון דער ביבל.

לעצטנס האָט די „באָרד אָוו עדיוקיישאָן" אַרויסגעוויזן איר עמעסע דעספּאָטישקייט צו די ראַדיקאַלע קינדער, וועלכע מען פאַרפאָלגט און באַשטראָפט קסיידער פאַר אַרויסזאָגן קאָמוניסטישע מיינונגען, אָדער פאַר טיילן פלוג־בלעטלאַך. ווען אַ אידיש קינד קומט לערנען אין אַ אידישן רעליגיעזן יאָנטעוו, שיקט אים די סקול אַהיים. נאָר פאַר ניט קומען לערנען דעם ערשטן מאַי ווערט דאָס קינד גרויזאַם באַשטראָפט.

אַזוי האַלט דער קאַפּיטאַליזם אין זיינע לאַפּעס דעם צוקונפטיקן דאָר.

די אידישע שולן

אין ניו־יאָרק זיינען פאַראַן אַ סאַך סאָרטן אידישע שולן פאַר קינדער און דערוואַקסענע. פאַר אונז איז וויכטיק צו באַקענען זיך מיט די פאַרשיידענע קינדער־שולן, ווייל, ווי מיר האָבן געזען, דינט דערציאונג איינעם אָדער אַ צווייטן קלאַס.

די טאַלמוד טוירעס: — אין די טאַלמוד טוירעס פון ניו־יאָרק לערנען זיך איצט 65,000 קינדער. זייער הויפּט־ציל איז צו געבן אַ רעליגיעזע בילדונג. די לערער

רעדן מיט די קינדער מערסטנס ענגליש; אין אַ צאָל שולן לערנט מען אויך אידיש און אין אַ צאָל שולן ווערט אַלץ געטאָן אַף העברייאיש. דאָס לערנען איז ניט אינטערע־סאַנט; די קינדער ווערן פון זייערע עלטערן געצוואונגען צו גיין אין טאַלמוד טוירע.

צום באַדויערן גייען אין די טאַלמוד טוירעס טויזנטער קינדער פון אומבאַוואוסטזיניקע אַרבעטער-עלטערן. די טאַלמוד טוירעס ווערן אויסגעהאַלטן פון רייכע אידן און סינאַגאָגן. זיי האָבן אַ שעדלאַכן פאַלש-רעליגיעזן איינפלוס אַף די קינדער.

די שאָלעם-אַלייכעם שולן: — די שאָלעם-אַלייכעם שולן זיינען אידישיסטישע שולן, וואָס ווילן דערציען די קינדער אין גייסט פון אידישער קולטור און פון אידישן פאָלק. עס איז נאַטירלאַך, אַז דאָס פאָלק ווערט געשטעלט באַ זיי העכער ווי די אינטערעסן פון אַרבעטער־קלאַס.

אין ניו-יאָרק געפינען זיך אַ צוואַנציק שאָלעם-אַלייכעם שולן און איין מיטלשול. אין זיי לערנען זיך אַרום 1,000 קינדער. די שולן פאַרמאָגן אויך אַ זומער-קעמפּ, „בויבעריק“, און אַ היים-שול ניט ווייט פון ניו-יאָרק.

די שולן פון נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד: — דער האַלב-ציאָניסטישער אָרדן נאַצ. אַרב. פאַרבאַנד, וואָס האָט שולן איבער'ן לאַנד, האָט אויך אַ צען שולן אין ניו-יאָרק. אין די שולן לערנט מען אידיש און העברייאיש און זיי טראָגן אַ מער אָדער ווייניקער ציאָניסטישן כאַראַקטער.

די אַרבעטער-רינג שולן: — דער אַר־בעטער-רינג האָט אין ניו-יאָרק אַ צוואַנציק שולן. די פּראָגראַם פון די שולן איז מער אָדער ווייניקער געל־סאָציאַליסטיש. די שולן האָבן אַ קעמפּ, וואָס ווערט באַזוכט פון 300 קינדער. אין דער אַרבעטער-רינג מיטלשול לערנען זיך 120 קינדער.

ד י „ל ע ו ו י ן" - ש ו ל ן: — לעצטן יאָר האָבן זיך אַ צאָל לערער און פּאַרוואַלטער אָפּגעריסן פון די אומ־פּאַרטייאישע שולן און געגרינדעט אָפּאָזיציע־שולן. אַן דער שפּיץ פון דער אָפּאָזיציע איז געשטאַנען יאַנקעוו לעווין. זיי האָבן אין ניו־יאָרק פינף שולן און אַ מיטלשול־קלאַס.

ד י א ו מ פּ אַ ר ט י י א י ש ע אַ ר ב ע ט ע ר־ש ו ל ן זיינען די איינציקע אַרבעטער־שולן מיט אַ קלאָרער פּראָגראַם פון קלאַסנקאַמף־דערציאונג. אין ניו־יאָרק זיינען איצט פאַראַן דרייסיק אַזעלכע שולן, מיט אַ מיטלשול פון 130 קינדער. דער זומער־קעמפּ, „קינדערלאַנד", נעמט אַריין 400 קינדער און 200 דערוואַקסענע.

א י ד י ש ע ה אַ ר ב ע ט ע ר־א ו נ י ו ו ע ר ז י ט ע ט

דער ניו־יאָרקער אידישער אַרבעטער האָט אַ גוטע געלעגנהייט פאַרצווזעצן זיין געזעלשאַפטלאַכע בילדונג אין אָוונט. דער איד. אַרב. אוניווערזיטעט גיט קורסן אין מאַרקסיזם, געשיכטע פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, וועלט־געשיכטע, אידישע געשיכטע, אַמעריקאַנישע געשיכטע, פילאָזאָפיע, היסטאָרישער מאַטעריאַליזם, א. א. וו.

ער גרייט אויך צו לערער פאַר די קינדער־שולן און פירער פאַר דער אַרבעטער־באַוועגונג. יעדער אַרבעטער קען אין אים אויך באַקומען אַן אַלגעמיינע אַרבעטער־דערציאונג. שילער וואָס ענדיקן די מיטלשול, טרעטן אַריין אין אַרבעטער־אוניווערזיטעט.

די קלאַסן זיינען טאָמיד געפּאַקט און די לערער זיינען באַוואוסטע טוער, שרייבער און פירער פון דער לינקער אַר־בעטער־באַוועגונג.

פריווא גלוזמאן:

דאס ארבעטער-לעבן אין ניו-יארק

ניו-יארק, די גרעסטע שטאט אין דער וועלט, שפיגלט אפ אין אלע הינזיכטן דעם קאפיטאליזם פון אמעריקע. די גרויסע מאגנאטן פון וואל סטריט קאנטראלירן קימאט גאנץ אמעריקע׳ס רייכטום.

פרענק ד. באיטן באווייזט אין זיין בוך „די אקטועלע רעגירונג פון ניו-יארק", אז „קעדיי די פונקציעס פון דער רעגירונג זאלן דורכגעפירט ווערן זיינען נויטיק גרויסע סומעס געלט, און דאס געלט ווערט צוגעשטעלט פון באנקירן און פאבריקאנטן, ווייל די רעגירונג דינט זייערע אינטערעסן."

קארל מארקס זאגט: „יעדער עקאנאמישער קאמף איז א פאליטישער קאמף". דאס איז קלאר, ווייל ווען דער ארבעטער קעמפט, איז דאס ניט בלויז פאר העכערע סכירעס, נאר פאר אלגעמיינע בעסערע לעבנס-באדינגונגען. דעריבער איז נויטיק פאר דעם ארבעטער צו האבן די פאליטישע מאכט, די רעגירונגס-מאכט.

צו באשרייבן אין קורצן די געשיכטע פון ארגאניזירטער ארבעט אין ניו-יארק, איז א שווערע אויפגאבע. מיר וועלן איינטיילן די געשיכטע פון דער אנטוויקלונג פון ארבעט און אינדוסטריע אין דריי פעריאדן.

דער ערשטער פעריאד, ביז דער מילכאמע פון 1812;
דער צווייטער פעריאד, פון 1812 ביז דעם בירגער-קריג, און דער דריטער פעריאד, פון דעם בירגער-קריג ביז׳ן היינטיקן טאג.

וועגן ערשטן פעריאד קען מען קיין סאך ניט דערציילן.

אין דעם אינדוסטריעלן לעבן פון ניו־יאָרק האָט זיך געפילט דער איינפלוס פון די ענגלישע גילד־אָרגאַניזאַציעס, און דער אַגריקולטורעלער צושטאַנד פון לאַנד האָט באַאיינפלוסט די באַפעלקערונג. קיין אַרבעטער־באַוועגונג איז נאָך ניט געווען. די „געזעלשאַפט פון שיף־בויער" ווערט אָרגאַניזירט אין 1803. דאַן קומען די „הויז־בויער", אויך שניידער. אין 1819 אָרגאַניזירן זיך די היטל־מאַכער.

דער צווייטער פעריאָד זעט דאָס וואַקסן פון פאַבריק־סיסטעם און די אַנטוויקלונג פון גרויס־קאַפּיטאַל, וואָס ווערט גלייך אַ מאַכט אין פּאָליטיק; די ענדערונגען אין פאַרשיידענע טאַריפן; דעם שקלאַפן־האַנדל. אַרבעטער הויבן אָן נעמען אַן אנטייל אין געזעלשאַפטלאַכע באַוועגונגען. אין 1824 ווערט ראָבערט אָוען אויפגענומען מיט ענטוזיאַזם. אין 1829 אָרגאַניזירט זיך אין ניו־יאָרק די „אַרבעטער־פּאַרטיי". זי קעמפט פאַר דעם 10־שעהדיקן אַרבעטס־טאָג. זי פרואווט ווערן אַ פּאָליטישע מאַכט, נאָר צוליב אינערלאַכע שפּאַלטונגען גייט זי אונטער.

אין 1833 סטרייקן די סטאָלערס און עטלאַכע אַנדערע פאַכן קומען זיי צו הילף. די דרוקערס רופן די ערשטע אַרבעטער־קאָנווענשאָן אין ניו־יאָרק. ניין אָרגאַניזאַציעס שיקן דעלעגאַטן און עס ווערט געגרינדעט דער „גענעראַלער פאַך־פאַראיין" פון ניו־יאָרק און אומגעגנט. דער פאַראיין שטיצט סטרייקס אין ניו־יאָרק און העלפט אַפילו גרויס סטרייקערס אין באָסטאָן און פילאַדעלפיע. די פירער פון פאַראיין ווערן אָנגעקלאָגט אין קאָנספּיראַציע. 20 ווערן אַרעסטירט און געמישפּעט. די אַרבעטער רופן אַ פּראָטעסט מאַסמיטינג און עס פאַרזאַמלען זיך 27,000 אַרבעטער. דער פאַראיין האָט אין ניו־יאָרק און ברוקלין געהאַט 11,500 מיטגלידער.

דער דריטער פעריאָד קומט אין צייט פון בירגער־קריג. די אַרבעטער־באַוועגונג הויבט זיך אָן שטאַרק פאַרשפּרייטן סיי עקאָנאָמיש, סיי פּאָליטיש. פון לאָקאַלע אַר־

גאַניזאַציעס צו צענטראַלע קערפּערשאַפטן, פון שטאַט-פעדעראַציעס צו נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס.

די עלטסטע יוניאָן, וואָס עקזיסטירט נאָך איצט, איז די „אינטערנאַציאָנאַלע טיפּאָגראַפישע יוניאָן". זי איז געווען פאַרטראָטן אָף דער נאַציאָנאַלער קאָנווענשאָן פון דרוקערס אין 1850. אַנדערע יוניאָנס, וועלכע עקזיסטירן נאָך איצט זיינען: די סיגאַרמאַכער יוניאָן (1864); ציגל-אַרבעטער און פלאַסטערער (1865); אייזנבאַן-קאָנדוקטאָרן (1868).

אין 1868 גרינדן שיף-אַרבעטער אַן אָרדן, וואָס הויבט אָן בויען קאָאָפּעראַטיווע קראָמען, קעמפט קעגן נידעריקע סכירעס און פאַר בעסערע אַרבעטס-באַדינגונגען. די אָרגאַני-זאַציע צעפאַלט זיך צוליב דער קאָרופּטירטער פירערשאַפט.

אין 1866 גרינדעט זיך די „נאַציאָנאַלע אַרבעטער-יוניאָן". זי האָט די ערשטע אַגיטירט פאַר אַן 8-שאָאיקן אַרבעטס-טאָג.

אין 1869 גרינדעט זיך די אָרגאַניזאַציע „די ריטער פון אַרבעט" אין פילאַדעלפיע. זי ווערט אָבער גלייך טעטיק אין ניו-יאָרק. צוערשט איז זי געווען אַן אומלעגאַלע, נאָר אין 1881 ווערט זי לעגאַליזירט. זי איז געווען איינגעטיילט אין לאָקאַלן, וואָס זיינען באַשטאַנען פון איין פאַך אָדער מער.

אין אירע סטאַטוטן האָט זי געמאָלדן, אַז „קיין הענד-לער, סאָכרים, אַגענטן, אַדוואָקאַטן, אָדער ספּעקולאַנטן קענען ניט געהערן צו דער אָרגאַניזאַציע." צוערשט האָט זי גע-שפּילט די ראָלע פון אַ געהיימען אָרדן, נאָר באַלד איז זי געוואָרן אַ קאַמפס-אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט אָנגעפירט סטרייקס. איר פירערשאַפט איז אָבער ניט געווען דער-וואַקסן צו פאַרשטיין די אויפגאַבן פון אַן אַרבעטער-אָרגאַני-זאַציע, און אין 1887 זעען מיר שוין ווי די „ריטער פון אַרבעט" פאַרלירט דעם איינפלוס אין דעם אַרבעטער-לעבן.

עס זיינען געמאַכט געוואָרן עטלאַכע פאַרזוכן צו גרינדן נייע אַרבעטער-אָרגאַניזאַציעס, ווי „די ריטער פון אינ-

דוסטריע" און „די אַמאַלגעמייטעד לייבאָר יוניאָן". אין 1886 ווערט געגרינדעט די „אַמעריקאַנער פעדעראַציע פון אַרבעט". אין איר פּראָגראַם ווערט באַשטימט: 1) אַריינ־נעמען לאָקאַלע יוניאָנס; 2) פעדערירן די לאָקאַלן צו דעלעגאַציעס; 3) אויפבויען נאַציאָנאַלע און אינטערנאַציאָנאַלע טרייד יוניאָנס; 4) שטיצן די אינטערעסן פון יוניאָנס; 5) צעטיילן די יוניאָנס אין דעפּאַרטמענטן; 6) די דעפּאַרט־מענטן זאָלן באַשטיין פון יוניאָנס אין דער זעלבער אינ־דוסטריע.

אין דעם פעריאָד האָבן די אַרבעטער פון ניו־יאָרק שוין געהאַט דורכגעפירט גרויסע קאַמפן און דעמאָנסטראַציעס, וואָס האָבן באַוויזן, אַז זיי ווערן קלאַסן־באַוואוסטזיניק. אַזוי איז דער ערשטער מאַי 1886 דערקלערט געוואָרן פאַר אַ טאָג פון קאַמף פאַר אַן 8־שעהיקן אַרבעטס־טאָג, דורך אַ גענעראַל־סטרייק. עס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ מאַסמיטינג אַף יוניאָן־סקווער און מען האָט מאַרשירט איבער די גאַסן. צווישן די רעדנער זיינען געווען הענרי דזשאָרדזש און גאָמ־פּערס. די פאַרזאַמלונג איז באַשטאַנען פון איבער 30,000 אַרבעטער.

דעם 10טן נאָוועמבער, 1887, אין דעם טאָג פון דעם היי־מאַרקעט מישפּעט, איז אין ניו־יאָרק פאָרגעקומען אַ מאַסן־דעמאָנסטראַציע פון 20,000 אַרבעטער.

אין 1890 זיינען פאָרגעקומען צוויי גרויסע סטרייקס: פון די הויזן־מאַכער און די קלאָוקמאַכער. עס האָבן גע־סטרייקט 7,000 אַרבעטער 7 וואָכן צייט.

אין 1892 גרינדעט זיך דער „אַרבעטער־רינג", מיט'ן צוועק אַרויסצוהעלפן די אַרבעטער אין צייט פון נויט, דער־ציען זיי סאָציאַליסטיש און אויפבויען קאָאָפּעראַטיווע אונטערנעמונגען.

אין 1903, ערשטן מאַי, איז פאָרגעקומען אַ דערפאָלג־רייכער סטרייק פון די בעקערס. אין דער זעלבער צייט

איז געווען אַ סטרייק פון די העמדער־נייער. אין סטרייק האָבן אנטייל גענומען 20,000 יונגע אַרבעטער.

אין 1910 איז פאָרגעקומען אַ גענעראַל־סטרייק פון די מאַנטל־מאַכערס. די 70,000 סטרייקער האָבן בראַוו גע־קעמפט און באַפעסטיקט זייער יוניאָן.

אין 1912 קומט פאָר אַ גענעראַל סטרייק פון 9,000 פאַריערס, וואָס האַלט אָן 12 וואָכן און ענדיקט זיך מיט אַ זיג פאַר די אַרבעטער. אין 1913 ווערט געגרינדעט די „אַמאַלגעמייטעד קלאָדינג וואָרקערס יוניאָן".

אין 1916 זיינען אַרויס אין סטרייק די סאָבוויי־אַרבע־טער, די קאָנדוקטאָרן און מאָטאָרלייט. קימאַט דער גאַנצער אונטערערדישער פאַרקער איז אָפּגעשטעלט געוואָרן. דער סטרייק איז פאַרלאָרן געוואָרן אַ דאַנק דער פאַררעטערישער ראָלע פון דער אַמעריקאַן פעדערייישאָן אָוו לייבאָר."

דאָ איז וויכטיק זיך אָפּצושטעלן אויף דעם פאַקט, אַז די גרעסטע און וויכטיקסטע סטרייקס אין ניו־יאָרק האָט די א. פ. אָוו ל. ניט געוואונען, נאָר געהאָלפן פאַרלירן, אַ דאַנק דעם רעאַקציאָנערן כאַראַקטער און ניט־אויסגע־האַלטנקייט פון קלאַסן־ליניע פון די פירער.

די נאָדל־אינדוסטריע, וועלכע איז די גרעסטע אין ניו־יאָרק, האָט אין די לעצטע יאָרן געהאַט אַ סאַך סטרייקס. די אַרבעטער־קאָנדיציעס זיינען געווען שלעכטע און די אַר־בעטער האָבן זיך שנעל ראַדיקאַליזירט.

אין מאַי 1916 איז פאָרגעקומען אַ סטרייק פון 60,000 פרויען־קליידער אַרבעטער.

אין 1918 האָבן 60,000 מענער־קליידער אַרבעטער גע־סטרייקט פאַר 44 שעה אַ וואָך.

אין 1919 האָבן 35,000 פרויען־קליידער אַרבעטער גע־סטרייקט פאַר דער זעלבער זאַך.

אין 1920 זיינען 9,000 פאַריער אַרויס אין סטרייק פאַר דער אנערקענונג פון זייער יוניאָן. דעם זעלבן יאָר האָבן 10,000 פיינטערס אָנגעפירט אַ סטרייק אין ניו־יאָרק.

אין 1926 האָט די פּעלץ דער יוניאָן אַרויסגערופן אין סטרייק 12,000 אַרבעטער פאַר העכערע סכירות און 40 שאָ א וואָך. אין דעם זעלבן יאָר האָבן 40,000 קליידער־אַרבעטער געקעמפט פאַר א 40־שאָ׳איקער אַרבעטס־וואָך.

אין פאַרלויף פון די לעצטע 3 יאָר זיינען אין ניו־יאָרק פאָרגעקומען זייער וויכטיקע סטרייקס און נאָך וויכטיקערע געשעענישן אין דעם אינערלאַכן לעבן פון די יוניאָנס. די גרויסע נאָדל־פאַך יוניאָנס האָבן דורכגעמאַכט אַן אינער־לאַכן קאַמף. די מיטגלידערשאַפט אין דער קלאָוקמאַכער יוניאָן און אין דער פּעלץ דער יוניאָן האָט רעוואָלטירט קעגן דער פירערשאַפט, וועלכע האָט אָפּן פאַרראַטן די אינטערעסן פון די מיטגלידער. עס איז אָנגעגאַנגען א הערשאַפט פון טעראָר. געדונגענע שלעגער האָבן טעראָריזירט די מיט־גלידער, וואָס האָבן געהאַט דעם מוט צו קריטיקירן די פירער.

די צייט איז געווען רייף צו גרינדן נייע אינדוסטריעלע יוניאָנס. אין סאָף פון 1926 האָט די „טרייד־יוניאָן עדיו־קיישאָנאַל ליג" אָנגעפירט די סטרייקס אין די נאָדל־פאַכן. דער ציל פון דער ליג איז געווען אויסצוראָטן די קאָרופּציע אין די טרייד־יוניאָנס; צעשטערן די קאָמפּאַניע־יוניאָנס; בויען די יוניאָן־באַוועגונג אין גייסט פון קלאַסן־קאַמף; אָר־גאַניזירן די אומאָרגאַניזירטע, א. א. וו.

עס האָט זיך צעפלאַקערט דער קאַמף צווישן רעכטע און לינקע אין די יוניאָנס, און עס האָבן זיך געגרינדעט נייע לינקע יוניאָנס.

די לעצטע סטרייקס פון די קלאָוקמאַכער, דרעסמאַכער, פּעלצער און מילינערי־אַרבעטער האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער ביטערן און בלוטיקן קאַמף. די לינקע סטרייקערס האָבן אָנגעפירט מאַסן־פּיקעט דעמאָנסטראַציעס. די רעכטע יוניאָן איז געגאַנגען האַנט אין האַנט מיט דער פּאָליציי, גענגסטערס און די באַלעבאַטים, צו צעברעכן די לינקע סטרייקס.

די לינקע האָבן אָרגאַניזירט די טויזנטער שטאַרק־עקספּלואַטירטע קאַפעטעריע־אַרבעטער אין 1928־1929. דער קאַפעטעריע־סטרייק איז געווען אַ בלוטיקער און ער האָט אַנגעהאַלטן אַ סאַך כּאַדאָשים. בלוטיקע סטרייקס, בײַ װעלכע די פּאָליציי האָט אַרויסגעוויזן איר ברוטאַליטעט, זײַנען פֿאָרגעקומען בײַ די פּרוכט־קראָמען־אַרבעטער און אין דער שיך־אינדוסטריע. אין יאַנואַר 1930 איז אַ פּרוכט־מאַרק פּיקעט, סטיוו קאַטאָוויס, דערשאָסן געוואָרן פֿון אַ פּאָליסמאַן, און ער איז געשטאָרבן. די לעוואַיע, וואָס די לינקע באַוועגונג האָט אָרגאַנזירט, איז געווען איינע פֿון די גרעסטע אַרבעטער־דעמאָנסטראַציעס, וואָס ניו־יאָרק האָט געזען. איבער 50,000 מענטשן האָבן דעמאָנסטרירט איבער דעם פֿאַבריק־געגנט פֿון מאַנהעטן.

די ניי־געגרינדעטע אינדוסטריעלע יוניאָנס געפֿינען זיך אין די הענט פֿון עמעסער פּראָלעטאַרישער פֿירערשאַפֿט. דאָס איז אַ סיסטעם פֿון שאַפּ־דעלעגאַטן, וואו די אַרבעטער פֿון יעדן שאַפּ דערוויילן דעלעגאַטן צו דער עקזעקוטיווע, װעלכע פֿירט אָן די אַלגעמיינע אַרבעט. אַף אַזאַ אויפֿן געפֿינט זיך די קאָנטראָל פֿון דער יוניאָן אין די הענט פֿון די אַרבעטער גופֿע.

די „אַרבעטער אינטערנאַציאָנאַלע הילף־אָרגאַניזאַציע" („װאָרקערס אינטערנעשאָנאַל רעליף") העלפֿט אַרויס די אַרבעטער אין זייערע קאַמפֿן, עפֿנט קיכן פֿאַר סטרייקער־אַרבעטער, ווי אין לעצטן שיך־סטרייק, אַ. אַ. וו.

נ ע ג ע ר - אַ ר ב ע ט ע ר

ניו־יאָרק האָט אַ גרויסע נעגערשע באַפֿעלקערונג און, ווי איבער דעם גאַנצן לאַנד, לײַדן די נעגערס סײַ פֿון דער ראַסן־דיסקרימינאַציע, סײַ פֿון עקאָנאָמישער פֿאַרשקלאַפֿונג.

אין צײַט פֿון שקלאַפֿן־האַנדל איז ניו־יאָרק געווען אַ גרויסער שקלאַפֿן־מאַרק, און נאָך אין 1712 איז פֿאָרגעקומען אַ באַוואָפֿנטער אויפֿשטאַנד פֿון אַ גרופּע נעגערס.

די קאָמוניסטישע פּאַרטיי האָט זיך גענומען אָרגאַניזירן די נעגער-לוין-אַרבעטער און עס איז איר געלונגען אַריינ-צוציען אין אירע רייען אַ גרויסע צאָל שוואַרצע, וועלכע זיינען גוטע, קלאַסן-באַוואוסטזיניקע קעמפער.

פ ר וי ע ן - אַ ר ב ע ט ע ר

די אַרבעטער־פרוי אין ניו־יאָרק שפּילט אַ גרויסע ראָלע אין דער אינדוסטריע. זי ווערט מער עקספּלואַטירט פון דעם מאַן, און אין עטלאָכע אינדוסטריעס, ווי לאָנדרים, ראַדיאָס און נאָדל-פאַבריקן, שטייען זיי אַרויס די מענער-אַרבעטער.

די פרוי שטייט אָבער ניט אָפּ פון מאַן אין הינזיכט פון אָרגאַניזירן זיך אין קאַמף פאַר בעסערע לעבנס-באַדינגונגען. די פרויען־אַרבעטער זיינען מוטיקע קעמפער אין אַלע סטרייקס; ווערן טעראָריזירט און געוואָרפן אין די טורמעס. אין דער אָרגאַניזירונג פון די גרעסטע נאָדל-פאַך יוניאָנס האָבן פרויען גענומען אַ וויכטיקן אָנטייל.

אַ סאַך אַרבעטער־ און הויז-פרויען זיינען אָרגאַניזירט אין פרויען-קאָונסילס, וועלכע טוען-אויף וויכטיקע הילפס-אַרבעט אין אַלע אַרבעטער־קאַמפן און ראַדיקאַלע אונטער-נעמונגען.

י ו ג נ ט א ו ן ק י נ ד ע ר

טויזנטער יונגע אַרבעטער, אינגלאַך און מיידלאַך, שקלאַפן אין די שעפער, פאַבריקן און דעפּאַרטמענט סטאָרס פון ניו־יאָרק פאַר אַ קלעגלאַכן לוין. דער „שטאַטס-דעפּאַרט-מענט פון אַרבעט" גיט אַליין צו, אַז די לאַגע פון דער אַרבעטער-יוגנט איז זייער אַ שלעכטע. דאָך האָט דער שטאַט גאָרנישט געטאָן צו פאַרבעסערן זייער לאַגע. אין אַ סאַך פלעצער אַרבעטן יונגע מיידלאַך ביז 54 שאָ אַ וואָך פאַר אַ לוין פון 12 דאָלער אַ וואָך, און די סאַניטאַרישע באַ-דינגונגען זיינען די ערגסטע.

עס איז גענוג צו דערמאָנען דעם „טרייענגל"-פייער אין 1911, וועלכער האָט געקאָסט 146 יונגע לעבנס, בלויז צוליב דער שולד פון נים-פּאַסיקע זיכערקייט-באַדינגונגען אין פאַבריק. די קאָמוניסטישע יוגנט-ליג איז די איינציקע אָרגאַניזאַציע, וועלכע טוט וויכטיקע אָרגאַניזיר-אַרבעט צווישן דער אַרבעטער-יוגנט.

לויט דעם געזעץ, טאָרן קינדער אונטער 16 יאָר נים אַרבעטן מער פון 48 שעה אַ וואָך, דאָך געפינען מיר טויזנטער קינדער אונטער 14 יאָר, וועלכע אַרבעטן אין ניו-יאָרק מער ווי 48 שעה אַ וואָך.

אין די ערשטע 3 כאַדאָשים פון 1930 זיינען פאָרגעקומען 1,748 אומגליקס-פאַלן פון קינדער אונטער 18 יאָר; 13 טויטן-פאַלן; 318 פאַרקריפּלונגען. טויזנטער קינדער, פון 9 יאָר אָן, פאַרנעמען זיך מיט ציימונג-פאַרקויף און שיך-פוצונג.

די קאָמוניסטישע פּיאָנערן-אָרגאַניזאַציע פירט אָן וויכטיקע אויפקלער-אַרבעט צווישן קינדער אין די סקולס און זי נעמט אויך אָן אַקטיוון אנטייל אין סטרייקס, דעמאָנסטראַציעס און אַנדערע אַרבעטער-קאַמפן. זי האַלט-אויס אַ זומער-קעמפּ לעבן ניו-יאָרק און העלפט מיט דעם די אָרימסטע קינדער באַקומען אַ וואַקאַציע.

אַרבעטסלאָזיקייט

די אָנגעווייטיקטסטע פראַגע פון אַלע אַרבעטער אין דער איצטיקער צייט איז די אַרבעטסלאָזיקייט, וואָס הערשט איבער'ן גאַנצן לאַנד, און איבערהויפּט אין ניו-יאָרק. אַרום 700,000 אַרבעטער זיינען איצט אָן אַרבעט אין ניו-יאָרק. די טעגלאַכע ברויט-ליניעס אַף דער באַוערי זיינען איידעס פון דער גרויסער נויט און הונגער אין די אַרבעטער-היימען.

דעם 6טן מערץ, 1930, האָט די קאָמ. פּאַרטיי אָרגאַניזירט פּראָטעסט-דעמאָנסטראַציעס קעגן אַרבעטס-

לאָזיקייט; אין דער ניו־יאָרקער דעמאָנסטראַציע האָבן אָנ־טייל גענומען 100,000 אַרבעטער. די ריזיקע דעמאָנסטראַציע האָט זיך געלאָזט מאַרשירן צום סיטי האָל, פאָדערן פון דער שטאָט הילף. די פּאָליציי האָט פאַרווערט צו מאַרשירן און עס איז פאָרגעקומען אַ בלוטיקער שלאַכט צווישן דער פּאָליציי און די אַרבעטער.

די אַרבעטסלאָזיקייט, די גרויסע סטרייקס וואָס זיינען פאָרגעקומען אין די לעצטע יאָרן, דער אינערלאַכער קאַמף אין די יוניאָנס, די שווערע לעבנס־באַדינגונגען, די ראַציאָ־נאַליזאַציע און נאָך אַנדערע פאַקטאָרן, וואָס מאַכן שווערער דעם אַרבעטער׳ס לעבן אין ניו־יאָרק, האָבן אויפגעעפנט די אויגן פון דעם אַרבעטער און אים ראַדיקאַליזירט.

דער ניו־יאָרקער אַרבעטער, ווי דער אַרבעטער אַף דער גאַנצער וועלט, הויבט אָן פאַרשטיין זיין גרויסע מיסיע פון אַראָפוואַרפן די קאַפּיטאַליסטישע סיסטעם, וואָס פאַר־שקלאַפט אים, זיך באַפרייען פון די קייטן, וועלכע פענטען אים, און איינפירן אַזאַ אָרדנונג, וואָס זאָל אים מאַכן פאַר דעם באַלעבאָס איבער זיין אַרבעט און אַ מיטגליד פון דער פרייער געזעלשאַפט.

א ס ת ר ל י נ ע צ ק י :

אין אַ ניו־יאָרקער פאַבריק־געביידע

עס שטייט אַ גרויסער, גרויסער מויער, אַזוי ווי אַ טורמע וואָס וויל אין זיך איינשלינגען און האַלטן די הונדערטער אַרבעטער, וואָס שקלאַפן דאָרטן. נאָר פינף אַמאָל זעקס אַזייגער אין אָוונט, עפענען זיך די טירן, עס ווערט אַ גערויש, אַ טומל און ס'לאָזן זיך אַרויס מענער און פרויען, בלאַסע און מידע. זיי אָטעמען אין זיך אַריין די פאַרפעסטעטע דאַון־טאַון לופט און ווערן פאַרשוואונדן אין גרויסן מויל פון סאַבוויי.

אַכט אַזייגער! פון אַלע זייטן פייפן פאַבריק־קוימענס. אַרבעטער, אַרבעטער, קומט, קומט אַרבעטן! שנעל... סאַבוויי... פאַבריק... עלעווייטאָר... שאַפּ... אַרבעט... טר־טר־טר! מאַשינען רוישן, שאַען קריכן, פאָמעלאַך, קוים, קוים, 10, 11, 12 — און פינף. מאַשינען מידע הערן אויף; אַרבעטער הייבן זיך אויף גלייכן אוים די ביינער, טראַכטן וועגן זיצונגען, יוניאָנס, אַמאָל וועגן קאָנצערטן, מואוויס... באַוועגונג, אַמוזירונג, אָבער אַלעמאָל טראַכט מען וועגן שאַפּ, און אַרבעט; שאַפּ און אַרבעט.

איך קאָן אַ אינגל, וועלכער אַרבעט אין איינער פון די גרויע געביידעס. ער איז זעכצן יאָר אַלט, אַרבעט אַ גאַנצן טאָג, זעקס טעג אַ וואָך, פאַר פופצן טאַלער. ער איז אַ „פאַר־סטרעטשער“. די אַרבעט איז שווער. אַז עס קומט דער אָוונט ווערט ער אַזוי דערפרייט און דערמונטערט, אַז ער פאַרגעסט די לאַנגע שאָען פון דעם שווערן טאָג אַרבעט. זאָג איך צו אים איינמאָל: „הער, איך וואָלט געוואָלט

זען די פֿאַבריק־געביידע, וואו דו אַרבעטסט, פֿון קעלער ביז'ן דאַך.“

„גוט, מאָרגן אין מיין מיטאָג שאָ וועל איך מיט דיר גיין.“

איך גרייט צו פּאַפּיר און בלייפֿעדער און איך בין פֿיקס און פֿאַרטיק אַף אַ גאַנצן טאָג.

מאָרגן ווערט היינט, און איך בין בא דער טיר פֿון דער פֿאַבריקן־געביידע...

צען מינוט צו צוועלף, אַט, אַט און עס וועט זיך הערן דער פֿייף, וואָס וועט באַפֿרייען די אַרבעטער אַף אַ קליינער ווײַלע.

ר־ר־ר! 12 אַזייגער! „איך האָב זיך קוים דערוואַרט,“ זאָג איך צו מיין פֿריינט, „קום, לאָמיר גיין.“ מיר גייען אַריין. די טיר פֿאַרמאַכט זיך אונטער אונז און מיר בלייבן שטיין אין אַ האַלב־פֿינסטערן קאָרידאָר. הערי נעמט מיך אָן בא דער האַנט און פֿירט מיך. מיר קומען צו טרעפּ, און מיר גייען אַרונטער. אַ שטיקנדע היץ נעמט אונז אַרום. „דאָ צעלאָזט מען אייזן, מען נעמט אַרויס פֿון דעם די אומ־נויטיקע מינעראַלן און מען מאַכט שטאָל צו בויען הייזער,“ דערקלערט מיר מיין באַגלייטער. (אין דער געביידע גייט מען עסן איינס אַזייגער, נאָר די שיק־אינגלאַך און די „פּאָר־סטרעטשערס“ גייען עסן צוועלף; אַזוי אַרום וועל איך קאָנען זען ווי מען אַרבעט.)

איך קוק זיך אַרום — האַלב־נאַקעטע מענער מיט גרויסע, געשוואָלענע מוסקולן שטייען ביי די גרויסע אויוונס, שיטן קוילן — אַנדערע שטייען איבער ריזיקע קעסלען און מישן.. אַ גאַנצן טאָג מישן. נאָך אַנדערע דאַרפֿן רע־גולירן די היץ פֿון די אויוונס; טאָמער פֿאַרפֿעלן זיי צו זען צי די אויוונס זיינען צו הייס — קאָנען די מישערס ווערן בלינד פֿון דעם צעלאָזטן אייזן. זייערע קערפּערס זיינען ברוין און רויט און דער שוויים רינט אַראָפּ פֿון הענט און פּנים. טאָג־איין טאָג־אויס שטייען די שטאַרקע, גרויסע

מענטשן און מישן אָדער שיטן קוילן פאַר מיזעראַבלער לוין, פאַר אַ טרוקן שטיקל ברויט! איינס־צוויי! — נעם דעם קויל! דריי־פיר — שיט אריין! פאַרמאַכן, שנעל דעם אויוון, די שטיקלאַך פייער זאָלן ניט ארויספליען — עפן, און ווידער אַמאָל — איינס, צוויי — אַ גרויסע מאַשין, וואָס אַרבעט טאָג־איין טאָג־אויס און טראַכט ניט פון קיין זאַך. „ער טראַכט ניט,“ — האָב איך געזאָגט? אַ טאָעס — זיין מויאַך אַרבעט — יאָ, ער הייבט אָן פאַרשטיין — דאָס איז ניט קיין לעבן...

מיר גייען דורך דער גאַנצער לענג פון דער פאַבריק. עס עפנט זיך אַ טיר און מיר זיינען אין אַ פאַבריק, וואו מען מאַכט די בוכשטאַבן פאַר ביכער און צייטונגען. דאָרט, בלאַסע מענער זיצן איינגעבויגן בײַ טישן און שטעלן צונויף פיצעלאַך בליי פאַר בוכשטאַבן. די פענסטער גייען ארויס אויף אַ טונקעלן הויף — גלייך אויף דער ערד, מוז מען אַרבעטן בײַ עלעקטרישער ליכט — גייען אַלע אָנגעטאָן אויגנגלעזער. אַ גראָבער פאַרשוין גייט אַרום און פאַסט אויף, אַז קיינער זאָל אויף אַ מינוט ניט אויפהייבן די אויגן, זיי אָפּרוען. ניין, אַרבעטן מוז מען... נו־זשע, שנעלער, א־ב־ג־ד־ה, קליינטשינקע. עס זיצט אָן אַלטער מאַן, קימאַט אינגאַנצן בלינד, און פיקט אויס אויסיעס אויף בליי. ער זיצט שוין יאָרנלאַנג בײַ דעם זעלבן טיש, אויף דער זעלבער באַנק, און שניצט אויס בוכשטאַבן פאַר צייטונגען. אין אַ קורצער צייט וועט מען אים זאָגן: „איד, דו ביסט צו אַלט, גיי אַהיים צו דיין ווייב און קינדער און רו זיך אָפּ, ביסט שוין מיד.“ אָבער פון געלט וועט מען ניט רעדן. גוטהאַרציקע זיינען זיי, די באַלעבאַטים; אַז מען ווערט אַלט, שיקט מען אַהיים זיך אָפּרוען...

מיינע אויגן זיינען ניט צוגעוואוינט צו דער אומנאַטיר־לאַכער ליכט, זיי הייבן מיר אָן וויי־צו־טאָן. איך וואונדער זיך, ווי מענטשן קאָנען זיצן בײַ אַזאַ ליכט — איינגעבויגן בײַ טישן און אויספיקן קליינע אויסיעס? ווען וועט שוין

נעמען אַ סאַך צו אַזאַ עקזיסטענץ? ווייל דאָס איז דאָך ניט קיין לעבן. אַזוי ווי כייעס, איינגעשפּאַרטע, אַף איין שטול שאָען לאַנג, פאַרוואָס? צוליב וועמען?

„לאָמיר שוין אַרויס פון דאַנען," זאָג איך. „ווען איך וואָלט געדאַרפט זיצן און אַרבעטן אַזוי, וואָלט איך בלינד געוואָרן דעם ערשטן טאָג."

מיר גייען אַרויף אַ שטאָק שטיגן, און ווידער אַריין אין אַ ריזיקער פאַבריק — פון פוטער. מאַשינען, איבעראַל מאַשינען, גרויסע שלאַנגען וואָס זאַפּן אין זיך אַריין דעם אַרבעטער׳ס בלוט. אַכט שאָ נאָכאַנאַנד — ז.ז.ז.ז — טר, טר, טר. רווישן די מאַשינען. — אַרבעטער, יונגע, אַלטע, שטאַרקע, שוואַכע, לעבעדיקע מידע — אַלע זיינען דאָ פאַרטאָן אין די פוטערנע מאַנטלען. זיי אַרבעטן און שוויצן, און אַנדערע גייען אויסגעפוצט. זיי שטאַרבן אויס, און די רייכע לעבן אַ גוטן טאָג. זיי ווערן ווינטער פאַרפרוירן, און די פאַראַזיטן באַצאָלן הונדערטער פאַר איין מאַנטל.

די פאָרמאַנעס גייען אַרום, העגט אין קעשענעס, און באַלעבאַטעווען. זיי זיינען פאַרהאַסט פון אַרבעטער און באַלעבאָס; זיי זיינען ווי הינט, וואָס לעקן אָפּ דעם שמוץ פון באַלעבאָס׳ פוס. אַך, ס׳אַרא נידעריקע באַשעפענישן, און דאָך דענקען זיי אַז זיי לעבן בעסער, ווי די אַרבעטער.

אין אַ קליינער אָפּטיילונג פון שאָפּ שטייען בײַ לאַנגע טישן די שניידער, לעבעדיקע יונגעלייט, וואָס האָבן נאָך ניט אינגאַנצן דערפילט דעם שווערן יאָך פון לעבן. זיי שלעפּן די שווערע שטיקער פוטער אַהין און אַהער, גיבן דאָ אַ שנייד, דאָרט אַ ריס; זיי קיבעצן זיך, לאַכן און זינגען אונטער לידלאַך: „וואו ביסטו געוועזן, ווען דאָס געלט איז געוועזן, א. א. וו." איך טראַכט, ווי וועלן אויסזען די זעלבע יונגע, פרישע מענער, צען יאָר שפּעטער. אין מיין מויאַך מאָלט זיך אַ בילד, אַ שווידערלאַך בילד, פון געלע, שוואַכע מענטשן.

אַזוי ווי אין רודער אַרבעטן אַלע. מיט אַ מאָך פון

דער האַנט שטעלן זיך אָפּ די מאַשינען, נאָך אַ מאָך — און אַלע גייען ווידער. מען יאָגט זיך אַרויסגעבן מער אַרבעט, נאָך אַ פּאָר סענט פאַר׳ן ווייב. אַן אַלטער איד זיצט, מיט שווערן קאָפּ פאַרבויגן, און נייט פוטערנע מאַנטלען פאַר יענע. „אַ לעבן, אַ לעבן, גאַטעניו!“ —

„נו, יאָג זיך צו, דו,“ שרייט אויס אַ פאָרמאַן. „וואָס זיצסטו און שלאָפסט וואָס רעדסטו צו זיך אַליין. ביסט משוגע, צי האָסטו נאָך אַ ביסל סייכל אין קאָפּ? טאַ, גיב-זשע זיך אַ ריר, און גיב אַרויס אַ ביסל אַרבעט, אַניט איז היידאַ,“ ברומט דער הונט. „מע, אַז אַרבעטן, איז אַרבעטן,“ מורמלט דער אַלטיטשקער.

ווייטער זיצן צוויי יונגעלייט און רעדן צווישן זיך. דער טומל פון די מאַשינען רוישט קסיידער, און זיי שרייען העכער, אַז זיי זאָלן זיך קאָנען איינער דעם אַנדערן פאַר-שטיין.

„דו הערסט, דאַוויד, האָסט נאָך אַזאַ דעמאָנסטראַציע ניט געזען. איך זאָג דיר, דאָס בלוט האָט זיך געגאָסן ווי וואַסער, די פּאָליסלייט זיינען ווי צערייצטע וועלף געלאָפן אַהין און אַהער און געשלאָגן מיט פויסטן, שטעקנס און בלעקדזשעקס. יאָ, די אַרבעטער וועלן נאָך מוזן אַ סאָך ליידן, ביז זיי וועלן קריגן דאָס זייעריקע.“

„נו, אַוואַדע, וואָס דען? דו מיינסט אַוואַדע, אַז זיי וועלן דיר אָפּגעבן זייערע רייכטימער אָן בלוט, מיינסטו? הערסט, אַוואַדע וועלן זיי אונז שלאָגן, אָבער מיר וועלן זיי צוריקגעבן. מיינסט אַז נישט? יאָ, יאָ, ברודערל, מיר וועלן זיי צוריקגעבן...“

„קום שוין, עס ווערט שפּעט,“ זאָגט הערי. „די פאַבריק איבער אונז איז אויך אינטערעסאַנט, און דו וועסט נאָך זען מער עקספּלואַטירטע אַרבעטער ווי דאָ.“ „וואָס פאַר אַ פאַבריק איז דאָס?“ פרעג איך זיך ביי מיין כאַווער. „מען אַרבעט דאָרט ביי אונטערוועש,“ ענטפערט ער. „עס אַר-בעטן מערסטנטייל מיידלאַך און פרויען; זיי זיינען ניט

אָרגאַניזירט און האָבן די ערגסטע באַדינגונגען. מען האָט זיי אַמאָל פּרובירט רופן אין סטרייק, זיינען זיי דאָווקע אַרונטער, נאָר די איטאַליענערקעס (עס אַרבעטן אַ סאַך איטאַליענער בײַ אונטערוועש) זיינען זייער אָרים, איז נאָך דריי טעג סטרייקן זיינען זיי צוריק אַרויף פאַר די זעלבע סכירעס און מען האָט נאָך אַראָפּגעהאַקט אַ פאַר סענט.״

מיר קומען אַריין אין אַ גרויסער פאַבריק. עס דערפילט זיך אַ רייאַך פון הונדערטער קערפּערס; קיין פענסטער ניט אָפן, די לופט איז שרעקלאַך. אין שאַפ איז אַזאַ טומל, אַז מען קאָן שיר פאַרריכט ווערן. די מאַשינען, די געשרייען, דאָס רעדן. איך הייב אָן אַרומגיין, און קוק זיך צו צו די אַרבעטער. „זעסט דאָרט, אין יענעם ווינקל? דאָרט איז אַ באָבע, אַ מאַמע, און צוויי טעכטער. די באָבע איז שוין מער ווי זעכציק יאָר אַלט און זי זיצט נאָך בײַ דער מאַשין; די איינגסטע מיידל איז דרייצן יאָר אַלט. בײַ די איטאַליענער אַרבעטן אַלע: מאַן, ווייב און קינדער. זיי האָבן זייער אַ סאַך קינדער, און אַזוי ווי זיי ווערן צען אָדער עלף יאָר אַלט, מוזן זיי גיין אַרבעטן. זיי זיינען זייער אָרים און קיינער לערנט זיי ניט, ווייסן זיי ניט ווי אַזוי זיך אויס־צוהיטן פון האָבן אַזויפיל קינדער. די אַלטיטשקע וועט זיצן בײַ דער מאַשין, דאָרט, ביז זי וועט אַנידערפאַלן.״ —

מיטאַמאָל הערט זיך אַ געשריי — אַ מיידל האָט זיך אַריינגעשטאָכן אַ נאָדל אין פינגער. זי האָט מיסטאָמע גע־וואָלט אַרויסגעבן מער אַרבעט, האָט זי דורכגעשטאָכן דעם פינגער. עס ווערט מער טומל, מען נעמט זי אַרויס, און די אַרבעט גייט ווייטער אָן.

עס אַרבעטן טויזנטער אַזעלכע פרויען און מיידלאַך, וואָס זיינען ניט מער ווי קינדער. די דורכשניטלאַכע סכירעס פאַר אַזעלכע אַרבעטער איז צווישן 12 און 20 דאָלער אַ וואָך. פאַר דעם אַרבעט מען 48 שאָ אַ וואָך, און מען דאַרף זיך יאָגן אַזוי שנעל, גלייך אין קייווער אַריין.

פון איין טייל פון פאַבריק הערן זיך צוויי צעקאָכטע

שטימען. צוויי מיידלאַך רייסן זיך איבער אַ „באַנדל" סכוירע. „ס'איז מיינס, איך האָב עס גענומען פריער; איך האָב אַ קליין קינד, וואָס איך דאַרף דערנערן." — „וואָס בין איך עפּעס, אַ שטיף־קינד? דאָס פּעקל איז מיינס און איך וועל עס דיר ניט אָפּגעבן." זיי הייבן זיך אָן קריגן. איך טראַכט, ווען אַנשטאָט זיך קריגן צווישן זיך וואָלטן זיי אַלע צוזאַמען געקעמפט פאַר בעסערע באַדינגונגען, דאַן וואָלטן ניט געווען נויטיק אַזעלכע מיעסע קריגערייען.

לעבן דעם פּלאַץ וואו די קריגעריי איז פאָרגעקומען עפנט זיך אַ טיר אַלע פאַר מינוט און עס גייען אַריין און אַרויס די אַרבעטער. איך גיי אויך אַריין. עס איז דער קלאָזעט, אַ קליינער, אַלטער, שמוציקער פּלאַץ. ווי לייכט איז זיך דאָ צו פאַרקילן! אַריין פון אַ הייסן שאַפּ אין אַזאַ פּלאַץ. מען קאָן אומגליקלאַך ווערן. איך גיי שנעל אַרויס. איך גיי צו צו איין מיידל און קוק נאָך ווי זי אַרבעט. אַלעמאָל די זעלבע באַוועגונג. פון דער רעכטער זייט — די סכוירע, בייגט דאָס איין אין העלפט, מאַכט אַ נאָט באַ דער מאַשין, אַף ביידע זייטן, און וואַרפט די סכוירע אַריין אין קעסטל באַ דער לינקער זייט. אַ גאַנצן טאָג: רעכטס, אין העלפט, נאָט, נאָך אַ נאָט און לינקס; נאָכאַמאָל, און נאָכאַמאָל. די מיידל וואָס אַרבעט איז זייער אַ יונגע, זי איז 16 אָדער 17 יאָר, אָבער איר פּאָנים איז שוין בלאַס און געל; די הענט האַרע און די אָדערן סטאַרטשען אַרויס פון אונטער דער הויט, גרויסע, בלויע; די אויגן מידע, די ליפּן צונויפגעפּרעסטע.

„דו וועסט האָבן גענוג מאַטעריאַל דאָ צו שרייבן אַ גרויסע קאָמפּאָזיציע," זאָגט הערי. „וואָס טויג מיר באַשרייבן די אַרבעטער און זייער לעבן," ענטפער איך פאַרביסן, „אַז איך קאָן זיי ניט העלפן. ווי לאַנג וועט געדויערן, ביז מיר וועלן איבערנעמען די מאַכט פון די רייכע און זי געבן צו די אַרבעטער? ווען וועט שוין נעמען אַ סאָף?" די מאַשינען רוישן שטאַרקער, ווי זיי לאַכן פון מיר. „האַ, האַ,

העטר נאָר, העטר נאָר; טר-טר-טר, אַרבעט צעזעצטערהייט;
העטר נאָר העטר נאָר.״

מיר גייען אַרויף העכער, העכער. „לאָמיר דאָ אַריינגיין.״ — „ניין, דאָ זיינען נאָר פֿאַראַן די ביוראָס פֿאַר די באַלע־באַטים; ס׳איז ניט אינטערעסאַנט. קום, דאָ דאַרפֿן מיר גיין.״ די טיר עפֿנט זיך, מיר קומען אַריין אין אַ קליינער פֿאַבריק. דאָ אַרבעט מען באַ זייגערס. דאָ מאַכט מען גרויסע ביליקע זייגערס. די אַרבעט באַצאָלט זיך ניט און די באַדינגונגען זיינען זייער שלעכטע. ספּעציעל האָט מיך פֿאַרכאַפּט די אַרבעט פֿון אַ פּאָר מיידלאַך, וואָס זיינען געזעסן באַ טישן און געפֿאַרבט די נומערן אַף די זייגערס מיט ראַדיום. זיי האָבן באַנוצט קליינע בערשטלאַך, וואָס זיי האָבן אַריינגענומען אין מויל אַלע פּאָר מינוט, — זיי אויסצוגלייכן, אַז זיי זאָלן קאָנען שמירן דין. דער ראַדיום איז זייער שעדלאַך; די מיידלאַך וואָס אַרבעטן דערביי שטאַרבן אַלע מאָל פֿון דעם ראַדיום סאַם, אויב זיי בלייבן באַ דער אַרבעט אַ לענגערע צייט. עס איז מערקווירדיק, צו וואָס אָרימקייט קאָן פֿאַרטרייבן — און דאָך ניט אַזוי מערקווירדיק. אַלע ווילן לעבן — און בעסער לעבן, אַ קורצע צייט און גוט. אַזוי טראַכטן די מיידלאַך. איידער לאַנגע יאָרן און ניט וויסן פֿון וואַנען דאָס ברויט וועט קומען מאָרגן. ווערן זיי אַזוי פּאַמעלאַך פֿאַרסאַמט, און דאָך אַרבעטן זיי.

„נו, וואָס נאָך איז דאָ צו זען?״ „אַפּ׳ן דאַך געפֿינען זיך די „פּאָר סטרעטשערס״; אַזוי ווי די מיטאָג-שאָ ענדיקט זיך שוין, וועל איך מוזן אַרויפֿגיין. קום, וועסטו זען ווי מיר אַרבעטן.״

מיר גייען אַרויף. אַרום און אַרום איז דאָ גלאָז — אַז די זון זאָל קאָנען אַדורך און טריקענען די פּוטער. אינגלאַך פֿון פֿערצן ביז זיבעצן יאָר גרייטן זיך אָנצוהייבן אַרבעטן. זיי נעמען זיך ניט צו דער אַרבעט ביז עס הערט זיך פֿון וויטן אַ לאַנגער פֿייף. דאַן הייבן זיי אויף גרויסע ראַמען,

מיט נעגל אַרום אַפּ'ן האַלץ; זיי שלעפּן גרויסע שטיקער שווערן פּוטער און שטעכן אַריין אין די נעגל. זיי מוזן אויסציען די פּוטער, וואָס איז ניט זייער גרויס, איבער דער גאַנצער ברייט פון ראַם. צו דעם דאַרף מען זיין שטאַרק און אַריינלייגן אַ סאַך אַרבעט. איך האָב אייך שוין פריער געזאָגט, ווי גוט מען באַצאַלט די יונגע אַרבעטער פאַר שטיין 8 שאָ נאָכאַנאַנד און שלעפּן פּוטער, זי אויסציען אַף די ראַמען און דאַן אויפשטעלן לעבן דער וואַנט אויסצו־טריקענען.

הערי, אַלס אַ מיטגליד פון דער „יאַנג קאָמוניסט ליג“, האָט גענומען אָרגאַניזירן די קינדער־אַרבעטער. די אינגלאַך האָבן זיך צוגעהערט צו אים, און מיין פריינט האָט מיט גלאַנציקע אויגן מיר איבערגעגעבן די נייס, אַז אַף דער צווייטער וואָך וועלן אַלע אינגלאַך אַראָפּ אין סטרייק פאַר אַ 2־דאָלערדיקער העכערונג און 40 שאָ אַ וואָך. „און,“ האָט ער צוגעגעבן, „מיר וועלן סטרייקן, ביז מיר וועלן אויספירן דאָס אונזעריקע.“

איך האָב באַדאַנקט הערי'ן פאַר זיין הילף, וואָס ער האָט מיר געגעבן, און איך האָב פאַרלאָזן די פאַבריק־געביידע מיט דער האָפנונג, אַז דער סטרייק וועט געוואונען ווערן.

סילוויא קעצאָף:

דאָס וועלטל: ניו־יאָרק

אין די ראַמען פון ניו־יאָרק געפינט זיך אַ גאַנצע וועלט. אַלע ראַסן, אַלע פעלקער זיינען פאַרטראַטן אין איין אָדער אַן אַנדער טייל פון אונזער וועלטל ניו־יאָרק.

איך וועל אייך נעמען אַף אַ רייזע איבער דער וועלט. ניין! איר דאַרפט זיך ניט דערשרעקן: קיין פיל געלט איז ניט נויטיק.

מיר וועלן אָנפאַנגען פון סיריע און ביסלאַכווייז דורכגיין פאַרשיידענע לענדער פון אייראָפּע און אַפריקע. מיר געפינען זיך איצט אין רעקטאָר סטריט, איין בלאָק פון בעטערי פּאַרק. דאָס איז סיריע. איר קענט דאָס אַליין דערקענען. די קליינע, שמוציקע הייזער, געבויט אין ענגע רייען; פאַר־רויכערטע קאַווע־הייזער און רעסטאָראַנען פאַרכאַפּן דאָס אויג.

קליינע קראָמען אָנגעפּאַקט מיט שטאָפן פון אָריענט ווינקען צו אונז: ווילן מיר ניט אַריינגיין אָנקוקן און קויפן? אַן אויפשריפט אין אַן אומבאַקאַנטער אָדער שיינער שפּראַך לאַדט אונז איין. אויך זעען מיר דאָרט רייכע אָריענטאַלישע טעפּיכער, אָריענטאַלישע טעפּ, און מוזיקאַלישע אינסטרו־מענטן; שיין־אויסגענייטע קליידער און אַנדערע זאַכן, וועלכע פאַרכאַפּן דאָס אויג.

די סיריער, אָנגעטאָן אַמעריקאַניש, זעען אויס אַזוי ווי זיי וואָלטן פאַרבלאָנדזשעט אין פרעמדע קליידער: די הויזן הענגען אַראָפּ, דאָס היטל אַף דעם שפּיץ קאָפּ און אַפילע די שיך פּאַסן זיי אויך ניט, ווייל זיי זיינען איינגעוואוינט

אַרומצוגיין אין ווייכע „באַבושן", אָדער אינגאַנצן באָרוועס.

פאַר געסט לייגן די סיריער ניט אַריין זייערע געפילן פון צאָרן אָדער פרייד אין זייער מוזיק אָדער טענץ, אָבער אינדערהיים, צווישן אייגענע, דאַן דערציילט יעדער טאַנץ אָדער ליד אַ געשיכטע פון אייגן לאַנד.

איצט ווילן מיר פאָרן קיין גריכנלאַנד. אַ שיפל באַ דער באַטערי פירט אונז קיין „פעק-סליפ". אַפ'ן וועג באַגעגענען מיר שיפן און שיפלאַך. מיר זעען עלים-איילאַנד, און אָט זיינען מיר אין „פעק-סליפ", — אַ קליינע, אַלטע סטאַנציע פאַר שיפן.

מיר גייען ניט אָפּ קיין צוויי בלאָק פון האָפן און מיר זעען אַ ניי פאָלק. די הייזער, פון רויט ציגל, טראָגן עפּעס אַן אַנדער כאַראַקטער. מיר זעען גריכן מיט הויכע, ברייט-ביינערדיקע, שטאַלצע קערפּערס, טונקעלע הויט, פעך-שוואַרצע האָר און שיינע שוואַרצע אויגן. אומעטום פעדערם און בעטלערס. מע זיצט אָף די טרעפּ פון די הייזער און מע רעדט היציק. אַ גרויסע צאָל קאַווע-הייזער אָף ביידע זייטן פון דער שמאָלער גאַס; די פענסטער אומעטום פאַרהאַנגען. באַ קליינע רונדע טישלאַך רויכערט מען און מע טרינקט, — די פיס צעשפּרייט אָף טיש און בענק, גאַנץ באַקוועם.

קיין סאַך פרויען און קינדער זעט מען ניט. די גריכן לאָזן זיי איבער אין דער אַלטער היים, וואוהין זיי קלייבן זיך צוריקצופאָרן.

מיר ווייסן, אַז אַ סאַך גריכישע פּראָלעטאַריער זיינען גוטע קעמפער פאַר'ן אַרבעטער-קלאַס און זיי זיינען טעטיק אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, דאָ אין ניו-יאָרק.

לאָמיר צופאָרן אָף גרענד סטריט. אַביסל רעכטס און מיר געפינען זיך אָף דער הויפּט-גאַס פון דער אידישער געטאָ. ביידע זייטן גאַס פאַרשטעלט מיט שטופּ-וועגעלאַך, וועלכע זיינען אָנגעלאָדן מיט אַלדאָס גוטס. דאָרט געפינט מען פוטער, צירונג, קליידער, שפּיצן, צאַצקעס, זייף, זאָקן-

בענדלאַך, אונטערװעש, ביכלאַך, טעפּיכער, פּאַרפֿומען, שיך, נאָדל־און־פֿאָדעם...

נידעריקע אָפּגעדראָפּעשטעטע הײַזער ; בעט־געװאַנט אױף די פֿײַער־לײטערס. קראָמען, העל־באַלױכטן, אין װעלכע מע געפֿינט שטאָפֿן, װי אױף די שטופּ־װעגעלאַך. אַלץ ראַשט, אַלץ טומלט. מע קױפֿט און פֿאַרקױפֿט.

די אידישע געטאָ איז אַ װעלטל אין אַ װעלט. אידן פֿון דער גאַנצער װעלט. אַלץ לעבט אױף דער גאַס. און די גאַסן זײַנען שמאָל און ענג, אָנגעװאָרפֿן מיט מיסט און שמוץ ; די לופֿט איז פֿאַרפֿעסטיקט. דאָ זײַנען פֿאַראַן די באַרימטע טענעמענט־הײַזער, װאו מע לעבט שטאַרק צונױפֿגעדריקט, װאו מע ברענט נאָך גאַז באַטאָג. קינדער שפּילן זיך אױף די שמאָלע גאַסן, אין געפֿאַר פֿון סטריט־קאַרס און אָטאָ־װעגענער. אַלץ איז הײמיש און אָפֿן.

מיר גײען־צו צו „מאָט" סטריט. מיר געפֿינען זיך אין כינע. פּיצעלאַך קינדער אָנגעטאָן אױסלענדיש שפּילן זיך אין די װינקעלאַך. קלײנע, בלישטשענדיקע שװאַרצע אײגעלאַך. קרומע געסלאַך. אַנטיק־קראָמען, װעשערײען ; כינעזישע אױפֿשריפֿטן. די שטילע כינעזער גײען אַרום שװײַגנדיקע. אומעטום „טשאָפּ־סואי" פּלעצער, װעלכע זײַנען אַן אַמעריקאַנער אינסטיטוציע, נישט קײן כינעזישע.

די כינעזער לעבן אַן אײגן אָפּגעזונדערט לעבן און מישן זיך ניט אױס מיט דער באַפֿעלקערונג. אין „טשײַנאַ־טאַון" זײַנען פֿאַראַן 2,000 כינעזער, װאָס האַלטן זיך צוזאַמען, נאָר קריגן זיך אָפֿט. און די קריגערײען לאָזן זיך ניט זעלטן אױס מיט מאָרדן.

ניט װײַט פֿון „טשײַנאַ־טאַון" געפֿינט זיך די איטאַליענישע געטאָ. אַ טשיקאַװע פֿאָלק : מענער מיט שװאַרצע, דיקע װאָנצעס און טיפֿע קלינגענדיקע שטימען, װאָס זינגען אױס זײערע רײד. פֿרױען צעגאָסענע און שרײַענדיקע. אױף עליזאַבעט סטריט און מאָלבערי סטריט קען מען געפֿינען אַלע גרינס־גערטנער פֿון דער װעלט. זײ געפֿינען זיך אױף

די שטופּ־וועגעלאַך, וואָס פאַרנעמען די גאַס. די גרינע, געלע, רויטע, פּורפּורנע און ווייסע גרינסן פאַרבלענדן מיט זייער שרייאיקייט. די וועגעלאַך ברעכן זיך שיר איבער פון זייער אָנגעלאָדנקייט. מען פאַרגעסט אָן די שמוציקע הייזלאַך, וואָס שטייען צונויפגעפּרעסט אַף ביידע זייטן גאַס.

אַ ביסל ווייטער, לעבן „פּערעדייז פּאַרק", באַגעגנט דאָס אויג אַן אַנדער בילד. אַלטע הויזן, מאַנטלען, שיך, צע־בראָכענע הויז־אַרטיקלען, קליינע קעשענע־מעסערס, רינגען, זאָקן — אַלץ ווערט דאָ אויסגעביטן. וואָס ניו־יאָרק וואַרפט אַוועק, ווערט דאָ אויסגעטוישט. סוועט־שעפּער און סטאָר־קעס, וואו אַלטע מענער זיצן איינגעהויקערט פון גאַנץ פרי ביז שפּעט באַנאַכט און סאָרטירן זעק, פאַרריכטן זאַכן און נייען; אַ געררוך פון שווייס און שמוץ, אומעטום גערויש און געפּילדער, אַזש טויב צו ווערן. באַרבער־שעפּער, וואו מען זינגט און מע טאַנצט מער, ווי מע שערט.

אַף דער בויערי שטייט דער אַלטער „טאַליאַ"־טעאַטער, וואָס איז אַמאָל געווען דער בעסערער פאַרוויילפּלאַץ פון דער קליינער איטאַליע.

איבער אַ מיליאָן איטאַליענער געפינען זיך אין ניו־יאָרק, צעשפּרייט אין געטאָס איבער גרויס ניו־יאָרק. אין דער סט. מאַרק קירך אַף צענטער גאַס און צווייטע עוועניו געפינט זיך די לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשי קונסט־שול, וואו מע לערנט זיך אין די אָוונטן סקולפּטור און מאָלן.

איינער פון די אינטערעסאַנטסטע מינהאָגים בא די איטאַליענער איז די צערעמאָניע פון באַגראָבן טויטע. פיל פאַמיליעס שפּאָרן אָפּ פון דעם נויטיקסטן, קדיי צו האָבן אַ רייכע לעווויע, וועלכע שפּילט בא זיי אַ גרעסערע ראָלע, ווי אַ געבורט אָדער כאַסענע.

טויזנטער איטאַליענער ווערן באַשעפטיקט בא שוואַר־צער אַרבעט. זיי גראָבן טונעלן פאַר די סאָבוויים, גראָבן פונדאַמענטן פאַר הייזער און ווערן שטאַרק עקספּלואַטירט פון אַלע זייטן.

ציגיינער! דאָס וואָרט אַליין שטעלט מיט זיך פאָר לוסט און לעבן. לאַנגע שוואַרצע צעפּ, בלישטשענדיקע אויגן, רויטע ליפּן, ווייסע פּערלדיקע ציין, דאָס קלינגען פון בראַס־לעטן אַף לאַנגע הענט, ראַשעדיקע קליידער — אַ מיסטעריעז פאָלק, וואָס באַווייזט זיך און פאַרשווינדט, אַזוי ווי די פייגעלאַך, נאָר וועלכע קומען, ווען די פייגל פאַרשווינדן.

איבער אַ נאַכט ווערן די ליידיקע קראָמען פאַרנומען, די פענסטער פאַרהאַנגען מיט קאָלירטע פאַרהאַנגען. קליינע טונקעלע קאַראַפּוזיקלאַך זיצן אַף די שטיגן און באַקאַנען זיך מיט זייער נייער היים.

זיי געפינען זיך מערסטנס אַף דער איסט־סייד. די פרויען פאַרנעמען זיך מיט וואָר־זאָגעריי. עס זיינען פאַראַן ציגיינער פון פאַרשידענע נאַציעס: רומעניש, רוסישע, פוילישע, אונגאַרישע און שפּאַנישע. זיי לעבן אָן אָפּגעזונ־דערט און אומאָפּהענגיק לעבן.

אין ניו־יאָרק זיינען פאַראַן איבער אַ האַלב מיליאָן נעגערס, וועלכע הייבן־אָן שפּילן אַ וויכטיקע ראָלע אין דעם לעבן פון שטאָט. די קאַפּיטאַליסטישע וועלט באַציט זיך נאָך פיינטלאַך צום שוואַרצן. מע לאָזט אים, אַפילו אין ניו־יאָרק, נאָך ניט פאַרנעמען אַ גלייכן פּלאַץ מיט'ן ווייסן, אָבער דער נעגער רוקט זיך אַלץ ווייטער אַרויס אין פאָדערגרונט. אין דער ליטעראַטור, אין מוזיק, אין טעאַטער און איבער־הויפּט אין דעם רעוואָלוציאָנערן אַרבעטער־קאַמף, ווייזט דער נעגער אַרויס זיין פעיִקייט און טאַלאַנט.

ביז ניט לאַנג צוריק האָט מען זיי ניט געוואָלט אַריינ־נעמען אין די יוניאָנס. מ'האָט זיי ניט געוואָלט פאַרדינגען וואוינונגען צווישן די ווייסע. זיי פלעגן וואוינען אַרום 59טע גאַס — ענג צונויפגעקוועטשט, דריי־פיר פאַמיליעס אין איין אַפּאַרטמענט. איצט פאַרנעמען זיי קימאַט גאַנץ האַרלעם.

כאָטש די רעליגיעזע פינצטערניש איז נאָך שטאַרק פאַרשפּרייט צווישן זיי, דאָך הייבט אָן דער ראַדיקאַלער געדאַנק ווירקן מער און מער. די קאָמוניסטישע פּאַרטיי

דרינגט אַריין צווישן די שוואַרצע מאַסן און קריגט אַלץ מער אָנהענגער.

אין נעגערשן האַרלעם וואוינען אויך די אידישע נעגערס, וועלכע זיינען מערסטנס רעליגיעז און געפינען זיך ניט קיין פּלאַץ ניט צווישן אידן און ניט צווישן נעגערס.

אין האַרלעם וואוינען אויך די שפּאַניער, וואָס לעבן פאַרבאָרגן און איינגעצאַמט. זיי זיינען אָבער אַ פריילאַך און מוזיקאַליש פאָלק. זיי האָבן אויך אויפגעבויט אַ שפּאַנישע געטאָ אַרום 20טע גאַס, צווישן 7טע און 8טע עוועניו. זיי זיינען באַרימט מיט זייערע רעסטאָראַנען, און אין פיל שפּאַנישע רעסטאָראַנען, וואָס געפינען זיך אין ניו־יאָרק, איז אַלץ עכט־שפּאַניש.

אין ניו־יאָרק געפינען זיך איבער אַ מיליאָן דייטשן, צעשפּרייט איבער גרויס ניו־יאָרק. זיי האָבן פיל ביי־געטראָגן צו דער אַנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע און טעכניק פון דער מעטראָפּאָליע.

אין שכיינעס מיט זיי וואוינען די אונגאַרן. זיי זיינען דאָ אין אַ גרויסער צאָל אין ניו־יאָרק. די אונגאַרן זיינען באַוואוסט מיט זייערע גוטע און פריילאַכע רעסטאָראַנען. מיר געפינען אַ סאַך אונגאַרישע פּראָלעטאַריער אין די רייען פון דעם קעמפנדיקן אַרבעטער־קלאַס.

יעדער פאָלק אין ניו־יאָרק העלפט זיין טייל קלאַס, צו וועלכן ער באַלאַנגט. און טאָמיד גייט אָן דער קאַמף צווישן ביידע קלאַסן.

אײדע אײדלסאָן:

צײַטונגען אין ניו־יאָרק

צײַטונגען זײַנען אַ מעכטיקער אינסטרומענט פון פּראָ־פּאַגאַנדע אין די הענט פון קלאַסן־קאַמף. כאָטש די קאַפּי־טאַליסטישע צײַטונגען זײַנען פּריוואַטע געלט־אינסטיטוציעס, דאָך דינען זײ געטרײַ דעם קאַפּיטאַליסטישן קלאַס. די מערסטע ניו־יאָרקער צײַטונגען קאָרמען זײערע לעזער מיט געפּאַרבטע נײַעס, ביליקע סענסאַציעס און מיט אַגיטאַציע קעגן די אינטערעסן פון אַרבעטער־קלאַס.

די ניו־יאָרקער ענגלישע צײַטונגען װײַזן אַרױס זײער עמעס געשטאַלט, װען עס האַנדלט זיך אין סטרײַקס און דעמאָנסטראַציעס. דאַן פעלשן זײ אינגאַנצן די נײַעס װעגן די אַרבעטער־געשעענישן; זײ גיבן די קלענסטע ציפערן און די פאַקטן װערן איבערגעדרײט, אַז זײ זאָלן ניט זײַן צוגונסטן די אַרבעטער. דאָס האָט מען געקענט איבער־הױפּט זען אין די לעצטע גרױסע אַרבעטער־קאַמפּן: די „האַיטי" און „סיטי־האָל" דעמאָנסטראַציעס; לענין מע־מאָריאַל אין מעדיסאָן־סקװער גאַרדן; אַנטי־רעליגיעזער מיטינג אין קאָליסײ, װאָס איז פון גרעסטן טײל צײַטונגען פאַרשװיגן געװאָרן, און די ריזיקע אַרבעטסלאָזע דעמאָנ־סטראַציע פון זעקסטן מערץ, 1930.

די צײַטונגען פון ניו־יאָרק האָבן ריזיקע צירקולאַציעס און מאַכן גװאַלדיקע פּראָפיטן צוליב די גרױסע אַדװערטײז־מענטס פון די רײַכע געשעפטן.

די מאָרגן־צײַטונגען זײַנען פאָלגנדע: „די ניו־יאָרק טײַמס", װעלכע איז געגרינדעט געװאָרן אין 1851 און האָט איצט אַ צירקולאַציע נאָענט פון אַ האַלב מיליאָן. זי װערט

געלייענט פון דעם מער-אינטעליגענטן אוילעם. זי ווערט פאַרשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט, ווייל זי גיט זייער רייכע אויסלענדישע און באַלערנדע אינפאָרמאַציע. אין אַר־בעטער־פּראַגן איז זי אָפּן רעאַקציאָנער.

די „ניו־יאָרק וואָרלד" איז געגרינדעט געוואָרן אין 1862. זי איז אין פּאָליטיק אַ דעמאָקראַטישע צייטונג. זי שפּילט זיך אין ליבעראַליזם, דאָך האָט זי אין דעם סאַקאָ־וואַנזעטי פאַל אַרויסגעוויזן איר עמעסן פּאָנעם, ווען זי האָט אָפּגעזאָגט איר „פּיטשור"־מיטאַרבעטער, הייוואָרד ברון, פאַר זיין שאַרפער אַטאַקע אויף דער „גערעכטיקייט" פון באָסטאָן.

די „ניו־יאָרק העראַלד־טריביון" איז ניט אַזוי פּאָפּולער ווי די פריערדיקע צוויי, דאָך איז זי אָנגעפּיקעוועט מיט גרויסע „עדס". די „ניו־יאָרק אַמעריקען" איז אַ הוירסט־בלאַט, וואָס פּיטשורט די סקאַנדאַלן און לעבט אויף סענ־סאַציעס. עס גייען אויך אַרויס צוויי טאַבלאָיד־צייטונגען: די „ניוס" און די „מיראָר", וועלכע האָבן די גרעסטע צירקו־לאַציעס פון אַלע פּרימאָרגן־צייטונגען. אַזוי אַרום דערשיינען אין ניו־יאָרק זעקס ענגלישע פּרימאָרגן־צייטונגען.

די נאָכמיטאָג־צייטונגען זיינען: די „איוונינג וואָרלד", אַרויסגעגעבן פון דער זעלבער קאָמפּאַני, וואָס גיט אַרויס די מאָרגן־„וואָרלד". די „ניו־יאָרק סאַן", די „ניו־יאָרק טעלע־גראַם", וואָס רייסט זיך צו ווערן פּאָפּולער ביי דעם ליבעראַלן אוילעם. די „ניו־יאָרק פּאָסט", וועלכע איז די עלטסטע צייטונג אין ניו־יאָרק — זי איז געגרינדעט געוואָרן אין 1801. „ניו־יאָרק איוונינג דזשורנאַל", הוירסט'ס גרעסטע צייטונג אין ניו־יאָרק. עס גייט אויך אַרויס איין טאַבלאָיד־צייטונג, די „גראַפיק".

דאָ ווערן ניט אויסגערעכנט די קלענערע טעגלאַכע צייטונגען, וואָס גייען אַרויס אין די באַזונדערע בעראָס, ווי די „ברוקלין איגל" און אַנדערע. אויך גייען אַרויס ספּעציעלע

טעגלאַכע צייטונגען, ווי אַ וואָל־סטריטער בלאַט; אַ צייטונג פאַר דער פרויען־קליידער אינדוסטריע, א. א.

אין פאַרגלייך מיט די מעכטיקע קאַפּיטאַליסטישע אָר־גאַנען, איז די איינציקע טעגלאַכע ענגלישע אַרבעטער־צייטונג אין ענגליש, דער „דיילי וואָרקער", זייער אָרעם, אָבער זי ווערט געלייענט פון דעם עמעס קלאַסן־באַוואוסטזיניקן אַר־בעטער עלעמענט און זי ווערט אויסגעהאַלטן פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. זי איז אינגאַנצן זעקס יאָר אַלט, און זי איז אַן עמעסער קאַמפּס־אָרגאַן פאַר די אַרבעטער אין צייט פון סטרייקס און אין אָרגאַניזירן די פאַרשקלאַפטע און אונטערדריקטע. זי דערציט אירע לעזער פאַר קעמפער.

זי איז אַ נאַציאָנאַל־פאַרשפרייטע צייטונג. די אַרבעטער פון גאַסטאָניע, אין קאַראָליינע, האָבן געפונען אין דעם „דיילי וואָרקער" זייער עמעסן פריינט אין זייער לעצטן גרויסן סטרייק. און אַזוי פילן די אַרבעטער איבער'ן לאַנד, ווען זיי קומט אויס צו קעמפן. זי האָט ניט קיין אַדווער־טייזמענטס פון גרויסע געשעפטסלייט. יענע זיינען פאַר־אינטערעסירט זי צו דערשטיקן. דער „דיילי וואָרקער" ווערט געשטיצט און אויסגעהאַלטן פון די פעניס און דאָלערס פון די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער אין אַמעריקע.

אידישע צייטונגען

די אידישע צייטונגען פון ניו־יאָרק טראָגן מער ווי אַ לאָקאַלן כאַראַקטער. זיי ווערן געלייענט איבער'ן גאַנצן לאַנד. זיי גיבן ניט בלויז די טעגלאַכע נייעס, נאָר זיי דרוקן טעגלאַך גרויסע פּובליציסטישע און פּאָפּולער־וויסנשאַפט־לאַכע אַרטיקלען; זיי דרוקן אויך דערציילונגען און לידער.

די אידישע צייטונגען האָבן אַ שטאַרקן איינפלוס אַף דער אידישער גאַס. זיי ווערן געלייענט מערסטנס פון אידישע אַרבעטער און קליינבירגער. אין איצטיקן מאָמענט זעען מיר, אַז עס זיינען דאָ צוויי קלאָרע ריכטונגען אין דער אידי־

שער פּרעסע פון ניו־יאָרק; פון איין זייט שטייט דער פינסטערער רעליגיעזער „מאָרגן־זשורנאַל“, צוזאַמען מיט דעם טעמעני־„טאָג“, פאַראייניקט מיט דעם, וואָס האָט געדאַרפט זיין דער סאָציאַליסטישער „פאָרווערטס“. זיי אַלע האָבן אַ שעדלאַכן איינפלוס אָף זייערע לעזער.

דער „פאָרווערטס“ האָט דעם ערגסטן איינפלוס, ווייל ער שטייט אָן דער שפּיץ פון די קאָרופּטירטע קויכעס אין דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג. ער דרוקט קסיידער וואולגאַרע אַרטיקלען, וואָס אַפּעלירען צו די נידעריקע איינסטינקטן פון זיינע לעזער.

דער „טאָג“ שפּילט אַ היפּאָקריטישע ראָלע. ער שרייט, אַז ער איז אומפּאַרטייאיש; אָט איז ער מיט די רעכטע און אָט מיט די לינקע. אָבער יעדער איינציקער פאַרשטייט, אַז ער טוט עס צוליב „ביזנעס“. דעם אידישן אַרבעטער קאָן ער אָבער ניט גענאַרן.

פון דער צווייטער זייט, אין קאַמף מיט אַלע איבעריקע אידישע ציייטונגען, שטייט די איינציקע אַרבעטער־ציייטונג, די קאָמוניסטישע „מאָרגן־פרייהייט“. זי האָט ניט די קאַפּיטאַלן פון די אַנדערע ציייטונגען. זי איז זייער אָרעם אין געלט, דערפאַר אָבער רייך אין איבערגעבנקייט און ליבע פון טויזנטער אידישע אַרבעטער, פאַר וועלכע זי איז אַ קאַמפס־אָרגאַן.

אין די פאַלעסטינער געשעענישן האָבן די מערסטע אַדווערטייזער אַרויסגענומען זייערע „עדס“ פון דער „פרייהייט“ און מע האָט געוואָלט אומברענגען די איינציקע אידישע אַרבעטער־ציייטונג. גלייך האָבן זיך אָפּגערופן טויזנטער אַרבעטער, וועלכע האָבן פון גאַנצן לאַנד געשיקט זייערע דאָלערס און געראַטעוועט די ציייטונג.

די „פרייהייט“ גרופּירט אַרום זיך די יונגע פּראָלעטאַרישע שרייבער און זי אַנטוויקלט אַרבעטער־קאָרעספּאָנדענטן. זי האָט איצט אַ צירקולאַציע פון 60,000.

פ ר ע מ ד ־ ש פ ר א כ י ק ע צ י י ט ו נ ג ע ן

עס זיינען פאַראַן אין ניו־יאָרק איבער 200 פרעמד־שפּראַכיקע צייטונגען און וואָכנבלעטער. די מערסטע פון זיי צעגייען זיך איבער'ן גאַנצן לאַנד. אַ קליינע צאָל פון זיי דינט די אַרבעטער־אינטערעסן. די מערסטע זיינען פּרי־וואַטע, אַרויסגעגעבן צו מאַכן געלט.

אַזוי איז פאַראַן איין פּערסישע צייטונג, איין אַראַבישע, אַ פּאָר פראַנצויזישע, אַ פּאָר שפּאַנישע, דריי כינעזישע, דריי גריכישע, צוויי אונגאַרישע, צוויי דייטשישע, צוויי רוסישע און צוויי פּוילישע.

איציק גאָרבאַטי:

אידן אין ניו־יאָרק

פאָרוואָרט

די אידן אין ניו־יאָרק בילדן אַ גאַנץ גרויסן טייל פון דעם ניו־יאָרקער לעבן — אַ דריטל פון דער באַפעלקערונג. פון אַ הייפעלע אידן אין 1654 איז געוואָרן אַ באַפעלקערונג פון איבער צוויי מיליאָן. עס איז אָנגענומען בא די קאַפּי־טאַליסטן, אַז נאַציעס זיינען איינהייטלאַך, און באַזונדערס די אידישע נאַציע. דאָס איז ניט עמעס. אַלע נאַציעס זיינען איינגעטיילט אין קלאַסן. און די אידן אין ניו־יאָרק לעבן פונקט ווי אַלע אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן. פאַראַן אַ שאַרפער אונטערשייד צווישן די באַלעבאַטים און אַרבעטער פון יעדער נאַציע. און ווי דער שטייגער איז פון אַרבעטער, קעמפן זיי קעגן זייערע באַלעבאַטים. איז טאַקע פאַרשריבן אין דער געשיכטע פון די אידן אין ניו־יאָרק אַ שיין ביסל אַר־בעטער־קאַמף. ווי די טעווע איז פון קלאַסן, שאַפן זיי זייער אייגענע קולטור. די רייכע שאַפן זייער קאַפּיטאַליסטישע, רעליגיעזע קולטור, און די אַרבעטער שאַפן זייער פּראָלע־טאַרישע קולטור. מיר איז הויפּטזעכלאַך וויכטיק יענע טייל פון דער אַלגעמיינער אידישער קולטור, וועלכע איז באַ־שאַפן געוואָרן פון דעם אַרבעטער־קלאַס, און ווען אַפילו איך באַשרייב די אַנדערע טייל פון דער קולטור, באַשרייב איך זי אַרויסגייענדיק פון דעם שטאַנדפּונקט פון דעם אַרבעטער־קלאַס. אַט מיט דעם בליק טרעט איך צו צו דער אַרבעט.

געשיכטע

ווי ווייט עס איז דאָ געשיכטלאַכע אינפאָרמאַציע וועגן דעם איניען, ווייסן מיר, אַז דער ערשטער איד, וואָס איז

אָנגעקומען אין ניי־אַמסטערדאַם, איז געווען דער איד באַר סימסאָן פון האָלאַנד. ער איז אָנגעקומען אין אווגוסט 22, 1654. אַ מאָנאַט שפּעטער קומט אָן אין ניי־אַמסטערדאַמער האַפן אַ שיפל פון קובאַ „סעינט קעטערין", מיט דריי און צוואַנציק אידישע עמיגראַנטן. דער דאַמאָלסדיקער גובערנאַטאָר, פּיטער סטייוועסאַנט, באַציט זיך זייער שלעכט צו זיי. ער שרייבט אַוועק אַ בריוו צו דער האָלענדישער האַנדלס־קאָמפּאַניע, וועלכע האָט געגרינדעט די ניי־אַמסטערדאַמער קאָלאָניע, אָנפרעגנדיק זיך בײַ איר, וואָס ער זאָל טאָן מיט די אָנגעקומענע אידן. די קאָמפּאַניע, פאַרשטייענדיק אַז די אידן וועלן אַנטוויקלען דעם מיסכער און אַריינברענגען גרויסע פּראָפיטן פאַר דער קאָמפּאַניע, זאָגט זיך אַרויס גינסטיק פאַר זיי. פּיטער סטייוועסאַנט איז אָבער זייער אַ פאַנאַטישער און איינגעשפּאַרטער מענטש, און די ערשטע צייט אונטערדריקט ער דאָך די אידן צוביסלאַך. ער דערלויבט זיי ניט צו פאַרנעמען זיך מיט קליינהאַנדל, זיי מוזן אָפּריכטן „גאַטעסדינסט" אינדערהיים, אין דער שטאַטישער פּאָליציי און אַרמיי נעמט מען זיי ניט; דערפאַר מוזן זיי אָבער צאָלן אַ כוידערשיקן קאָפּ־שטייער. אָבער אין אַפּריל 21, 1657 גיט מען צו די אידן דאָס בירגער־רעכט. ווען די „דאַטש וועסט אינדיעס קאָמפּאַני" גרינדעט זיך, הערט מען פון ניי־אַמסטערדאַמער אידן, וועלכע פאַרמאָגן אַ גרויסן טייל פון די אַקציעס אין דער קאָמפּאַניע.

ווען ענגלאַנד פאַרכאַפּט ניי־אַמסטערדאַם אין 1664, ענדערט זיך ניט שטאַרק די לאַגע. מערסטע אידן פאַרנעמען זיך מיט האַנדל. אייניקע פון זיי זיינען גרויסע וועלט־סאָכרים.

אין 1685 גיבן די אידן אריין אַ פּעטיציע צום דאַמאָלסדיקן ענגלישן גובערנאַטאָר האָנגאַן צו בויען אַ שול, און אין 1691 געפינען מיר די ערשטע שול אין ניי־אַמסטערדאַם. די שול איז געווען אויף דער דאָרעם־זייט פון ביווער גאַס, צווישן דער היינטיקער בראָדוויי און בראָד גאַס. אין 1695

געפינען מיר שוין אין ניו־יאָרק אַרום צוואַנציק פאַמיליעס, אָדער הונדערט פּערזאָנען.

טייקעף, ווי די אידן דאָ זיינען געוואָרן אַ ביסל איינ־געפונדעוועט, הייבט זיך אָן באַ זיי אַ טענדענץ צו אַסימי־לאַציע, אַזוי אַז אין 1731 געפינען מיר אַן אָרגאַניזאַציע „מעציען טייציי טוירע", וועלכע פירט אָן אין ענגליש דעם לימוד פון אידישער רעליגיע. זי פירט אויך אָן אַ „סאַנדיי־סקול". אין 1766 ווערט אַרויסגעגעבן אַ טפילע־בוך אין ענגליש פאַר ראָש־האַשאָנע און יאָם קיפּער, לויט'ן ספאַרדישן נוסאַך, איבערזעצט פון אייזיק פינטאָ.

אין 1740 גייט דורך אַ געזעץ אין ענגלישן פאַרלאַמענט, וואָס דערלויבט די אידן אָפיציעל צו ווערן נאַטוראַליזירט אין אירע קאָלאָניעס. אָבער פאַר דעם אָפיציעלן געזעץ אַפילע, דערלויבט די ניו־יאָרקער אַסעמבלי די אידן צו ווערן בירגער.

די צאָל אידן וואַקסט זייער לאַנגזאַם. עס קומען אָן נאָר איינצלנע אידן, אַזוי אַז אין 1812 זיינען דאָ אינגאַנצן 500 אידן אין דער שטאָט. ערשט אין דעם אָנהייב פון דעם אַכצענטן יאָרהונדערט הייבן אָן צו קומען די ערשטע פאַרטיעס פון די דייטשע אידן, אַזוי אַז פאַר 1848 שאַצט מען אָפּ די אידן אין 15,000 מענטשן. אַ שפרונג פון 500 ביז 15,000. דאָס מיינט פּראָפּאָרציאָנעל אַ פאַרגרעסערונג פון 5,000 פּראָצענט. די אידן פאַרנעמען זיך מערסטנטיילס מיט קרעמעריי. זיי גייען אַרום איבער די גאַסן און פאַר־קויפן פאַרשיידענע סכוירעס. (באַ זעווינ'ען אָדער טאַשראַק'ן איז פאַראַן אַזאַ מין בילד. כאָטש אומקינסטלעריש באַ־שריבן, כאַראַקטעריזירט עס אָבער דעם דאַמאָלסדיקן אָנ־געקומענעם דייטשן אידן. אויך י. י. שוואַרץ האָט וועגן דעם אידן געשריבן, כאָטש אין אַן אַנדער טייל פון לאַנד.) אַ סאַך דייטשע יאַהודים ווערן דאָ גיך רייך. זיי הייבן אָן גרינדן זייערע אָרגאַניזאַציעס. דער „אָרדער בעני ברים" גרינדעט זיך אין 1843. „די יונייטעד אָרדער אָוו טרו סיסטערס"

אָרגאַניזירט זיך אין 1846. אַ בעת־דין ווערט געגרינדעט אין 1847. די ערשטע אידישע צייטונג אין ניו־יאָרק גייט אַרויס אין 1848 אונטער דעם נאָמען דער „אָסמאָניאַן". שולן און טעמפּלען שפּרינגען אויף. אָבער, ווי ס'ווייזט אויס, האָבן די דייטשע אידן, ניט קוקנדיק אַף זייערע פאַרשידענע קולטור־אָרגאַניזאַציעס, שטאַרק אונטערגעהונקען אין דעם איניען בילדונג. אַזוי אַז אַ קאָרעספּאָנדענט פון אַ דייטשער צייטונג, „אַלגעמיינע צייטונג דאס יודנטום", וועלכער איז געקומען באַזוכן ניו־יאָרק און האָט פאַרבראַכט מיט די אידן, שרייבט אין יענער צייט צו זיין צייטונג, אַז אַן עראָך 97 פּראָצענט פון די אידן אין ניו־יאָרק זיינען אַנאַלפאַבעטן.

נאָך די אייראָפּייאישע רעוואָלוציעס פון 1848 שטראָמען אהער גרויסע מאַסן דייטשע אידן. דאַמאָלס איז דער אַמעריקאַנישער קאַפּיטאַליזם אַריין אין זיין צווייטן פּעריאָד פון פאַנאַנדערבלי, און די אָנגעקומענע אידן האָבן געהאַט אַ מעגלאַכקייט זיך שנעל אַרויפצואַרבעטן. אַ טייל פון זיי איז געוואָרן רייך. זיי, הויפּטזעכלאַך, האָבן געגרינדעט די יאַהודימשע אַריסטאָקראַטיע, וועלכע האָט שפּעטער „קאָל־איסראָאייל־כאַווייר־מדיק" עקספּלואַטירט די רוסישע און פּוילישע אידן. אין 1857 איז אַרויס די צייטונג „די דזשואיש מעסענדזשער". אין יאָר 1878 ציילט די „יוניאָן אָוו אַמערי־קאַן היברו קאָנגרעגיישאָנס" אַן 60,000 אידן אין ניו־יאָרק.

אין דעם אַמעריקאַנישן בירגער־קריג אין 1861 זיינען די יאַהודים געווען קעגן שקלאַפעריי. דאָס איז פאַר־שטענדלאַך. אייניקע האָבן זיך אַפילע דירעקט באַטייליקט אין קריג.

אַזוי גייט אָן דאָס לעבן אומגעשטערט. פון 1870 אָן ווערט די דייטש־אידישע אימיגראַציע אָפּגעשטעלט ביסלאַכ־ווייז, און עס הייבט זיך אָן די פּויליש־רוסישע אימיגראַציע. עס שטראָמען אהערצו גאַנצע פאַמיליעס, אָבער אויך איינ־ציקע אידן און יונגעלייט, וועלכע האָבן צוגעזאָגט אַריבער־צונעמען זייערע ווייבער אָדער מאַמעס. (אַ ביישפּיל פון דער

עפּאָכע קען מען געפינען אין די אידישע פאָלקס-לידער, ווי „אַ בריוועלע דער מאַמען„, פאַרשידענע מיינסעס וועגן דעם, ווי דאָס ווייב אינדערהיים האָט מוירע אַז איר מאַן אין אַמעריקע האָט כאַלילע וועכאָס כאַסונע געהאַט מיט אַ גויע... א. א. וו.). די פּאַרטיעס פון אידן ווערן אָבער ניט רייך, אַזוי ווי די אַנדערע. פאַרקערט — זיי מוזן אַרבעטן זייער לאַנגע שאָען און אונטער שלעכטע באַדינגונגען. די עפּאָכע האָט צו פאַרצייכענען גרויסע אַרבעטער-קאַמפן, וואו אַרבעטער האָבן געקעמפט פאַר אַ בעסערן לעבן און האָבן סאָף-קאָל-סאָף געוואונען.

אויב אין דער פריערדיקער עפּאָכע איז דער קולטורעלער כאַראַקטער-שטריך געווען, וואָס די יאַהודים האָבן זיך שנעל אַסימילירט קולטורעל, איז דער כאַראַקטער-שטריך אין דער שפּעטערדיקער עפּאָכע געווען פונקט דער פאַרקערטער. די רוסישע און פוילישע אידן אַסימילירן זיך ניט שנעל. פאַר-קערט: זיי האַלטן אָן זייער שפּראַך, זייער קולטור. זיי גרינדן זייערע אידישע צייטונגען, ווי „די אידישע פּאָסט" אין 1870 און „די אידישע גאַזעטן" אין 1874. זיי גרינדן זייערע אָרגאַניזאַציעס, וואו מע רעדט אָף אידיש.

נאָך די פּאָגראָמען פון 1881 אין רוסלאַנד קומט אָן אַ גרויסע כוואַליע אידן קיין ניו-יאָרק. די אידן זיינען אָרים, האָבן ניט קיין קרוויוים, קיין שטיצערס. דער רייכער יאַהודי, וועלכער האַלט שניידער- און פוטער-פאַבריקן, איז זייער כיטרע און גייציק און זעט דאָ אַ גוטע מעגלאַכקייט ווי צו שיסן צוויי האָזן אָף איין מאָל. איינמאָל וועט ער ווערן רייך, קריגנדיק ביליקע אַרבעט פאַר לאַנגע שטונדן אין טאָג; צווייטנס גיט דאָס אים אַ געלעגנהייט אַרויסצואווייזן זיך פאַר אַ גוטן, פאַר אַ פילאַנטראָפּ, און אַזוי אָרום קריגן די העגעמאָניע איבער די נאָר-וואָס אָנגעקומענע אידן. דער יאַהודי וואַרט אָפּ די שיף, און וואו נאָר אַ איד גייט אַראָפּ, נעמט ער אים, גיט אים אַ בעט, אַ וואוינונג אַ צייטוויילִיקע, אַרבעט. דער אָרימער איד איז אים דאַנקבאַר. ער איז גרייט

אים צו אַרבעטן די לענגסטע שאָען, אונטער די ערגסטע באַדינגונגען, פאַר די קלענסטע סכירעס. ווייל אַניט — וואו וועט ער דען גיין ? די אַלע אידן באַזעצן זיך מערסטנ־טייל אין דער דאָרעם־מיזראַך טייל פון מאַנהעטן (די איסט סייד). דאָרטן לעבן זיי אין שמוציקע, קליינע וואוינונגען, אָן זון און לופט. זיי גייען אַוועק גאַנץ פרי צו דער אַרבעט און קומען צוריק שוין שפּעט אין דער נאַכט. זיי אַרבעטן אין קליינע פינסטערע פאַבריקלאַך. די מאַשינען מוזן זיי טראָגן הין און צוריק פון דער אַרבעט. אַ סאַך נעמען נאָך אַהיים די אַרבעט. אָט דאָס איז די שוויץ־סיסטעם, וואָס מאָריס ראָזנפעלד האָט אַזוי גלענצנד באַשריבן אין זיינע פאַבריק־לידער. אָט דאָ, אין דער איסט־סייד, איז געווען דאָס וויגעלע פון דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג. אָט דאָ האָבן זיך געגרינדעט אַרבעטער־ציטונגען, פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען. דאָ האָט געשטורעמט מיט קאַמף. דאָ זיינען אויפגעוואַקסן אַרבעטער־טוער, קעמפער, קולטור־טוער, מענטשן מיט הויכע נעשאָמעס.

אין 1882 קומט אָן פון ליווערפּול, ענגלאַנד, די ערשטע „אַם־אוילאָם“ גרופּע. צווישן דער גרופּע געפינען זיך קאַספּע, עדלשטאַט, האַרקאַווי און אַנדערע. די „אַם־אוילאָם“ גרופּע איז געווען אַן אידעאַליסטישע טרוימערישע האַלב־קאָמוניס־טישע גרופּע. זיי האָבן אין אַמעריקע געגרינדעט קאָמוניס־טישע קאָלאָניעס, וועלכע האָבן אָבער לאַנג נישט עקזיס־טירט. די אַם־אוילאָמניקעס מוזן גיין אַרבעטן, און קומענדיק אין קאָנטאַקט מיט די אידישע אַרבעטער, קלערן זיי זיי אויף.

נאָך 1885 קומען אַהער אָן פון ענגלאַנד די אידישע סאָציאַליסטן און אינטעלעקטואַלן, ווי מאָריס ווינטשעווסקי, א. ליבערמאַן, ראָזענפעלד און אַנדערע. מיט זייער אָנקומען טראָגן זיי אריין לעבן אין דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג. זיי ברענגען דאָ ציטונגען, זשורנאַלן. זיי פירן אָן אַ

בריטע סאָציאַליסטישע אויפקלערונגס־אַרבעט צווישן די אידישע אַרבעטער־מאַסן.

דאָ און דאָרט געפינען זיך שוין אידישע פאַראייגען פון שניידערס, פוטער־אַרבעטער און אַנדערע אַרבעטער. עס הייבן זיך אָן גרויסע סטרייקס פאַר אַן אַכט־שאָעדיקן אַר־בעטסטאָג. אין 1888 ווערט געגרינדעט דער ערשטער צענטראַלער פאַרבאַנד פון די אידישע פאַראייגען. ער האָט געהייסן „די פאַראייניקטע אידישע געווערקשאַפטן". אין 1891 ווערט געגרינדעט „די יונייטעד גאַרמענט וואָירקערס אָוו אַמעריקע". די אידישע אַרבעטער הייבן זיך אָן צו אָרגאַניזירן.

נאָך די ניינציקער יאָרן קומט ווייטער אָן אַ גרויסע כוואַליע פון אידן. צווישן איר געפינען זיך שאָמער, גאָלד־פאַדן, צונזער און אַנדערע. עס הייבט זיך אָן דאָס אידישע טעאַטער. זייער אַן אָרימער טעאַטער איז דענסטמאָל געוועזן. קיין ליטעראַרישע פיעסן פאַר'ן טעאַטער זיינען נאָך נישט פאַראַן. דערפאַר בליט אָבער אַ אידישע אַרבעטער־ליטעראַ־טור. ווינטשעווסקי, קאָברין, ליבין און גאָרדין זיינען פון די, וואָס שרייבן פון אַרבעטער־לעבן. עס בויט זיך אַ אידישע פּרעסע, ווי די „פרייע אַרבעטער־שטימע", די „אַר־בעטער־צייטונג", דאָס „אָוונטבלאַט", דער „פאָרווערטס", די „צוקונפט", און אַנדערע אויסגאַבן.

דער אידישער רייכער קלאַס פון זיין זייט פונדעוועט זיך אויך איין. ער בויט זיינע רעליגיעזע שולן, כאַדאָרים, יעשיוועס, צדאָקע און הילפס־אינסטיטוציעס, צייטונגען, ווי דאָס „טאָגעבלאַט", און אַנדערע רעליגיעז־קאַפּיטאַליסטישע אינסטיטוציעס.

אין אָנהייב צוואַנציקסטן יאָרהונדערט גרינדעט זיך דער אַרבעטער־רינג, אַן אָרגאַניזאַציע וועלכע האָט געשפּילט זייער אַ גרויסע ראָלע אין אידישן אַרבעטער־לעבן. דער אַרבעטער־רינג האָט אַרויסגעגעבן אַ גאַנצע ליטעראַטור אָף אידיש מיט'ן צוועק אויפצוקלערן און מאַכן באַוואוסטזיניק

די אידישע אַרבעטער. ער האָט אָרגאַניזירט לעקציעס, אונטערנעמונגען, דעבאַטעס און האָט ביכלאַל אויפגעטאָן אַ ריזיקע קולטור־אַרבעט צווישן די אידישע מאַסן. שפּעטער האָבן זיך געגרינדעט די אַרבעטער־רינג שולן.

נאָך דער רעוואָלוציע פון 1905 קומען ווייטער אָן אַ סאַך אידן קיין ניו־יאָרק. עס קומען אָן אַהערצו רעוואָלוציאָנערן, וועלכע זיינען אַנטלאָפן פון דער רעאַקציע. דער שטראָם פון אימיגראַציע וואַקסט אַלץ און וואַקסט און דער־גרייכט דעם העכסטן פונקט אין 1909. פון 1909 פאַר־קלענערט ער זיך און בּאַ 1914 ווערט ער אינגאַנצן אָפּ־געשטעלט. די אידישע אַרבעטער־פאַראיינען פאַרמערן זיך וואָס מער און מער. די אידישע סעקציע פון דער סאָציאַ־ליסטישער פּאַרטיי שפּרייט אויס איר איינפלוס און פירט אָן אַ ברייטע אַגיטאַציע צווישן די אידישע אַרבעטער־מאַסן. עס קומען פאָר ריזיקע סטרייקס, אין וועלכע די אַרבעטער געווינען אַ סאַך.

נאָך דער וועלט־מילכאָמע שטעלט זיך בּיסלאַכוויז די אידישע אימיגראַציע אָפּ. ערשט דאַן הייבן זיך בּעמעס אָן שפּאַלטונגען אין דער אַרבעטער־באַוועגונג. נאָך דער רעוואָ־לוציע אין רוסלאַנד האָבן אַ סאַך אידישע סאָציאַליסטישע פירער נאָכגעפאָלגט דעם אַלוועלטלאַכן סאָציאַליסטישן אינ־טערנאַציאָנאַל און געוואָרן רעפאָרמיסטיש, קליינבירגערלאַך. דער לינקער פליגל פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, וועל־כער איז געשטאַנען פאַר דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע און וועלכער האָט ווייטער געקעמפט פאַר דער רעוואָלוציאָ־נערער אידייע, האָט זיך בּיסלאַכוויז מער און מער אָפּ־געשפּאָלטן פון דער אָפיציעלער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. די לינקע פראַקציעס האָבן זיך שפּעטער אינגאַנצן אָפּגע־שפּאָלטן און געגרינדעט קאָמוניסטישע גרופּעס. זיי האָבן געגרינדעט עטלאַכע זשורנאַלן, וועלכע האָבן אָבער לאַנג ניט עקזיסטירט, ווי „דער קאַמף“, „דער פּראָלעטאַריער“, „דער עמעס“. די אַלע קאָמוניסטישע גרופּעס האָבן זיך שפּעטער

אַנגעשלאָסן אָן דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, און יענע — אָן דעם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל. דאָס איז אין דער פּאָליטישער, אידעאָלאָגישער ריכטונג. אין דער עקאָנאָמישער ריכטונג מערקט זיך דער אייגענער קאַמף. מע קעמפט קעגן „פּאַרוועטס“, קעגן פאַלשע פּאַראַיין־פירער, אינעווייניקסטע פּאַררעטער און אַנדערע שעדלאַכע עלעמענטן פאַר דעם רעוואָלוציאָנערן אַרבעטער. באַזונדערס פאַרשאַרפט זיך דער קאַמף צווישן די יאָרן 1924 און 1928. ערשט איצט בויט זיך אויס אַ לינקע אַרבעטער־באַוועגונג מיט דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אָן דער שפּיץ, וועלכע פירט אָן מיט אַ ריזיקער קולטור־טעטיקייט צווישן די אידישע אַרבעטער. עס גרינדן זיך שולן, געזאַנג־פּאַראיינען, דראַם־סעקציעס, אָרקעסטערס, ספּאָרט־פּאַראיינען, ביכער־פּאַרלאַגן, אַן אַרבעטער־אוניווערזיטעט, קולטור־קלובן, אַ טעאַטער, לעקציע־ביוראָס און פאַרשידענע אַנדערע קולטורעלע אינסטיטוציעס מיט אַן אויסגעהאַלטענער רעוואָלוציאָנערער אידעאָלאָגיע.

די אידישע קליינבירגערלאַכע אינטעליגענץ איז די ערשטע יאָרן פון די צוואַנציקער געווען נעענטער און פריינטלאַכער צום רעוואָלוציאָנערן אַרבעטער. עס גרינדן זיך וויכטיקע זשורנאַלן, ווי „ניי־אידיש“, „דאָס נייע לעבן“, „די צייט“ און אַנדערע. זיי באַהאַנדלען טעאָרעטישע סאָציאַליסטישע פראַגן. הייגט איז דאָס אַנדערש. די קאָמוניסטישע באַוועגונג שפּרייט זיך אויס אַלץ מער און מער. די קאָמוניסטישע טעאָריע דרינגט אַריין אַלץ טיפער און ברייטער.

דער קאַפּיטאַליסטישער קלאַס פון זיין זייט שפּרייט זיך אויך אויס. עס גרינדן זיך באַלעבאַטישע קולטורעלע און הילפס־אָרגאַניזאַציעס. עס בויען זיך שולן, טאַלמוד טוירעס, יעשיוועס, פאַרשידענע „יאַנג מענס“ און „יאַנג וויטענס“ סאָסייעטיס. עס גרינדן זיך: דער „אַמעריקאַן דזשואיש קאָנגרעס“, „פעדעריישאַן אָוו פּאַליש היברוס“, באַזאַנים־פּאַרבאַנד, ציוניסטישע פּאַרטייען, „יאַנג דזשודייאַ“, די „מענאָראַ

מואוומענט", „מיזראַכי"־אָרגאַניזאַציעס, און נאָך צענדליקער אַנדערע. דער קאַפּיטאַליסטישער קלאַס לאָזט נאָך אַ ביסל זיין קעגנערישע שטעלונג צו אידיש. ער זעט איין, אַז קעדיי צו דערגרייכן און אַרונטערנעמען אונטער זיין אידעאָלאָגיע די ברייטע אידישע מאַסן, מוז ער קומען צו זיי מיט דער שפּראַך אַף וועלכער זיי ריידן, און די שפּראַך איז אידיש.

אַזוי זעען מיר, ווי אַלע קלאַסן שפּרייטן אויס זייער ווירקונג. יעדער קלאַס בויט זיך אויס זיין אייגענעם לעבן, וואו עס שפּיגלט זיך שאַרף אָפּ זיין אידעאָלאָגיע.

פאַר מיר איז קלאָר, אַז די געשיכטע פון די אידן אין ניו־יאָרק איז אַ געשיכטע ניט פון געשעענישן, פּאַסירונגען, נאָר פון אויסשפּרייטונג, אימיגראַציע, אַריינלעבן זיך, צו־פּאַסן זיך צו די נייע עקאָנאָמישע באַדינגונגען, אויפבויען אַ לעבן, וואָס זאָל קענען עפעקטיוו קעמפן קעגן דעם קלאַסן־סוינע.

דאָס סאָציאַל און עקאָנאָמיש לעבן

אין די פינף באָראָס פון ניו־יאָרק וואוינען 1,765,000 אידן. אין די אַרומיקע געגנטן וואוינען 288,992 אידן. דאָס מאַכט אויס צוזאַמען 2,003,992 אידן. פון די 1,765,000 אידן אין ניו־יאָרק גופא געפינען זיי זיך אין די פאַרשידענע באָראָס אַן ערך אַזוי:

מאַנהעטן — 465,000; בראָנקס — 430,000; ברוקלין — 850,000; קווינס — 60,000; ריטשמאָנד — 10,000.

די אידישע באַפעלקערונג מאַכט אויס אַרום דרייסיק פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג אין ניו־יאָרק. אָבער ניט אומעטום איז די פּראָפּאָרציע די זעלבע. צום ביי־שפּיל, אין קוני איילאַנד מאַכן די אידן אויס 96.7 פּראָצענט, און אין בעי־רידזש — 3.6 פּראָצענט. אין מאַנהעטן מאַכן זיי אויס 20 פּראָצענט און אין די בראָנקס — 45 פּראָצענט. אין ברוקלין — אַרום 30 פּראָצענט, אין קווינס — אַרום 9 פּראָצענט און אין ריטשמאָנד — 7 פּראָצענט.

פון 1916 אָן ציען זיך די אידן איבער פון מאַנהעטן אין אַנדערע געגנטן. אַזוי לעמאָשל האָט מאַנהעטן אין 1916 געהאַט אַ באַפעלקערונג פון 696,000 אידן און אין 1929 בלויז 465,000 אידן. דעם גרעסטן צואוואוקס האָבן געהאַט ברוקלין און בראָנקס. ברוקלין האָט אין 1916 געהאַט אַ אידישע באַפעלקערונג פון 168,000 מענטשן און היינט האָט זי אַרום 850,000 מענטשן. און בראָנקס האָט געהאַט אין 1916 — 211,000 אידן, און היינט האָט זי 430,000 אידן.

ווען די אידן זיינען אין די אַכציקער און ניינציקער יאָרן אָנגעקומען קיין ניו־יאָרק האָבן זיי זיך הויפטזעכלאַך באַזעצט אין דער איסט־סייד. פון דאָרט — אין אַנדערע טיילן פון מאַנהעטן. ווי מיר קענען זען פון די אויבנדערמאָנטע ציפערן, האָבן זיך ביז דער וועלט־מילכאָמע קיין סאַך אידן ניט געפונען אין די אַנדערע טיילן פון ניו־יאָרק. די לאַגע פון די אידן אין דער איסט־סייד איז געווען זייער אַ שווערע: פינסטערע וואוינונגען, אַ סאַך מענטשן אין איין צימער; צוזאַמענגעפּרעסטע לופט און די שווערע עקאָנאָמישע לאַגע.

די אידן אין ניו־יאָרק פאַרנעמען זיך מיט צוויי הויפּט־פאַרנאָסעס: אַרבעטן בא יענעם און קרעמעריי. אידן פאַר־נעמען אַ גרויסן פּלאַץ אין דער שניידער־אינדוסטריע, פוטער־אינדוסטריע, לעדער־אַרבעטן און אַנדערע. אין קרעמעריי פאַרנעמען די אידן אָן אָנגעזעענעם פּלאַץ בא די שפּייז־קראָמען, ציגאַר־קרעמלאַך (סטיישאָנערי סטאָרס), קליידער־געשעפטן, רעסטאָראַנען. אַ גרויסע צאָל, אָן איבערבלייבע־ניש פון דער אַלטער היים, זיינען באַלמעלאָכעס. אַ באַ־דייטנדע צאָל געפינט זיך אין די ליבעראַלע פּראָפעסיעס און אין די „ווייס־קאָלנערדיקע“ אַרבעטן. אידן פאַרנעמען ביכלאַל אַ באַדייטנדן פּלאַץ אין אַלע אינדוסטריען, און די אידישע אַרבעטער האָבן אַ סאַך צוגעגעבן צו דעם רייכטום פון דעם הערשנדיקן קלאַס.

ווי לעבן אָט די פאַרשידענע שיכטן אין דער אידישער באַפעלקערונג? ערשטנס די קרעמער, אין דעם נעם איך שוין

ארײַן די צײַטונגס־בודקעס, סאדע־וואסער־קלייטלאך, די פארשידענע שטופ־וועגעלאך, וועלכע מע געפינט אזויפיל אף דער איסט־סייד. מערסטע קרעמער האבן קליינינקע קלייטלאך און מוטשען זיך גאנץ געשמאק. זיי זיינען פאר־זונקען אין כויוועס. אט די קליינבירגער קריגן קוים ארויס אף א לעבן. זיי ארבעטן א גאנצן טאג שווער און ביטער צוזאמען מיט זייערע ווייבער און עלטערע קינדער. צוליב דעם, וואס די גרויסע קאמפאניעס פארשפרייטן זייערע קראמען וואס מער און מער און לייזן א סאך ביליקער, ווערן אט די קרעמער ארויסגעשטויסן פון זייערע געשעפטן. זיי זיינען א קלאס, וואס זיין גורל איז — אונטערגאנג.

עס זיינען דא א סאך אידן, וועלכע באשעפטיקן זיך בא די ליבעראלע פראפעסיעס: דאקטוירים, אדוואקאטן, לע־רערס, פארשידענע אפיס־אנגעשטעלטע, דענטיסטן און אנד. די קרעמער שטרענגען זיך אן מיט אלע קויכעס קעדיי צו שיקן זייערע קינדער אין די אוניווערזיטעטן. אין ניו־יארק זיינען פאראן ארום 3000 אידישע אדוואקאטן און ארום 1500 דאקטוירים און 10,000 לערער. דער ליבעראלער קלאס לעבט ווי אלע אנדערע ליבעראלע קלאסן, מער אדער ווייניקער גוט. פארשטייט זיך אבער, אז דאס שליסט אויס די נידעריקערע אפיס־אנגעשטעלטע, וועלכע לעבן ארים.

איצטער לאמיר איבערגיין צו די ארבעטער. אין דער לעצטער צייט איז אזא מין זאך, ווי א אידישער פאראיין קימאט פארשוואונדן. אומעטום זיינען שוין אויך דא ניט־אידן. מע קען רעכענען, אז אין אלע קליידער־פאכן פון ניו־יארק זיינען באשעפטיקט אן עראך 80,000 אידישע אר־בעטער. לעצטנס האבן זיך די לינקע עלעמענטן אין די פראפאראיינען אפגעשפאלטן פון די רעכטע און אנגעהויבן בויען א נייעם אינדוסטריעלן פארבאנד, אין איינקלאנג מיט די פרינציפן פון דער ראדיקאלער ארבעטער־באוועגונג. היינט ציילט דער לינקער אינדוסטריעלער פארבאנד אין ניו־יארק ארום 12,000 ארבעטער. די ארבעטער־פאראיינען פון די

רעכטע גיבן אָן אין זייערע אָפיציעלע ציפערן צענדליקער טויזנטער אַרבעטער. מין האָסטאָם אָבער איז דאָס גוואַלדיק איבערטריבן. מע טאָר נים פאַרגעסן, אַז אַ סאַך מיטגלידער זיינען ביי זיי געצוואונגענע רעגיסטרירטע. דער רעכטער פוטער־פאַראיין ציילט אַרום 6000 מענטשן אין זיינע אָפי־ציעלע ציפערן. מע קען רעכענען, אַז אַרום און אַרום אַרבעטן באַ פוטער אַרום 11,000 אַרבעטער. העכער אַ העלפט פון די קליידער־אַרבעטער זיינען נים אָרגאַניזירט. די לאַגע באַ אַט די אַרבעטער איז זייער אַ שלעכטע.

באַ האַנט־בייטלען אַרבעטן אַרום 6000 אידישע אַר־בעטער. דאָרטן איז בלויז דאָ אַ רעכטער פאַראיין. באַ טשעמאָדאַנעס אַרבעטן אַרום 2000 אידן. מער ווי צוויי־דריטל פון זיי זיינען נים אָרגאַניזירט. באַ מולערריי זיינען באַשעפ־טיקט אַרום 8,000 אידן, באַ בוי־סטאָלעריי זיינען באַשעפטיקט אַרום 10,000 אידן. באַ דער אייזן־אינדוסטריע אַרבעטן אַרום 5000 אידן. באַ שטריקעריי אויך אַרום 5000 אידן. עס זיינען אויך דאָ אַ סאַך זעצערס אידן.

אידן זיינען אויך צעוואָרפן אין קלענערע צאָלן אין פאַר־שידענע אַנדערע אינדוסטריען.

די אידן האָבן זיך אַ סאַך באַטייליקט אין די גרויסע קאַמפן, וואָס די אַרבעטער־באַוועגונג האָט אָנגעפירט. אידן האָבן אַריינגעבראַכט אַ נייעם גייסט אין דער אַרבעטער־באַוועגונג. די אידישע אַרבעטער האָבן ביז אין אַ גאָר־גאָר גרויסער מאָס אַריינגעטראָגן די רעוואָלוציאָנערע אידייען צווישן די אַרבעטער־מאַסן. די אידישע אַרבעטער האָבן אויסגעבויט זייערע קולטורעלע אינסטיטוציעס, וועלכע האָבן זיי זייער פיל נוצן געבראַכט. די אידישע אַרבעטער האָבן אָפּגעווישט די שוויץ־סיסטעם דורך זייערע לאַנגע און גרויסע סטרייקס. זיי האָבן אויסגעבויט מעכטיקע פאַר־איינען, וועלכע האָבן פאַר זיי אויסגעקעמפט בעסערע באַ־דינגונגען, קירצערע שטונדן און העכערע סכירעס. די אידישע פאַראיינען זיינען אָבער אין דער זעלבער צייט געוואָרן

נעסטן, וואו עס האט זיך אויסגעבויט אן ארגאניזאציע פון פאראזיטן, טשינאווניקעס, פאררעטער, וועלכע האבן אלע געלעבט אפ'ן כעשבן פון די ארבעטער.

נאך דער וועלט־מילכאמע און דעם אויפשטייג פון דער קאמוניסטישער באוועגונג אף דער גאנצער וועלט האבן זיך די ארבעטער א נעם געטאן אויסרייניקן אט די אלע מענטשן און עס איז זיי אין א גאר־גרויסער מאס געלונגען. זיי האבן געגרינדעט אייגענע לינקע פאראיינען, וואו די פירער זיינען בעעמעס איבערגעגעבן, אבער וואס וויכטיקער איז, וואס די פירער פארקלייבן זיך ניט אין דער נים־שאלאכץ פון זייער פאראיין און מיינען, אז דאס איז די גאנצע וועלט, וואס פון דעם מוז אומפארמיידלאך ארויסוואקסן דער טיפ טשינאווניק, נאר זיי ווייסן, אז עס איז דא א וועלט־אידייע צו באפרייען דעם ארבעטער, און די אידייע שטייט איבער אלץ.

ווען די לינקע האבן זיך אנגעהויבן אפצעשפאלטן, האבן די רעכטע געזוכט מיט פארשידענע מיעסע מיטלען איינצוהאלטן די מיטגלידער. זיי פלעגן שיקן פאשעטע שלעגער, קעדיי צו טעראריזירן די ארבעטער. זיי פלעגן פארשיקן ארבעטער אין די טורמעס, פארכאפן לאקאלן, שיקן „פאפירענע" דעלעגאציעס צו קאנפערענצן. דער קאמף צווישן די לינקע און רעכטע איז בעעמעס א געשיכטע פון אלערליי מיעסקייטן, גרויזאמקייטן, בלוטיקע קאמפן, נידערטרעכטיקייטן מיצאד די רעכטע קעגן די לינקע. פריער זיינען די אלע זאכן געווען האלב־פארבארגן. פונקט ווי די סאציאל־דעמאקראטן זיינען נאך ניט געווען אפענע דינער פונ'ם קאפיטאליסטישן קלאס. היינט איז דאס שוין א געוויינלאכע זאך. די רעכטע דינען אפן די באלעבאטים. ווען עס קומט א רעכטער „סטרייק", שיקן די באלעבאטים אליין ארויף די ארבעטער אין סטרייק. די רעכטע מאכן אן אפמאך מיט די באלעבאטים; די באדינגונגען זיינען שרעקלאכע. די רעכטע מאכן געצוואונגענע רעגיסטראציעס פון ארבעטער;

אויב אַן אַרבעטער לאָזט זיך ניט, ווערט ער צעשלאָגן פון אַ פּראָפעסיאָנעלן שלעגער, אָדער ער ווערט אַרונטערגעשיקט פון זיין באַלעבאָס. עס הערשט איצטער אַ כאַאָס אין דער שניידער־אינדוסטריע, טיילווייז צוליב דער אַלגעמיינער שלעכטער עקאָנאָמישער לאַגע אין אַמעריקע, און אויך צוליב דעם, וואָס מערסטע אַרבעטער זיינען ניט אָרגאַניזירט, און אויב אַפילע יאָ, מיינט עס גאָרניט, ווייל די רעכטע צווינגען אָפּ זיי אַרויף באַדינגונגען, וועלכע דעם באַלעבאָס לוינט זיך.

דאָס קולטורעלע לעבן

די ניו־יאָרקער אידן האָבן אויפגעבויט אַ רייך קולטורעל לעבן. די קאַפּיטאַליסטן פון זייער זייט האָבן אויסגעשפּרייט אַ נעץ פון קולטורעלע אינסטיטוציעס אָנצוהאַלטן זייער האַשפּאָע און אידעאָלאָגיע אָף די אידישע מאַסן. די אַר־בעטער פון זייער זייט האָבן אויפגעבויט זייער קולטורעל לעבן צו דינען די אינטערעסן פון קלאַסנקאַמף.

אַ גרויס אָרט פאַרנעמט אין דער קולטור פון די פאַר־שידענע קלאַסן די דערציאונג. ביידע קלאַסן האָבן איינ־געזען, אַז אויב זיי ווילן האָבן די צוקונפט, מוזן זיי לערנען די יונגע קינדער אַזוי, אַז ווען זיי וועלן אויסוואַקסן, זאָלן זיי דינען דעם קלאַס, וועלכער האָט זיי געלערנט. און דעריבער געפינען מיר, ווי ביידע קלאַסן האָבן זיך ברייט אויסגעשפּרייט אין דעם פּראָט. דער קאַפּיטאַליסטישער קלאַס האָט געבויט טאַלמוד־תּוירעס, כאַדאָרים, יעשיוועס, א. א. וו. דער קליינבירגער האָט געבויט זיינע נאַציאָנאַלע פאַרבאַנד שולן, פאָלקס־שולן. די מער ראַדיקאַלע האָבן גע־בויט שאָלעם־אַליכעם שולן, אַרבעטער־שולן, סעמינאַרן, מיטל־שולן. דער רעוואָלוציאָנערער אידישער אַרבעטער האָט געבויט אַרבעטער־רינג שולן, אומפּאַרטייאישע אַרבע־טער שולן, מיטל־שולן, און אַרבעטער־אוניווערזיטעט.

עס זיינען דאָ אַן ערך 300,000 אידישע קינדער אין ניו־יאָרק אין עלטער פון זעקס ביז פערצן יאָר. אַרום 70,000 פון זיי קריגן אַ אידישע דערציאונג. עס זיינען דאָ אַרום 135 טאַלמוד־טוירעס, וועלכע לערנען 31,237 קינדער; 4 יעשי־ וועס מיט 985 קינדער; 500 כאַדאָרים מיט 12,000 קינדער; פריוואַטע מעלאַמדים מיט 10,000 קינדער; 9 פריוואַטע שולן מיט 1230 קינדער; 40 זונטיק־שולן מיט 7951 קינדער. אַ 20 שאָלעם־אַלייכעם שולן, אַ 20 אַרבעטער־רינג שולן, אַן 8 לעווינ׳ס שולן, אַ 20 פאָלקס־שולן, און אַרום 30 אומ־ פּאַרטייאישע שולן.

דער מאַצעוו פון אַלע טיפּן רעליגיעזע שולן איז זייער אַ שלעכטער, סיי פון פּעדאַגאָגישן, אידעאָלאָגישן און מאַטעריעלן שטאַנדפּונקט. 45 פּראָצענט פון די קינדער פאַרלאָזן די רעליגיעזע שולן, איידער אַ יאָר גייט פאַרביי. ניט מער ווי 5 פּראָצענט פאַרענדיקן אינגאַנצן די רעליגיעזע שולן. אַזוי, אַז ווען דאָס קינד גייט אַרויס, פאַרגעסט עס אינגאַנצן, וואָס ער האָט ווען עס איז אַמאָל געלערנט דאָרטן. מערסטע קינדער גייען אין די טאַלמוד־טוירעס צוליב דער באַר־מיצווע. די באַר־מיצווע איז שוין געוואָרן באַ די קליינ־ בירגער און באַ טייל פרומע אַרבעטער, אַ טראַדיציע. דאַ־ מאָלס קנאַקט דאָס וואוילע אינגל אָפּ אַ באַר־מיצווע דראָשע דאַווקע אָף ענגליש, וועגן דעם ווי ער גייט איצטער אַרויס איינער אַליין אין דער קאַלטער גרויזאַמער וועלט, וואו וועלף קענען אים אויפעסן. נאָר די ליכטיקע געשטאַלטן פון זיינע עלטערן און ראַביי און באַזונדערס פון דעם „דזשודאַ־ איזם“ וועלן איםביישטיין אין זיין ניסאָיען...

די דערציאונג און בילדונג, וועלכע מען גיט אים אין דער טאַלמוד־טוירע אָדער אין כיידער איז זייער און זייער פון אַ געמיינעם כאַראַקטער. מע קלאַפּט אים אַריין אין קאָפּ די אַלע לעגענדעס און מיטן, וועלכע שטייען אין דער ביבל. דאָס קינד גייט אַרויס אַ גייסטיקער קאַליקע. אָבער ער איז ניט קיין אויסנאַם. אַזוי גייען אַרויס די קריסטלאַכע

קינדער פון די קאַטוילישע שולן, און אַפילו די קינדער, וועלכע גייען ניט אין קיין רעליגיעזע שולן, זיינען נאָך גענוג אַבערגלויבעריש און פינסטער.

די יעשיוועס לערנען שוין העכערע זאַכן. אַהינצו גייען שוין די עלטערע קינדער, וועלכע זיינען גענוג אָנגעזאַפּט מיט׳ן רעליגיעזן מיטלאַלטערלאַכן גייסט.

עס זיינען נאָך דאָ די „פּראַקטיקעל סקולס“. די שולן דינען אי ווי אַן ענגלישע רעגירונגס-שול און אי ווי אַ רעליגיעזע שול. דאָס רעליגיעזע לערנען איז דאָס אייגענע ווי אין אַנדערע טאַלמוד-טוירעס.

נאָך פון 1910 האָבן זיך אָנגעהויבן בויען די אידישע ראַדיקאַלע נאַציאָנאַלע שולן. הייסט — די נאַצ. פּאַרבאַנד שולן. די שולן טראָגן אַ צווייענדיקן כאַראַקטער. זיי לערנען אי אידיש אי העברייאיש. זיי פּראַווען מערסטע רעליגיעזע יאָמים-טויווים, אָבער טייטשן זיי אויס אַביסל וועלטלאַך. זיי לערנען אַביסל לעבלאַכע מעקענע וועגן דער אָרימער מענטשהייט און דעם „אַרבעטורער“ און קאַפּיטאַליסט, און אויך וועגן דעם פּינטעלע איד.

די שאָלעם-אַלייכעם שולן, די אַרבעטער-רינג שולן און די לעווין-שולן זיינען אין דער עמעסן אַלע פון דעם זעלבן טיפּ. די אַרבעטער-רינג שולן האָבן זיך געגרינדעט אין 1918. דאַמאָלס זיינען זיי געווען די איינציקע פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציאָנערע שולן. אָבער אַזוי גיך ווי עס האָט זיך אָנגעהויבן דער קאַמף צווישן די רעכטע און לינקע, אַזוי גיך ווי עס האָבן זיך אָפּגעטיילט די קאָמוניסטן און די סאָציאַליסטן, זיינען זיי וואָס אַמאָל אַלץ מער געגאַנגען רעכטס..

לעווינ׳ס שולן זיינען אויסגעבויט געוואָרן אין קאַמף קעגן די אומפּאַרטייאישע שולן, ווען די לעצטע האָבן אויס-געדריקט קלאָר זייער פּראָלעטאַרישע אידעאָלאָגיע.

די אומפּאַרטייאישע שולן זיינען אַן אַרויסוואַקסונג פון די אַרבעטער-רינג שולן. זיי האָבן זיך פון די לעצטע אָפּ-

געשפּאָלטן צוליב אידעאָלאָגישע און אָרגאַניזאַציאָנעלע טיימים. די שולן שטעלן זיך אַלס ציל צוצוגרייטן דאָס קינד טעאָרעטיש און אויך פּראַקטיש צום רעוואָלוציאָנערן קאַמף. די אומפּאַרטייאישע שולן זיינען די שולן, וועלכע מאַכן די געגנשטאַנדן לעבעדיק, אַזוי אַז מ׳זאָל זיי שפּעטער קענען אויסנוצן אין לעבן; זיי זיינען די איינציקע, וואָס קעמפן אַף אַ ריכטיקן אויפן קעגן דער בורזשואַזער אַסימילאַציע. ווייל ניט מיט׳ן מאַכן אַ פּעטיש פון אידיש שאַפט מען אָפּ די אַסימילאַציע, נאָר דורך לאָזן דאָס קינד צורו און אים לאָזן אַף אַ נאַטירלאַכן אויפן זיך איינלעבן מיט דער אידישער שפּראַך. די קינדער באַטייליקן זיך אין פּראַקטישער רעוואָלוציאָנערער אַרבעט. די קינדער באַציען זיך מיט ליבע און כּאַווערשאַפט צו דער שול. זיי גיבן איר אַוועק די בעסטע שאָען פון זייערע טעג.

די אומפּאַרטייאישע מיטלשול איז די איינציקע, וועלכע לערנט די מאַטעריאַליסטישע פילאָזאָפיע, דער געגנשטאַנד, וועלכער איז, לויט מיין מיינונג, דער שליסל צו אַלע געגנשטאַנדן און צום פאַרשטיין די וועלט. אייניקע פון די געגנשטאַנדן אין דער מיטלשול זיינען עקאָנאָמיע, עקאָנאָמישע געאָגראַפיע, געשיכטע, ליטעראַטור, מאַטעריאַליזם, אַרבעטער־באַוועגונג, געשיכטע פון סאָציאַליסטישן געדאַנק, ווּיסנשאַפטן, אידיש, און אַנדערע געגנשטאַנדן.

די אידישע אַרבעטער־באַוועגונג האָט אויסגעבויט אַן אידישן אַרבעטער־אוניווערזיטעט, אַן אינסטיטוציע, וועלכע גיט אַ העכערע בילדונג און גרייט־צו טוער און לערער פאַר דער אַרבעטער־באַוועגונג. אַרום 400 סטודענטן גייען דאָרטן. אייניקע פון די געגנשטאַנדן זיינען: היסטאָרישער מאַטעריאַליזם, געשיכטע פון פילאָזאָפיע, ליטעראַטור — אַלגעמיינע און אידישע, געשיכטע — אַלגעמיינע און אידישע, מאַרקסיזם און לעניניזם, פּאָליטישע עקאָנאָמיע, די דריי אינטערנאַציאָנאַלן, ווּיסנשאַפט, פּסיכאָלאָגיע, מעטאָדיק, און אַנדערע געגנשטאַנדן.

וועגן ליטעראַטור וועל איך ניט שרייבן ווייל מיר האָבן אַ „ספּעץ", כּאַווערטע סילוויע גובערמאַן, וועלכע שרייבט ספּעציעל וועגן דעם.

דאָס טעאַטער אין ניו־יאָרק איז זייער אָרים. עס זיינען דאָ אַרום 14 אידישע טעאַטערס אין ניו־יאָרק, אָבער אַלע, מיט׳ן אויסנאַם פון אַ פּאָר, שפּילן בלויז די ערגסטע שונד פּראָפּאַרציאָנעל, אַזוי ווי מיר זיינען אַ טייל פון דער ניו־יאָרקער באַפעלקערונג, וואָלטן מיר געדאַרפט האָבן אַ דריטל פון די גוטע טעאַטערס, אָבער עס איז ניט אַזוי. בעשאַס אין ענגליש זיינען פאַראַן אַרום אַ צענדליק, וועלכע שטעלן, אָדער צום ווייניקסטנס פּרעטענדירן צו שטעלן, ערנסטע פּיעסן, האָבן מיר באַ אונז בלויז צוויי, און אַפילו די צוויי — דאָס אידישע קונסט־טעאַטער און די ווילנער טרופּע — שטעלן ניט אַלעמאָל גוטע פּיעסן.

אַלע טעאַטערס שטיצן זיך אַפּ׳ן קליינבירגער און „אויפגעקומענעם". דאָס שפּילן איז צווייפלהאַפט דורכגע־פירט. מ׳זוכט הויפּטזעכלאַך צו קיצלען דעם עולם מיט סעקסועלע און אַנדערע ביליקע לידלאַך.

נאָך די פּאַלעסטינער געשעענישן האָבן אַלע אידישע טעאַטערס אויפגעהערט צו רעקלאַמירן אין דער „פרייהייט". די לינקע אַרבעטער, וועלכע העלפן טאָמיד אַרויס דער „פריי־הייט" מיט געלט, מיט מאָראַלישע הילף, פיזישע הילף, האָבן איצטער אויך געהאָלפן דער „פרייהייט" און באַשלאָסן צו באָיקאָטירן אַלע אידישע טעאַטערס, ביז וואַנען זיי וועלן ניט האָבן אַרונטערגענומען זייער באָיקאָט פון דער „פריי־הייט". די לינקע אַרבעטער האָבן אין אַ גרויסער מאָס אונטערגעהאַלטן דאָס אידישע קונסט־טעאַטער. איצטער זיינען אייניקע טעאַטערס אונטערגעגאַנגען, און אויך דאָס אידישע קונסט־טעאַטער. די סבירעס באַ די אַקטיאָרן האָט מען געשניטן. דאָס אידישע טעאַטער איז איצטער אין אַ שלעכטער לאַגע צוליב דעם באָיקאָט.

אַ פּראָוו צו שאַפן אַן ערנסטן אַרבעטער־טעאַטער איז

געמאַכט געוואָרן מיצאַד די לינקע אַרבעטער. עס האָט זיך געגרינדעט דער „אַרטעף", אַן אַרבעטער דראַמאַטישע סעקציע. ביז מיט אַ יאָר צוריק פלעגט זי אויפטרעטן בלויז אין קורצע אַקטן און רעציטאַציעס, ווי צו שאָלעם-אַליכעמ'ס יאָרצייט, „פרייהייט"-יוביליאַומס, לעניג'ס יאָרציימן און אַנדערע אַרבעטער-אונטערנעמונגען. אָבער מיט אַ יאָר צוריק האָט זיך בעטעמעס אַנגעהויבן דאָס אידישע אַרבעטער-טעאַטער. ביז איצט האָט ער שוין געשפילט דריי זאַכן: „באָם טויער" פון ביינוש שטיימאַן, „נאַפּטאַלי באָטווין" פון וועוויאָרקע און „ריסטאָקראַטן", אַנטנומען פון שאָלעם-אַליכעמ'ס קאָמעדיע „מענטשן". די אַרבעטער-טרופּע באַשטייט טאַקע פון אַרבעטער, וועלכע אַרבעטן אַ גאַנצן טאָג אין פאַבריקן און באַנאַכט רעפּיטירן זיי. זיי זיינען אַן אידעאַליסטישער עלעמענט, וואָס זיינען בעטעמעס פאַראינטערעסירט אין דעם טעאַטער און אַרבעטן ניט פאַר פּראָפיט. לויט מיין מיינונג איז קימאַט יעדער איינער פון זיי אַ פיינער שוישפּילער, און זיי שפּילן זייער גוט קאָלעקטיוו. וואָס איז אָבער מער וויכטיק, איז זייער אַרט שפּילן. עס פילט זיך אַ פרישקייט, אַן אייגנאַרטיקייט, אַ נאַטירלאַך שפּילן, וואָס מע געפינט אין ערגעץ אַנדערש ניט.

די פּרעסע

מיר האָבן איצטער אין ניו-יאָרק פיר אידישע טעגלאַכע צייטונגען: „פאָרווערטס", „מאָרגן-זשורנאַל", „טאָג", און „פרייהייט". מיר האָבן אויך עטלאַכע וועכנטלאַכע צייטונגען, ווי די „וואָך", „פרייע אַרבעטער-שטימע", „דער אַמעריקאַנער" און אַנדערע. אויך כוידעשדיקע זשורנאַלן: „צו-קונפט", „אויפקום", „אינזיך" און אַנדערע.

די אידן אין ניו-יאָרק האָבן אויפגעבויט אַ רייכע פּרעסע. אָבער קימאַט אַלע צייטשריפטן זיינען אונטערגעגאַנגען. באַזונדערס רייך אין די פעריאָדישע אויסגאַבן זיינען געווען

די יאָרן פון 1918 ביז 1924. אָט זיינען אייניקע פון די וויכטיקסטע צייטונגען און זשורנאַלן, וואָס גייען אַרויס, אָדער זיינען אַמאָל אַרויסגעגאַנגען:

די ערשטע אידישע צייטונג איז געווען „די אידישע פּאָסט", 1870.

„די אידישע גאַזעטן", 1874.
„די וואַרהייט".
„די אַרבעטער צייטונג", 1890.
„די פרייע אַרבעטער-שטימע", 1890.
„דער אוּנטבלאַט", 1894.
„דאָס טאַגעבלאַט", 1892.
„פאָרווערטס", 1897.
„צוקונפט", 1895.
„פרייהייט", 1922.
„דער טאָג".
„האַמער", 1926.
„דאָס אידישע פאָלק", 1907.
„דער אַמעריקאַנער", 1904.
„ברוקלין-בראָנזוויל פּאָסט", 1909.
„גערעכטיקייט".
„העדגער וואַרקער".
„דער וועקער", 1922.
„דאָס וואָרט", 1921.
„ניי אידיש", 1922.
„דאָס נייע לעבן", 1922.
„פאָרטשריט", 1915.
„פרויען-זשורנאַל", 1922.
„פריינד", 1910.
„פראָלעטאַרישע שטימע".
„די צייט", 1918.
„דער קונדעס", 1908.
„קינדערלאַנד", 1921.

„אויפקום“, 1926.
„די פעדער“, 1919.
„שריפטן“, 1912.
„די אַמעריקען היברו“.
„ברוקלין דזשואיש קראָניקל“.
„האַדוויאַר“.
„דער אינזל“.
„אידישע טעאַטער נייעס“.
„די אידישע פרוי“.
„קינדער־זשורנאַל“.
„מענאָראַ“.

אַ סאַך זשורנאַלן און צייטונגען זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן פון אַרבעטער. דערפאַר זעען מיר, אַז מערסטע צייטונגען און זשורנאַלן זיינען געווען ערנסט. אַזוי איז דאָס מיט דער „אַרבעטער־צייטונג“, „דער אָוונט־בלאַט“, „דאָס נייע לעבן“ און אַנדערע. דאַמאָלס איז געווען אַ צייט, ווען דער סאָציאַליסטישער אידעאַל האָט אַרומגענומען מענטשן פון פאַרשידענע ריכטונגען און קלאַסן. ערשט שפּעטער, ווען דער אידעאַל האָט זיך מער אויסגעקריסטאַליזירט און דער קאַפּיטאַליזם האָט אָנגעהויבן גיין צו זיין לעצטער שטופע, די שטופע פון אונטערגאַנג, — ערשט דאַמאָלס זיינען אָט די מענטשן פון די פאַרשידענע ריכטונגען אַוועק אין זייער אייגענער ריכטונג און אָנגעהויבן קעמפן איינער מיט דעם אַנדערן.

„דאָס נייע לעבן“, רעדאַקטירט פון זשיטלאָווסקי'ן און ניגער'ן, איז געווען אַ פערטל־יאָרלאַכער זשורנאַל. ער האָט געטראָגן אַ גאַנץ ערנסטן כאַראַקטער. דאָרטן פלעגט מען באַהאַנדלען פראַגן וועגן פילאָזאָפיע, טעאָרעטישן סאָציאַליזם, ליטעראַטור־ווּיסנשאַפט און וועגן אַנדערע געגנשטאַנדן. כאָטש מע קען ניט מאַסקים זיין מיט דער אידעאָלאָגיע, מוז מען אָבער צוגעבן אַז ער איז געווען אַן ערנסטער זשורנאַל.

„די צייט“, אויך אַ פערטל־יאָרלאַכער זשורנאַל, איז

געווען רעדאקטירט פון יאנקעוו מילך. ער האט אויך גע־טראגן אן ערנסטן כאראקטער, כאטש די ערנסטקייט איז געווען א באמבאסטישע.

„ניי אידיש“ איז געווען רעדאקטירט פון אווראם רייזען און האט געטראגן אן ערנסטן ליטערארישן כאראקטער.

„דער פראלעטאריער“ איז געווען א קאמוניסטישע צייטונג פון די דאמאלסטדיקע אידישע קאמוניסטישע גרופעס.

„שריפטן“, רעדאקטירט פון איגנאטאוו'ן, זיינען געווען א פערטל־יאריקע אויסגאבע. דארטן זיינען געווען פארטראטן פאעזיע, בעלעטריסטיק, ליטעראטור־קריטיק און אנדערע פארמען פון ליטעראטור, פון אונזערע אמעריקאניש־אידישע שרייבער. דער לעצטער באנד איז, דוכט מיר, ארויסגעגאנגען אין 1926.

„די מענארא“ איז א יאהודימשער מאנאטלאכער זשור־נאל. ער טראגט א מער אדער וויניקער ערנסטן כאראקטער. אמאל קען מען אין אים געפינען וויכטיקע ארטיקלען, פאר־שטייט זיך, אנגעזאפט מיט דער קאפיטאליסטישער אידע־אלאגיע.

דער „אויפקום“ אילוסטרירט, אז קיין ליטעראטור „לישמא“, ליטעראטור וואס רירט קיינעם ניט אן און וואס אנטשפרעכט ניט די אידעאלאגיע פון א געוויסן קלאס, איז ניטא. ער איז אנגעזאפט מיט סינע קעגן די קאמוניסטן. נאכמען מייזל שרייבט וועגן בערגלסאנ'ס „מידאס האדין“ און טייטשט די העלדן אוים לויט זיין פארטייאישן שטאנד־פונקט וועגן די יעווסעקן, רוסלאנד, א. א. וו.

וויל מען וויסן דעם אונטערשיד צווישן די סאציאליסטן און די קאמוניסטן, דארף מען א קוק טאן אף דער „צוקונפט“ און אף דעם „האמער“.ביידע מאנאטלאכע זשורנאלן. דער „האמער“ גייט שוין ניט ארוים. די „צוקונפט“ איז רעדאק־טירט פון ליעסינ'ען און דער „האמער“ פון אלגינ'ען. די „צוקונפט“ טראגט א ברייטערן כאראקטער, זי האט מער

מאַטעריאַלן, מער אַרטיקלען, דערפאַר אָבער איז דער „האַמער" פיל טיפער. און טיפקייט איז פיל אַ גרעסערע מיילע, ווי ברייטקייט. דאָ רעד איך בלויז פון דער זשורנאַליסטישער זייט. די „צוקונפט" איז פול מיט אַראָפּרייסנדיקע אַרטיקלען וועגן סאָוועטן־פאַרבאַנד. זי איז פול מיט סינע צו די קאָמוניסטן. דער „האַמער" איז זיכער געווען איינער פון די בעסטע און ערנסטסטע זשורנאַלן, און אַפילו קעגנער האָבן געמוזט צוגעבן אַז עס איז דאָ אין אים וואָס צו לייענען. דער „האַמער" האָט געהאַט די בעסטע מיטאַרבעטער.

„די אַמעריקען היברו" טראָגט אַ קליינבירגערלאַכן כאַראַקטער. מ׳געפינט דאָרט שטאָף וועגן די רייכע אידן און אידענעס, וואָס באַ אַ באַר־מיצווע סימכע האָבן זיי געגעבן געלט פאַר פּאַלעסטינע.

„דער אַמעריקאַנער" איז אַ וועכנטלאַך בלאַט. דאָרט געפינט מען קימאַט דעם זעלבן שטאָף, וואָס אין „אַמעריקען היברו". אַ סאַך היסטאָרישע ראָמאַנען, וועלכע האָבן קיין שום ליטעראַרישן ווערט ניט.

די „וואָך" איז אויך אַ וועכנטלאַכע צייטונג. זי איז אויפגעבויט געוואָרן לעצטן יאָר, נאָכדעם ווי פיר שרייבער זיינען אַוועק פון דער „פרייהייט", ווייל זי האָט געהאַלטן אַז אין פּאַלעסטינע איז פאָרגעקומען אַן אויפשטאַנד און ניט קיין פּאָגראָם. די „וואָך" איז פול מיט האַס צו אַלץ וואָס איז קאָמוניסטיש. אַ האַלבער זשורנאַל איז אָנגעפילט מיט אַרטיקלען קעגן דער קאָמוניסטישער באַוועגונג. די אַנדערע העלפט מיט בעלעטריסטיק און לידער. קיין ערנסטער זשורנאַל איז זי ניט. אינטערעסאַנט, אַז ווי באַלד מע פאַרלירט די אידעאָלאָגיע, אָדער מע רייסט זיך אָפּ פון דער פאַרקערפערונג פון דער אידעאָלאָגיע, פאַרלירט מען צום טייל דעם ברען, דעם פונק, וואָס באַהעפט שרייבער און לייענער.

אַלע צייטונגען, אַכוץ די „פרייהייט", זיינען אָנגעפילט מיט שונד, מיט ביליקן מאַטעריאַל. דער „מאָרגן־זשורנאַל" איז אין פראַט פון לעז־מאַטעריאַל די אָרימסטע צייטונג.

אנאַנסן און רעליגיעזע נאָטיצן פאַרנעמען באַ איר אַ גרויסן פלאַץ. דער אידיש באַם „מאָרגן-זשורנאַל“ איז אַ שלעכטער, פול מיט אנגליציזמען, און די אויסלייגאַכץ אַן אַלטמאָדישע. דער „מאָרגן-זשורנאַל“ איז אַ טיפּישע קאַפּיטאַליסטישע ציַיטונג. אַפילע ווען אַנדערע ציַיטונגען שרייבן אַביסל גוטס וועגן סאָוועטן-פאַרבאַנד, שרייבט ער בלויז שלעכטס.

דער „פאָרווערטס“ איז אין פראַט פון גייעס דער ביליקסטער. אַף דער ערשטער זייט האָט ער מיט גרויסע אויסיעס מיינסעס וועגן מאָרדן, זעלבסט-מאָרדן און טאַנץ-מיידלאַך. אינעווייניק איז ער אויך ניט פיל רייכער. דער אייגענער שטאָף, נאָר באַלעבט, אָנגעפילט מיט פלייש. ער האָט שטיפעריַיען פון קאָונער, ביליקע, לאָקאַלע צייט-פראַגן און דאָס בינטל בריוו. דער אידיש באַם „פאָרווערטס“ איז אויך אַ שלעכטער. די אָרטאָגראַפיע אַן אַלטע. דער „פאָר-ווערטס“ האָט געשפילט אַ באַזונדערע ראָלע אין אידישן אַרבעטער-לעבן. ער איז און איז געווען דער אָרגאַן פון דער סאָציאַליסטישער פאַרטיי, און אַלס אַזעלכער האָט ער אין די ערשטע יאָרן געשפילט אַ פּראָגרעסיווע ראָלע, כאָטש אַפילע דאַמאָלס האָט ער אונטער דער רעדאַקציע פון קאַהאַנ׳ען אָנגעהויבן צו נוצן ביליקע מיטלען צוצוציען די לעזער. אין די לעצטע יאָרן אָבער, באַזונדערס נאָך דער גרינדונג פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי, איז ער זייער פאַרהאַסט באַ אַלע רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער. דער „פאָר-ווערטס“ האָט זיך אויסגעצייכנט און צייכנט זיך נאָך איצט אויך אויס מיט זיינע ליגנס וועגן סאָוועטן-פאַרבאַנד און די קאָמוניסטן. ער באַנוצט זייער מיעסע מיטלען קעגן די אַרבעטער. באַ די אידישע רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער איז שוין געוואָרן אַ מין טראַדיציע, אַ מין געוואוינהייט, אַז עס איז פאַשעט אַ מיעסקייט צו האַלטן אַ „פאָרווערטס“ אין האַנט.

איך ווייס ניט, ווי אַף אַנדערע, נאָר אַף מיר מאַכן די לייט-אַרטיקלען אין אַלע צייטונגען, אַכוץ דער „פרייהייט“,

אַ קאַמישן איינדרוק. מיר דוכט, אַז קימאַט טאָמיד זיינען די לייט־אַרטיקלען זייער קינדעריש און נאַריש, אַפילע פון קאַפּיטאַליסטישן שטאַנדפּונקט.

ווילן מיר ווייטער זען אַן אונטערשייד צווישן דער באַלעבאַטישער און קאָמוניסטישער פּרעסע, נעמען מיר און פאַרגלייכן דעם „טאָג" מיט דער „פרייהייט". מע קע זען, אַז די „פרייהייט" איז פיל טיפער און ערנסטער ווי דער „טאָג", אַפילע פונ'ם ריין־זשורנאַליסטישן שטאַנדפּונקט. זי באַנוצט דעם בעסטן אידיש און די מאָדערנסטע אָרטאָ־גראַפיע. די „פרייהייט" איז די איינציקע ציישונג, וועלכע דערמוטיקט יונגע אומבאַקאַנטע קינסטלער און דרוקט טאָמיד זייערע ווערק. די „פרייהייט" איז די וועג־ווייזערין פון די אידישע לינקע אַרבעטער־מאַסן.

ווי איך האָב שוין פריער געזאָגט, האָט דער אַמערי־קאַנער קאַפּיטאַליסטישער קלאַס פון אידן געבויט זיינע אינ־סטיטוציעס. אַכוץ זיינע ריין־קאַפּיטאַליסטישע אידעאָלאָגישע אינסטיטוציעס האָט ער אויך אויסגעבויט אינסטיטוציעס פאַר זיך אַליין, ווי פאַרשידענע קלובן און אַנדערע אָרגאַני־זאַציעס.

די „איד. קולטור־געזעלשאַפט" איז געקומען מיט'ן צוועק, ווי זי זאָגט, צו שאַפן אַ לעבן אין אַ לעבן (יאַנקעוו לעווין). אויסלעבן זיך קולטורעל אין אידיש. געקומען איז זי מיט גאַנץ גרויסע צילן: אויסבויען אַן אַלוועלטלאַכע קולטור־אָרגאַניזאַציע, באַפרייען דעם אידן פון דער אַסימילאַציע, א. א. וו. פאַר דעם יאָר צייט וואָס זי עקזיסטירט שוין, האָט זי ווייניק אויפגעטאָן. און היינט הערט מען שוין טענער צווישן זייערע פירער, אַז די קולטור־געזעלשאַפט זאָל זיין בלויז פאַר אירע מיטגלידער פונקט ווי אַ „קלוב" אָדער אַ בענעפיט־אָרגאַניזאַציע. (ב. צ. גאָלדבערג).

דער עצם געדאַנק פון דער קולטור־געזעלשאַפט איז אַ פאַלשער. זי נעמט אָן דעם שטאַנדפּונקט, אַז דאָס אידישע פאָלק איז איינהייטלאַך און אַז קולטור שטייט איבער קלאַסן.

ערשטנס, איז קיין שום נאַציע ניט איינהייטלאַך, נאָר צע־טיילט אין קלאַסן, און ווען אַפילו מיר נעמען אָן פאַר אַ מינוט אַז יאָ, בלייבט דאָך אַלץ דער פאַקט, אַז די נאַציע איז אַ מיטל אין די הענט פון׳ם הערשנדיקן קלאַס. צווייטנס, איז קולטור ניט איבער קלאַסן, נאָר פאַרקערט, טאַקע גע־שאַפן פון די קלאַסן. אינטערעסאַנט, אַז די אַמאַליקע קולטור־ליגע איז אויפגעקומען נאָך דעם ווי די קאָמוניסטישע פאַרטיי איז געגרינדעט געוואָרן, און די קולטור־געזעלשאַפט איז געגרינדעט געוואָרן נאָכדעם ווי די קאָמוניסטישע פאַרטיי און דאַרונטער אויך די אידישע סעקציע האָט זיך באַפרייט פון די רעשטלאָך פון אָפּאָרטוניזם, נאָכדעם ווי די ראַדיקאַלי־זאַציע פון די אַרבעטער האָט שנעל אָנגעהויבן צו וואַקסן. אַן אינטערעסאַנטע אַנאַלאָגיע, וואָס ברענגט אַרויס קלאָר, לויט מיין מיינונג, דעם פאַקט, אַז די קולטור־געזעלשאַפט דינט אָביעקטיוו דעם קאַפּיטאַליסטישן קלאַס. אָבער אַפילו פּראַקטיש איז זי אויך שעדלאַך, ווייל טוט דען ניט די לינקע אַרבעטער־באַוועגונג דאָס אייגענע וואָס די קולטור־געזעלשאַפט טוט? האָבן דען ניט די אַרבעטער־קלובן ליטע־ראַטור־לעקציעס און ביבליאָטעקן? קעמפט דען ניט די אַרבעטער־באַוועגונג קעגן דער אַסימילאַציע? ניט מער, זי קעמפט און טוט אַרבעט לויט דער רעוואָלוציאָנערער אידעאָ־לאָגיע, וואָס דאָס געפעלט ניט דער קולטור־געזעלשאַפט. וואָס דאָס באַווייזט, אַז ניט אידיש איז דער איקער. אויב יאָ, טוען דאָך די קלובן זייער אַרבעט אין אידיש. דער איקער איז דער אינהאַלט, די אידעאָלאָגיע, און דער קולטור־געזעלשאַפט געפעלט ניט די קאָמוניסטישע אידעאָלאָגיע. די קולטור־געזעלשאַפט איז אינדערעמעסן געקומען ווי אַ קאָנ־קורענט צו דער לינקער אַרבעטער־באַוועגונג, פּרוואַוונדיק אַוועקציען די אידישע אַרבעטער.

די אידישע אַרבעטער־באַוועגונג האָט אויסגעבויט אַ ריי וויכטיקע און שיינע אינסטיטוציעס: דער „פריהייט־געזאַנגס־פאַראיין“, מאַנדאָלין אָרקעסטער, ספּאָרט־פאַראיין,

דראַמאַטישע סטודיע, פּראָלעטפּען, קלובן און אַנדערע אינ־סטיטוציעס. באַזונדערס זיינען די קלובן געוואָרן אַ קוואַל פון פּראָלעטאַרישער קולטור. אַלע וואָך קימאַט האָט יעדער קלוב אַ לעקציע, און איבער טעמעס וואָס ווייזן, אַז די באַוועגונג שטייט גייסטיק פיל העכער ווי די אַנדערע.

בעעמעס, די לינקע אַרבעטער־באַוועגונג שטעלט מיט זיך פאָר אַ ריזיקן קולטורעלן קויאַך.

שלום־וואָרט

די אידישע באַפעלקערונג אין ניו־יאָרק איז, ווי אַלע באַפעלקערונגען, צעטיילט אין קלאַסן. לעצטנס זיינען די קלאַסן־צעטיילונגען געוואָרן זייער שאַרף. די רעוואָלוציאָ־נערע אַרבעטער־מאַסע רוקט זיך אַלץ מער און מער אָפּ פון קאָל איסראָעל. זי ווערט מער אויסגעהאַלטן און די אַנדערע זייט קעמפט וואָס ווייטער אַלץ שאַרפער קעגן די קאָמוניסטן. ווילנדיק ניט ווילנדיק מוזן אַלע געזעלשאַפט־לאַכע און קולטורעלע מענטשן איבערגיין אָף איין זייט אָדער אָף דער אַנדערער. אויב אַמאָל האָבן אָפּאַטאָשו און גלאַנץ און לייוויק געקענט אַרבעטן אין „האַמער“, און ש. זאַקס און גאָלדבערג האָבן געקענט זיין לערער אין אַרבע־טער־אוניווערזיטעט, איז היינט אַזאַ זאַך ניט מעגלאַך. די קאָמוניסטן טראָגן אַריין צופיל ליכט אין אַלע פראַגן און עס ווערט אַלץ מער דערקענט, אַז די קלאַסן־ליניע איז דאָ אומעטום, און מענטשן וואָס פאַרשטייען דאָס ניט, אָדער ווילן דאָס ניט פאַרשטיין, גייען שנעל אַריבער צום אַנדערן לאַגער. עס זיינען געווען עטלאַכע שווער־פּונקטן פאַר אונזער אידישער אינטעליגענץ און קולטור־טוער. זייער און זייער וויניק פון זיי האָבן אויסגעהאַלטן.

די אַלטע אָרדנונג ברעכט זיך, די נייע אָרדנונג וואַקסט אויף. איצט הייבט זיך טאַקע אָן דער לעצטער קאַמף. מיר זיינען גרייט. מיר גייען דעם טאָג אַנטקעגן.

מאלי גודמאן:

קוני איילאַנד

(אַ ביסל אינפאָרמאַציע)

די געשיכטע פון קוני איילאַנד איז אַן אינטערעסאַנטע. פון אַ ווערטלאָזער ווּיסטעניש איז דער אינזל געוואָרן אַ שמאַלצגרוב פאַר געלטמאַכער און אַ פאַרגעניגן־פּלאַץ פאַר מיליאָנען אויסגעמאַטערטע ניו־יאָרקער.

הענריק האַדסאָן איז געווען דער ערשטער צו לאַנדן אַפּ'ן אינזל און אויסצופאָרשן די געגנט. אין 1635 זיינען די פאַרטריבענע „קוויקערס" פון באָסטאָן אריין אין קוני־איילאַנד. קיין באַפעלקערונג האָט זיך אָבער ניט גרופירט. עס איז געווען מער אַ פּלאַץ פאַר היימלאָזע און טרעמפּס.

מיט דער צייט האָבן אָבער קאַפּיטאַליסטן איינגעזען די מעגלאַכקייט פון פאַרוואַנדלען דעם פיינעם זאַמדיקן יאַם־ברעג אין אַ געשעפט־אינסטיטוציע, און אַזוי אַרום האָט זיך קוני איילאַנד אָנגעהויבן שנעל אַנטוויקלען.

אַ דאַנק דער גוטער קאָמוניקאַציע צום אינזל און דאָס גרויסע רעקלאַמירן פון די ביליקע וואונדער, איז דער אינזל געוואָרן פּאָפּולער.

גאַנץ קוני איילאַנד איז פון 5 צו ¾ מייל גרויס. קוני איילאַנד נעמט אַריין סי־גייט, ברייטאָן ביטש, מאַנהעטן ביטש און קוני איילאַנד פראָפּער, וואָס באַשטייט פון אַ פּראָלעטאַרישן עלעמענט אַרבעטער. די געגנט אַרום טער־מינאַל איז צונויפגעשטעלט פון אַן איטאַליענישער געטאָ. די איטאַליענער האַלטן דאָ פיש־מאַרקן, פרוכט־קראָמען און גראָסעריס.

די גרעסטע טייל פון דער באַפעלקערונג פון קוני־

איילאַנד איז אַ אידישע. מען רעדט אין גאַנצן אידיש, מען קויפט אין די קראָמען אַף אידיש.

ווייל מען דערקענען די קאָסמאָפּאָליע פון ניו יאָרק, קען מען זי געפינען אַף די ברייטע אָבער געפּאַקטע ברעגן פון קוני איילאַנד. אַלע שפּראַכן, אַלע טעמפּעראַמענטן, אַלע ראַסן פאַרזאַמלען זיך דאָ צו זען די בייזע וואונדער — דעם מאַן מיט דער עלפאַנט־הויט, די האַלב־פרוי האַלב־מאַן...

די טויזנטער פילן גאַרניט, אַז זיי ווערן אָפּגענאַרט און אַז זיי זיינען אַליין שפּילצייג אין די הענט פון די קאַפּיטאַליסטן, וואָס נוצן אַלע טריקס אין דער וועלט אַרויסצוציען פון זיי די פּאָר סענט.

אַ סאַך איינוואוינער פון קוני איילאַנד מאַכן מערסטנס אַ לעבן פון אַרויסגעבן צימערן זומער־צייט. דער טומל און געדרודער פון די באַרדערס און פון די געסט איז אַזוי גרויס, אַז מען פאַרגעסט אַז דאָס דאַרף זיין אַן אָפּרו־פּלאַץ.

קוני איילאַנד איז איצט פּאַקטיש אַ גאַנצע שטאָט. זי פאַרמאָגט 5 פּאַבליק סקולס, 2 אומפּ. קינדער־שולן, אַן אַרבעטער־רינג שול, אַ שאָלעם־אַליכעם שול, און עטלאַכע טאַלמעטוירעס. איצט בויט זיך אויך אַ היי־סקול.

עס זיינען דאָ פאַראַן עטלאַכע פאַרב־פאַבריקן, אַ סאַך קויל-הויפן און געהילץ־הויפן. אַף די געשעפטס-גאַסן איז זייער לעבעדיק. גרויסע שילדן האַלטן אין איין אַנאָנסירן ריזיקע „סיילס“.

קינדער פילן זיך דאָ גוט. די גאַסן זיינען שפּיל-פּלעצער פאַר זיי.

אַרבעטסלאָזע זיפן דעם זאַמד אַפ׳ן ברעג, אויספּרובירנדיק זייער מאַזל.

ס׳גייט איז אָפּגעצאַמט פון דער אָרימער קוני איילאַנד. דאָרטן געפינען זיך שענערע הייזער און עס וואוינט אַ קליינבירגערלאַכער עלעמענט, וואָס עס שטייט אים ניט אָן זיך אויסצומישן מיט דער „ביליקער“ קוני איילאַנד.

בילדלאַך פון קוני אײַלאַנד

1.

מען דערנענטערט זיך צו דעם אינזל. ליכט און ליכט. ווײַסע, רויטע, גרינע, בלויע ליכט. עס דאַכט זיך — אַ פאַנטאַסטיש לאַנד. אָט דאָ איז באַלויכטן דאָס מוירעדיקע הויז פון דעם ריז און אָט דאָרט — די גראַציעזע געביידע פון דער פייע. דער „פערים־ווילֿ", „סיניק־רעילוויי" — אַלץ באַלויכטן מיט טויזנטער לעבעדיקע קאָלירן. אַלץ לעבט און שײַנט.

אַפּ'ן אינזל. וואָס פאַר אַ טייוול! וואָס פאַר אַ ראַש! קומט קוינים, קומט! ליבערטאַ, דער מאַן מיט צוויי קערפּערם — — זשין־וועל־זשין, דער - די פרוי - מאַן — — קומט זען די וואונדער פון דער וועלט! מינאַ, די „קיופּי־האַל" פון 500 פונט. מענטשן אויפגערייצטע שטופּן זיך צו די פּלאַטפאָרמעס, וואו ניגערקעס טאַנצן אין רויטע קאָסטיומען, אונטער די טענער פון אַ ריפּענדיקן אינסטרומענט.

דער אינזל לעבט מיט געשריי: „נאַראָנים, קומט צו אונז! מיר ווילן אײַער געלט אויסנאַרן! — — וואונדער! סענסאַציעס!"

די געפּאַקטע מאַסן שטראָמען פּאַמעלאַך דורך דער שמאָלער „באַוערי". די וואונדער פון די „פריק־שאָוס". מען קומט זען די אַבנאָרמאַליטעטן, וואָס זײַנען פאַרשפּאַרט אין אַרענעס, ווי מערקווירדיקע כאַיעס. טאַנצנדיק ווי אַ לעבעדיקע זשעלי־פיש, טאַנצט די דיקסטע פרוי אין דער וועלט דעם טשאַרלסטאָן. דער קאַרליק שטייט נעבן ריז. און נעבן זיי — אויסגעמוטשעטע מאַלפּעס געשפּאַנט אין אויטאָמאָבילן־שפּיל.

ווי קוני אײַלאַנד שײַנט און קלינגט אין זומער, איז עס פונקט פאַרקערט אין ווינטער. עס שטייען אין דער „באַוערי" הויכע סקעלעטן, שטייען און וואַרטן פאַר'ן לעבן. און דער שניי כוויזעקט און פאַרשנייט אַלץ. עס דוכט זיך, אַז די הויכע סטרוקטורן וויינען פון עלנטקייט: וואו איז

דאָס לעבן און געלעכטער פֿון זומער?

זײ זײנען סימבאָלן פֿון קוני אײלאַנד — דעם לאַנד פֿון געלעכטער, גערויש און — בלאָף.

2. זונטיק אַפּ׳ן ביטש

מענטשן, מענטשן, מענטשן. פּיס, פּיס. מוזיק, טומל, דזשעז. מען ליגט מיט פֿאַרבאַקטע פּענימער אַף דער זון. אויבן, אַפּ׳ן „באָרדוואָק“, פּאַראַדירט מען קוקנדיק אַף די האַלב-נאַקעטע, אין זאַמד אויסגעשמירטע קערפּערס — דרײענדיק זיך און וואַרפֿנדיק זיך ווי קאַנפֿעטי. אַלץ אויסגעמישט. מען ליגט, מען יאָגט זיך, מען שפּילט באַל. מען זיצט אין קרײזלאַך און מען צימבלט אַף די יאָקעלײלים און מען זינגט דעם סינקאָפּיטעד דזשעז מיט הײזעריקע שטימען; אײנגלאַך מאַכן קונצן, מען שטעלט זיך אײנע אַף די אַנדערע — פּיר עטאַזשן. אומעטום וואונדער איבער וואונדער!

אַ געלאָף פֿון יאַם, אַלע לויפֿן. אימיצער האָט זיך דערטרונקען. די לאַיף-גאַרדס אַרבעטן. ס׳טומלט און עס לעבט זיך װײטער. אַ מאַמע שלעפּט איר קינד אין וואַסער אַרײַן; דאָס קינד וויל ניט גײן, ווײנט. אַ פֿאַמיליע פּראַוועט אַ סודע. אַלע עסן מיט גרויס אַפּעטיט. אַ מענטש כאַפּט זיך אויף פֿון שלאָף און זידלט זיך, וואָס מען איז אים אַנגעטראָטן אַפּ׳ן פּוס.

עס שטײען פּלאַקאַטן, אײַנגעגראָבן אין זאַמד, וואָס זאָגן: „פֿרויען-קאַונסיל פֿון קוני אײלאַנד“. דער קאַונסיל האָט אַ ביטש-פּאַרטי. די פֿרויען זיצן און זינגען רעוואָלוציאָנערע לידער. מען שפּאַסט, מען דעבאַטירט; דער ווינט שאָקלט דעם פּלאַקאַט: „אַרבעטער-פֿרויען פֿאַראײניקט זיך אין פֿרויען-קאַונסילס!“

געלעכטער, פֿרײלאַכקײט, טומל, שמוץ. מען באַקט זיך, מען אַמוזירט זיך, מען נאַרט אײנער דעם אַנדערן. — דאָס איז קוני אײלאַנד.

ס י ל ו ו י אַ ג ו ב ע ר מ אַ ן :

ניו־יאָרק אין דער אידישער ליטעראַטור

ניו־יאָרק די שטאָט, איז ווי אַ שטיק קרישטאָל־גלאָז, פאַרבנרייך און דורכזיכטיק. אונטער יעדן שאָטן אָדער ליכט, וואָס פאַלט אָף איר, פון יעדער זייט און ריכטונג, האָט זי אַן אַנדער פּאָנים און קאָליר. און — שאָטנס און ליכט זיינען דאָ אַזוי פיל.

ניו־יאָרק — אַ קעסלגרוב. הויכבאַן, נידערבאַן, הימל־קראַצער, גאַסן־לאַבירינטן, גראַטעסקע סיגנאַל־טויערן; באַוערי, בראָדוויי, דער האַדסאָן — אַלע האָבן זייער כיין און פאַרב. אָבער דאָס פאַרביקסטע און דאָס לעבעדיקסטע איז: די מאַסע, דער שטראָם, וואָס מאַכט פון די גאַסן די אָדערן פון דער שטאָט און וואָס ברענגט דאָס שנעל־פּולסירנדיק לעבן צו סאָבווייס און הימלקראַצערס.

אין דער אידישער ליטעראַטור איז ניו־יאָרק אַ פּאָפּו־לערע טעמע. שרייבער קוקן אָף איר מיט פאַרשידענע אויגן, נאָר די מערסטע מאַכן דעם זעלבן טאָעס: זיי באַשרייבן אַלץ, נאָר זיי לאָזן אויס דאָס וויכטיקסטע פון דער שטאָט — די מאַסע. אָט פון דעם שטאַנדפּונקט מוזן מיר צוגיין צו דער טעמע „ניו־יאָרק אין דער אידישער ליטעראַטור“.

איך וועל זיך בלויז באַגרענעצן אָף עטלאַכע ביישפּילן.

שאָלעם־אַליכעם באַשרייבט ניו־יאָרק — אַ פרייל־אַכע שטאָט, וואו אַלץ קאָכט און ראַשט, ביז עס באַקומט זיך אַ באַזונדערע פאַרב, דער סאָלידער קאָליר פון דער שטאָט ניו־יאָרק. שאָלעם־אַליכעם נעמט אַריין די מאַסע אין זיין ניו־יאָרק, ער איז איינער פון דער מאַסע. איר קוקט דורך זיינע אויגן און איר קוקט דורך די אויגן פון אַלע אימי־גראַנטן, וואָס קומען אַן אַהער צו געפינען אַ בעסער לעבן.

אין אַלעם וואָס ער באַשרייבט, אין דעם אַריינפאָר אין

ניו־יאָרק, אין דער שנעלקייט פון סאָבוויי, פילט זיך דאָס מענטשלאַכע האַרץ, דער אינטעריעס פאַר דער מאַסע.

שאָלעם אַש זעט ניו־יאָרק ווי אַ פּלאַץ, וואו אַלץ קומט אַריין און ווערט פאַרלאָרן. די מאַסע איז קאַלט צו שאָלעם אַש'ן. דאָס לעבן איז פיינטלאַך. ער גייט אין די גאַסן, ער זעט די מאַסן, די סאָבוויים, הימלקראַצערס, אָבער ער פילט זיך ניט ווי איינער פון דער מאַסע, נאָר ווי אַן איזאָלירטער מענטש — איינער וואָס שטייט פון ווייטנס און זעט צו. אין אַלגעמיין איז ער אַ קאָנטראַסט צו שאָלעם־אַליכעמ'ען, איבערהויפּט אין זייער ביידנס שילדערן דאָס אימיגראַנטן־קינד אין ניו־יאָרק. שאָלעם אַליכעמ'ס קינד קוקט מיט אָפענע אויגן און איז גיריק אויפצונעמען אַלץ ניי. עס איז איינס פון דער מאַסע און די מאַסע איז פריינטלאַך צו אים. אַש'ס קינד איז ווי אַש אַליין — ער קען זיך ניט צופּאַסן צו דעם נייעם לעבן און ער איז ניט אין דעם שטראָם פון מענטשן.

איגנאַטאָוו, אין זיין „קעסל־גרוב“, קוקט אַף ניו־יאָרק ווי אַף אַ געפּאַנצערטן ריז, וואָס האַלט אין זיינע הענט די לייצעס פון דער שטאָט און טרייבט די מענטשן. באַזונדער גוט זיינען די באַשרייבונגען, ווי דער ריז ניו־יאָרק כאַפּט זיך אויף אינדערפרי, און זיין קאַפּיטל וועגן איסט־בראָדוויי. עס פילט זיך דער קעסל־גרוב, די מאַסע שפּילט אַ וויכטיקע ראָלע, אָבער דער אינהאַלט פון דער דערציילונג איז נישט כאַראַקטעריסטיש פאַר ניו־יאָרק. די טיפּן זיינען ניט קיין ניו־יאָרקישע טיפּן; די אַרבעטער־מיידלאַך ספּעציעל, זיינען שוואַך געשילדערט.

י. א. ראָנטש'עס בוך אימפּרעסיעס „שאָטנס פון ניו־יאָרק“ נעמט אַריין אַלץ: מאַנהעטן, בויערי, בראָדוויי, ביבליאָטעק, הימל־קראַצער, א. א. וו. ער זעט אַלץ און נוצט מערסטנטייל דעם מעטאָד פון פאַרגלייך. ער דערציילט פון דער בויערי און ווייזט אונז גלייך בראָדוויי. זיינע זאַצן זיינען בילדלאַך, דאָך קורץ. זיין שפּראַך איז אַ פּאָעטישע

פראַזע. מיר איז געפעלן זיין בויערי, וואו דער טרעמפּ איז דער אָנזאָג פון דער צעפוילטקייט פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט. אין זיינע קאַפּיטלען טרעט דער אויטאָר אַרויס קעגן דער אומגערעכטיקייט פון דער איצטיקער וועלט.

ז. ליבין, אַן עלטערער שרייבער, וואָס שרייבט איצט ניט קיין ווערטפולע זאַכן, האָט געשריבן וועגן דער סוועט־שאָפּ סיסטעם אין ניו־יאָרק. זיינע קורצע דערציילונגען האָבן מערסטנס איין פּאָנעם און איין מיין, אָבער פאַר זיין צייט און זיין סוויווע האָט ער דורכגעפירט דאָס, וואָס ער האָט געוואָלט. ער איז אין זיין שרייבן ניט געווען רעוואָלוציאָנעריש, אָבער ער האָט אויפגעטאָן מיט דעם אַליין, וואָס ער האָט געוויזן די אַרבעטער זייער אַמאָליקע לאַגע.

ל. קאָברינ׳ס „טענעמענט הויז" איז עכט ניו־יאָרקיש. אין זיין באַשרייבונג פילט זיך דאָס הו־האַ לעבן פון אַ טענע־מענט הויז, אָבער דאָך פעלט עפּעס. עס פילט זיך אַן ענלאַכקייט צווישן קאָברינ׳ס און ליבינ׳ס שרייבן.

ליבין האָט געגעבן דעם אַרבעטער אַ בילד פון זיין לאַגע. קאָברינ׳ס שרייבן איז — צעשוואוּמענקייט, גוט־האַרציקייט, אויסגעמישט מיט אַ ביסל סענטימענטאַליטעט און האַכמאָנעס צו לײַדנדיקע. די שפּראַך איז אָבער באַ אים אַ פּראָסטע און אַ טרוקענע. ביכלאַל איז ער מער נאַציאָנאַליסטיש ווי פּראָלעטאַריש.

די שרייבער אייניקן זיך, ווייזט אויס, אָף איין זאַך:— אַז ניו־יאָרק איז אַ געפּאַנצערטער ריז, וועלכער כאַפּט אַריין מענטשלאַכע לעבנס אין זיינע אייזערנע לאַפּעס און מאַכט זיי אומגליקלאַך. די שרייבער גייען זיך פּאַנאַנדער אין דער פראַגע: ווער איז דער אומגליקלאַכער? איין שרייבער זאָגט, אַז דער וואָס קען זיך ניט צופּאַסן צום נייעם לעבן; דער אַנדערער דענקט, אַז דעם אידן איז שלעכט, און אַ דריטער האַלט, אַז דעם אַרבעטער איז שלעכט.

מיך אינטערעסירט דאָס בוך, וואָס ווייזט אונז דעם אַרבעטער׳ס איצטיקע לאַגע און דעם וועג צו זיין דערלייזונג.

ע ט ל ק א פ ל אַ ן:

די קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג

די קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג איז אַ גרויסע און פאַר־צווייגטע. קאָאָפּעראַטיווע געזעלשאַפטן געפינען זיך אין אַלע ציוויליזירטע לענדער, ניט רעדנדיק פון סאָוועטן־פאַר־באַנד, וואו זיי זיינען אַ טייל פון דער רעגירונג. ס'איז ווערט זיך אָפּצושטעלן אויף דעם פאַקט, וואָס ניט ווייניקער ווי צוואַנציק מיליאָן פּראָלעטאַריער זיינען היינט מיטגלידער אין די קאָאָפּעראַטיוון. ווען מע רעכנט, אַז די גרעסטע צאָל האָבן פאַמיליעס, וועט ניט זיין איבערטריבן, ווען מע וועט אָננעמען, אַז זיבעציק מיליאָן נעפאַשעס זיינען פאַר־אינטערעסירט אין קאָאָפּעראַטיוון. פאַראויס גייט דער סאָוועטן־פאַרבאַנד מיט זיינע זיבן מיליאָן מיטגלידער. ענג־לאַנד האָט אין 1919 געהאַט אַרום פיר מיליאָן. דייטשלאַנד — צוויי און אַ האַלב מיליאָן. פראַנקרייך — אַ האַלב מיליאָן, דענמאַרק — 317 טויזנט, שוועדן — אַ פערטל מיליאָן, און אין שווייץ — אַ האַלב מיליאָן.

די נאַציאָנאַלע קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג ווערט אויך פאַרצווייגט פון יאָר צו יאָר. ס'איז גענוג צו דערמאָנען, אַז דאָ אין אַמעריקע, ניט לאַנג צוריק, אין דעם כוידעש נאָ־וועמבער 1929, איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן דער פינפטער קאָנגרעס פון דער קאָאָפּעראַטיווער ליג, און ס'זיינען אַנ־וועזנד געווען 65 דעלעגאַטן, וואָס האָבן פאַרטראָטן 150 טויזנט אָרגאַניזירטע אַרבעטער־קאָאָפּעראַטאָרס. אַכוץ דעם זיינען געווען פאַרטראָטן אַ פערציק פראַטערנאַלע דעלעגאַטן פון פאַרשיידענע פאַרמער־ און אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס. דאָס אַליין איז אַ באַווייז, אַז די קאָנסומערס קאָאָפּעראַטיווע־

באַוועגונג האָט אויך דאָ אין אַמעריקע אָנגעהויבן זיך אַנטוויקלען. לויט דעם באַריכט און אָפּטימיזם, ווי אויך די באַשלוסן פון די דעלעגאַטן, איז צו דערוואַרטן אַ גרויסן דערפאָלג פון קאָנסטרוקטיווער אַרבעט אַפ׳ן קאָאָפּעראַטיוון געביט אין דער נאָענטער צוקונפט.

באַ אונז אין ניו־יאָרק זיינען זייער טעטיק און דער־פאָלגרייך די פינען. אין ברוקלין האָבן זיי פאַרשיידענע רעסטאָראַנען, גראָסערים, בעקערייען. אויך זיינען זייערע קאָאָפּעראַטיוון שטאַרק פאַרצווייגט אין וויסקאָנסין שטאַט. אין מינעאַפּאָלים איז דאָ אַ גרויסע דיירי־פאַרם; אין וואַשינגטאָן שטאַט זיינען דאָ פאַרשיידענע קאָאָפּעראַטיווע סטאָרס. אויך אַנטוויקלען זיך די פילע פאַרמער־קאָאָפּעראַטיוון פון די וועסטערן שטאַטן פון אַמעריקע און קאַנאַדע, וועמעס צוועק איז אָפּצושאַפן דעם פאַרמיטלער און דערגרייכן גלייך דעם קאָנסומער.

אַף דער אידישער גאַס אין ניו־יאָרק עקזיסטירן פאָלגנדיקע קאָאָפּעראַטיוון: די קאָאָפּ. היים־געזעלשאַפט; די קאָאָפּעראַטיווע הייזער פון נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד; די קאָאָפּעראַטיווע הייזער פון די אַמאַלגאַמייטעד מענער־שניידער אַרבעטער; די יוניטי קאָאָפּעראַטיווע הויז, און די קאָאָפּעראַטיווע אַרבעטער־קאָלאָניע. די לעצטע צוויי זיינען עמעסע אַרבעטער־קאָאָפּעראַטיוון. די איבעריקע טראָגן אַ קליינבירגערלאַכן כאַראַקטער. ווי אין אַלע צווייגן פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, גייט אויך אָן אין דער קאָאָפּעראַטיווער באַוועגונג אַ קאַמף צווישן רעכטע און עכטע פּראָלעטאַריש־לינקע עלעמענטן.

די קאָאָפּעראַטיווע אַרבעטער־קאָלאָניע אין ניו־יאָרק עקזיסטירט שוין דעם ניינטן יאָר. אַ גאָר קליינע גרופּע אַרבעטער האָבן זיך צוזאַמענגערעדט וועגן האָבן אַ קאָאָפּעראַטיווע הויז, און אין אַ קורצער צייט אַרום איז געדונגען געוואָרן אין הארלעם אַ הויז, וועלכע האָט געגעבן דעם נויטיקן שטופּ צו ווייטערע און גרעסערע אונטערנעמונגען.

אין 1922 איז געגרינדעט געוואָרן דער קעמפּ „ניט־געדייגעט" און ס'איז כאַראַקטעריסטיש אָפּצושטעלן זיך אַף דעם דערפאָלג פון דער אונטערנעמונג אַפ'ן קאָאָפּעראַטיוון געביט. ווען דער קעמפּ איז געעפנט געוואָרן, האָבן זיך געפונען דעם ערשטן יאָר אין דורכשניט 23 מענטשן אַ וואָך. מיט אַ יאָר שפּעטער, 1923, איז שוין דער וועכנטלאַכער דורכשניט געווען 110. מיט צוויי יאָר שפּעטער, אין 1924, איז שוין געווען 250 מענטשן אַ וואָך. און איצט זיינען שוין פאַראַנען אָפּט פון 800 ביז 900 מענטשן אַ וואָך.

דער דערפאָלג פון קעמפּ „ניט־געדייגעט" באַשטייט אין דעם, וואָס אויסער וואָס ס'איז אַן אָפּרו־פּלאַץ פאַר אַרבעטער, איז עס אויך — און איבערהויפּט — אַ קולטורעלע אינסטיטוציע.

דורך קעמפּ „ניט־געדייגעט" זיינען דערגרייכט געוואָרן די אידישע אַרבעטער־מאַסן צום געדאַנק פון די איצטיקע קאָאָפּעראַטיווע הייזער.

אין 1926 האָט מען געזאָגט, אַז די ערשטע קאָאָפּעראַטיווע קאָלאָניע אין ניו־יאָרק וועט באַשטיין פון זעקס הייזער קעגנאיבער בראָנקס פּאַרק, וועלכע וועלן פאַרנעמען זעקס סקווער בלאָק. מע האָט אָבער אויפגעבויט אינגאַנצן צוויי בלאָק. דאָס ערשטע הויז איז פאַרטיק געוואָרן אין יאַנואַר 1927. עס נעמט אין זיך אַריין איבער 300 פאַמיליעס; מען האָט גענומען בויען דאָס צווייטע הויז אין 1928, און עס וואוינען דאָרט 400 פאַמיליעס.

דער דערפאָלג פון די הייזער, אויסער וואָס אַלע אַפּאַרטמענטס זיינען פאַרנומען, באַשטייט אין דעם, וואָס די רענט איז ביליקער, נאָר איבערהויפּט — די געזעלשאַפטלאַכע סוויווע אין וועלכער מען געפינט זיך. די געזעלשאַפטלאַכע אַרבעט באַשטייט אין דעם, וואָס עס ווערן דורכגעפירט לעקציעס, איינליטונגען, פאַרוויילונגען; גימנאַסטיק; ביבליאָטעק, און די דערציאונג פון צוזאַמענלעבן אין אַזאַ געזעלשאַפט; אויך ספּעציעלע דערציאונג פאַר

קינדער, ווי אַ שולע, קינדער־גאָרטן, נוירסערי, א. א. וו.

אַזוי ווי דער קעמפּ און די הייזער האָבן געמאַכט אַ דערפאָלג, האָט מען זיך גענומען צו דער אַרבעט פון בויען קראָמען. מע האָט געבויט אַ רעסטאָראַן, פּרוכט־סטאָר, פיש־קראָם, יאַטקע, גראָסערי און אַ וועשעריי.

ווי אַלע ווייסן, באַשטייט אונזער קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג פון אַ לינקן פּראָלעטאַרישן עלעמענט. מע קאָן אָנרופן די קאָאָפּעראַטיווע קאָלאָניע אַ וועלטל. דאָרט אין קאָלאָניע זיינען פאַראַנען זייער וויכטיקע און נוצלאַכע אינסטיטוציעס, ווי לעמאָשל די ביבליאָטעק, דער קינדערגאָרטן, די אידישע שול; די אַרבעטס־צימערן פאַר קינדער; דער „פרייהייט"־געזאַנג־פאַראיין"; „איקאָר"־סעקציע; קלוב־צימער, יוגנט־קלוב, פרויען־קאָונסלס, אָוונט־קלאַסן, א. אַ.

ד י ב י ב ל י אָ ט ע ק: — אַ גרויסער צימער איז אָפּגעגעבן געוואָרן צו דער ביבליאָטעק. די קאָאָפּעראַטאָרס האָבן וואָלונטירט צו געבן ביכער און אַ טייל האָט מען געקויפט פון די געלט, וואָס מען האָט געזאַמלט. וואָלונטירן האָבן אָוועקגעגעבן אַ סאַך צייט צו גיין צו די פּאָבליק־לייברערים אויסצוגעפינען זייער סיסטעם. דאַן האָט מען אָוועקגעגעבן אַ סאַך צייט צו עטאַבלירן די ביבליאָטעק.

אין ביבליאָטעק געפינען זיך ענגלישע, אידישע און אויך רוסישע ביכער. עס זיינען פאַראַנען אַ סאַך בילדער פון רעוואָלוציאָנערע אַרטיסטן.

ק י נ ד ע ר ג אָ ר ט ן: — אין דער קאָאָפּעראַטיווער קאָלאָניע וואוינען נאָר אַרבעטער. און באַ אַרבעטער קומען פאַר קריזיסן א. א. וו. אין אַ סאַך פאַלן דאַרפן די מאַמעס גיין אַרבעטן און זיי מוזן האָבן אַ פאַראַנטוואָרטלאַכן פּלאַץ וואו צו איבערלאָזן זייערע קינדער צו פאַרברענגען דעם טאָג.

איינע פון די שענסטע אינסטיטוציעס אין דער קאָלאָניע איז דער קינדערגאָרטן. די מאַמעס אַליין האַלטן אים אויס. אין קינדערגאָרטן לערנען זיך אויס די קינדער ווי צו זיין מער אָדער ווייניקער געזעלשאַפטלאַך. מערסטע קינדער

לאָזן אַלץ איבער פאַר די עלטערן צו טאָן פאַר זיי. אין קינדערגאָרטן דאַרפן די קינדער מאַכן זייערע אייגענע בעטן, א. א. וו. די עלטערן זיינען פאַרזיכערט, אַז זייערע קינדער וועלן קריגן אַ גוטע אַרבעטער־דערציאונג.

קלוב־צימער: — דער קלוב־צימער איז אַ פּלאַץ, וואו די כאַווײרים קומען זיך צוזאַמען און רעדן וועגן די נייעסן פון טאָג און געזעלשאַפטלאַכע פראַגן. זיי קאָנען דאָרט שפּילן דאַמקעס, שאַך, א. א. וו. דער קלוב־צימער ווערט אויפגעהאַלטן פון די זאַכן, וואָס מען פאַרקויפט דאָרטן — קענדי, טיי א. א. וו. די פּראָפיטן גייען פאַר'ן „איקאָר".

אַדיטאָריום: — דער אַדיטאָריום איז אַ גרויסער זאַל, וואו מען מאַכט פאַרוויילונגען; מען גיט דאָרט לעקציעס, קאָנצערטן א. א.וו.

דזשים: — דעם דזשים האָט מען געבויט פאַר דער יונגער גוואַרדיע, אַז זיי זאָלן זיין שטאַרק צו קענען אָנפירן דעם קאַמף אַנטקעגן די קאַפּיטאַליסטן. אָבער אָנצופירן אַן אָרגאַניזאַציע דאַרף מען האָבן געלט. די קאָאָפּעראַטיווע געזעלשאַפט האָט ניט געקאָנט אויסהאַלטן דעם דזשים, וואָס איז אַזאַ נויטיקע און אַזאַ וויכטיקע אינסטיטוציע. איצט באַלאַנגט ער צום געזאַנג־פאַראיין.

די אומפּאַרטייאישע אַרבעטער קינדער־שול: — די שול איז איינע פון די וויכטיקסטע אינסטיטוציעס אין דער קאָלאָניע. דאָרט לערנט מען די קינדער ווי צו שרייבן און לעזן אידיש, די אידישע ליטעראַ־טור, די אידישע געשיכטע. די הויפּטזאַך אָבער — מע דער־ציט זיי צו ווערן קלאַסנבאַוואוסטזיניקע אַרבעטער־קעמפער. מע לערנט זיי אויך דראַמאַטיקס, זינגען און טאַנצן. איינע פון זייערע אינטערעסאַנטסטע סעקציעס איז זייער אָר־קעסטער; ס'איז נאָר פון קינדער, און דער פירער איז אויך אַ שילער.

די שול האָט אַרום 200 קינדער און זעקס לערער. די

קינדער ווערן דערצויגן געזעלשאַפטלאַך אין די סעקציעס, וועלכע פירן אָן אינטערעסאַנטע טעטיקייטן.

אַזוי ווי ס'איז נויטיק פאַר'ן ארבעטער־קלאַס צו זיין אָרגאַניזירט אין יוניאָנס אָפּ אָנצופירן דעם טעגלאַכן קאַמף קעגן זיינע עקספּלואַטאַטאָרס אין די פאַבריקן, פּונקט אַזוי איז אויך נויטיק פאַר'ן ארבעטער־קלאַס צו זיין אָרגאַניזירט אין גרויסע פראָלעטאַרישע קאָנסום־פאַראייניגן מיט'ן צוועק צו געבן אַ ווידערשטאַנד און אָנפירן אַ קאַמף קעגן דער עקספּלואַטאַציע אַפ'ן קאָנסום־געביט.

מאטל דראשקין:

די געשיכטע פון די אומפּאַרטייאישע אידישע אַרבעטער קינדער-שולן אין ניו-יאָרק

קעדיי צו באַקענען זיך מיט דער געשיכטע פון די אומפּאַרטייאישע קינדער-שולן איז נויטיק צו וויסן, וואָס עס איז פאָרגעקומען אין אַרבעטער-רינג צווישן 1914 און 1917. דאַן איז אָנגעגאַנגען אַ קאַמף צווישן די „יונגע" און „אַלטע". די „יונגע" זיינען געווען די מער-פּראָגרעסיווע עלעמענטן אין אָרדן, די „אַלטע" האָבן געהאַלטן מיט דער אַדמיניסטראַציע און געקעמפּט קעגן פּראָגרעסיווע רעפאָרמען אין אַרבעטער-רינג.

די „יונגע" זיינען געווען די, וואָס האָבן געקעמפּט, אַז דער אַרבעטער-רינג זאָל גרינדן אידישע אַרבעטער קינדער-שולן.

אין 1918 האָט דער אַרבעטער-רינג ענדלאַך אָנגעהויבן גרינדן קינדער-שולן. די ערשטע שול איז געעפנט געוואָרן אין האַרלעם. די שול איז איצט אַן אומפּאַרטייאישע. דאָרט געפינט זיך אויך די אומפּאַרטייאישע מיטלשול.

אין אַ יאָר אַרום זיינען שוין געווען 10 אַרבעטער-רינג שולן אין ניו-יאָרק. די פאַרוואַלטונגען פון די שולן זיינען צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן פון: 1) עלטערן פון קינדער, וואָס האָבן געלערנט אין די שולן; 2) פאַרטרעטער פון אַרבעטער-רינג ברענטשעס, און 3) אַזוי פריינט פון די שולן.

די שולן זיינען פינאַנסירט געוואָרן פון: 1) סכאַר-לימוד, 2) אונטערנעמונגען, און 3) אַ סובסידיע פון גענעראַל-אָפיס, וואָס איז באַשטאַנען פון $100 אַ יאָר פאַר יעדער שול. מיט'ן וואוקס פון די שולן איז נויטיק געווען צו האָבן

אַ צענטראַלע קערפּערשאַפט. עס איז אָרגאַניזירט געוואָרן די צענטראַלע שול-פאַרוואַלטונג, וועלכע איז באַשטאַנען פון איין פאַרוואַלטער און דעם לערער פון יעדער שול.

די פונקציעס פון דער צענטראַלער פאַרוואַלטונג זיינען געווען: 1) אַרויסהעלפן די איינצלנע שולן אין זייער אַרבעט. 2) דורכפירן אַלגעמיינע שטאַטישע אונטערנעמונגען. 3) אָנפירן אויפקלער- און שול-פּראָפּאַגאַנדע אַרבעט צווישן אָרגאַניזאַציעס און עלטערן. 4) אָנשטעלן לערער. 5) העלפן גרינדן נייע שולן, און 6) אָנפירן די אַלגעמיינע פאַרוואַלטונגס-אַרבעט אין שטאָט.

ניט געקוקט דערויף, וואָס דער גענעראַל-אָפיס פון אַרב. רינג איז געווען קעגנעריש צו די שולן, זיינען אין 1925 שוין געווען 24 שולן אין ניו-יאָרק.

ווען עס האָט אויסגעבראָכן דעם קאַמף צווישן די רעכטע און לינקע אין אַרב. רינג, זיינען פאַקטיש אַלע איבערגעגעבענע שול-טוער און לערער געשטאַנען אויף דער זייט פון די לינקע.

די לינקע פירערשאַפט אין די שולן האָט ניט געוואָלט אריינברענגען דעם קאַמף אין די שולן, צוליב דער איינהייט פון דער שול-באַוועגונג, אָבער אין 1925 האָבן די רעכטע עלעמענטן אין אַרב. רינג אָנגעהויבן פאַרפאָלגן די לינקע טוער פון די שולן.

דער גענעראַל-אָפיס האָט באַ דער ניו-יאָרקער צענטראַלער פאַרוואַלטונג צוגענומען דאָס רעכט צו פאַרוואַלטן איר אייגענעם בודזשעט. ער האָט פאַרווערט די שולן אריינצוגעבן נאָטיצן אָדער אַנאָנסן אין דער טעגלאַכער „פרייהייט", און דער „פאָרווערטס", וועלכער האָט מיעס באַקעמפט די שולן פון ערשטן טאָג אָן, האָט איצט געהאַלטן אין איין אַטאַקירן די לינקע פירערשאַפט פון די שולן.

דער אָפיס האָט דורכאויס געוואָלט האָבן אַ רעכטע מערהייט אין דער צענטראַלער שול-פאַרוואַלטונג, און האָט מיט פאַרשיידענע מאַנעוורעס און דריידלאַך געוואָלט קריגן

די מאַיאָריטעט. אָבער, עס האָט אים ניט געהאָלפן. די שולן האָבן קעסיידער דערוויילט לינקע פאָרשטייער אין דער צענטראַלער שול־פאַרוואַלטונג.

דער גענעראַל־אָפיס מיט׳ן „פאָרווערטס״ האָט ענדלאַך זיך גענומען צעברעכן זיינע אייגענע שולן אין ניו־יאָרק. דער אָפיס האָט גערופן אַ ספּעציעלן מיטינג פון דער צענטראַלער שול־פאַרוואַלטונג און געסטראַשעט, אַז די שול־פאַרוואַלטונגען וואָס וועלן ניט אויספאָלגן די באַשלוסן פון אָפיס וועלן אויפגעלייזט ווערן. עס איז גענומען געוואָרן אַ ראָל־קאָל אָפּשטימונג פון יעדער שול. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז 17 שולן זיינען געבליבן מיט דער צענטראַלער שול־פאַרוואַלטונג און 7 שולן מיט׳ן גענעראַל־אָפיס. די 17 שולן זיינען אויפגעלייזט געוואָרן.

דעם זעלבן אָוונט האָט די צענטראַלע שול־פאַרוואַלטונג אָף אַן ענטוזיאַסטישן מיטינג באַשלאָסן צו אָרגאַניזירן זיך אונטער דעם נאָמען „אומפּאַרטייאישע אַרבעטער־רינג קינדער־שולן״.

דער גענעראַל־אָפיס צוזאַמען מיט׳ן „פאָרווערטס״ האָבן אָנגעהויבן אַ מיעסע אַטאַקע אָף די נייע שולן. זיי האָבן פאַרשפּרייט ליגנס און בילבולים קעגן די שולן און געוואָלט אָנשרעקן די עלטערן מיט׳ן וואָרט „קאָמוניזם״. די אומפּ. שולן האָבן זיך אָבער באַפעסטיקט און פאַרגרעסערט. אין איין יאָר צייט (1926) זיינען געגרינדעט געוואָרן 10 נייע שולן אין ניו־יאָרק.

די אַרבעטער־רינג שולן פון לאַנד האָבן אָפּגעהאַלטן זייער צוזאַמענפאָר אין אַטלאַנטיק סיטי דעם זעלבן יאָר. די אומפּאַרטייאישע שולן האָבן געשיקט אַהין אַ דעלעגאַציע, מיט׳ן צוועק קלאָר צו מאַכן זייערע טיינעס און ברענגען צו אַ שאָלעם. די רעכטע פירערשאַפט פון דער קאָנווענשאָן האָט אָבער דורך פּאָליציי די דעלעגאַציע צוערשט ניט געוואָלט אַריינלאָזן אין זאַל און שפּעטער איר געוואָלט געבן בלויז איין שאָ פאַרצוברענגען אירע טיינעס פאַר׳ן צוזאַמענ-

פּאַר. די דעלעגאַציע האָט דערזען, אַז אונטער אַזעלכע אומשטענדן קען קיין שאַלעם ניט זיין. עס איז באַשלאָסן געוואָרן צו גרינדן אַ נאַציאָנאַלע אומפּאַרטייאישע אידישע אַרבעטער קינדער-שולן אָרגאַניזאַציע. עס איז אַרויסגענומען געוואָרן דאָס וואָרט „אַרבעטער-רינג".

עס איז אָנגענומען געוואָרן אַ נייע פּרינציפּן-דערקלערונג און אַ נייע פּראָגראַם פון לימודים, וועלכע האָבן געגעבן די שולן אַ פּאָנים פון אַרבעטער-שולן. דאָס איז אָבער ניט געפעלן אַ קליינע גרופּע לערער און טוער, וועלכע האָבן דערזען, אַז די שולן ווערן אַ מאַסן-אָרגאַניזאַציע, פון אַן אויסגעשפּראָכן לינקן כאַראַקטער, קאָנטראָלירט ניט פון איינצלנע פירער, ווי ביז איצט, נאָר פון פאַרטרעטער פון לינקע אָרגאַניזאַציעס.

עס זיינען אָפּגעהאַלטן געוואָרן דיסקוסיעס און פאַרזאַמלונגען, קלאָר צו מאַכען פאַר אַלע עלטערן און שול-טוער די לאַגע. סאָף מאַי 1929 איז אין קעמפּ „קינדערלאַנד" אָפּגעהאַלטן געוואָרן דער ערשטער נאַציאָנאַלער צוזאַמענפּאָר פון די אומפּאַרטייאישע אַרבעטער קינדער-שולן. עס זיינען געוועזן פאַרטראָטן 56 שולן — 36 פון ניו-יאָרק און 20 פון איבער'ן לאַנד.

אָף דעם צוזאַמענפאָר איז קלאָר געוואָרן, אַז די שולן מוזן זיין פון אַ רעוואָלוציאָנערן, פּראָלעטאַרישן כאַראַקטער. די קינדער דאַרפן דערצויגן ווערן צו זיין אַקטיווע קעמפער אין טאָג-טעגלאַכן שטרייט פאַר אַ בעסערער אָרדענונג. דערפאַר דאַרפן די פּרינציפּן-דערקלערונג און די פּראָגראַם זיין קלאָר און ניט פאַרשטעלט.

די מאַיאָריטעט שול-טוער און לערער (157 דעלעגאַטן) אָף דעם צוזאַמענפאָר זיינען געוועזן פאַר דער נייער שטעלונג פון די שולן.

די מינאָריטעט, וואָס איז באַשטאַנען פון 19 דעלעגאַטן, מיט יעקב לעווין'ען אָן דער שפּיץ איז געוועזן קעגן, און זי האָט זיך אָפּגעשפּאָלטן פון צוזאַמענפאָר.

גלייך נאָכ'ן צוזאַמענפאַר האָבן זיך די לעווין־מענטשן באַנוצט מיט'ן טעמעני־„טאָג", וועלכער גיט אָפּ אַזוי פיל פלאַץ פאַר די טאַלמוד טוירעס, צו אַטאַקירן די אומפּאַרטייאישע שולן, און אַביסעלע שפּעטער האָט די לעווין־גרופּע געעפנט אָפּאָזיציע־שולן, מיט'ן צוועק צו צעברעכן די אומפּ. שולן. דער אידישער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער האָט אָבער אָפּגעשלאָגן די אַטאַקעס פון אַלע זייטן.

די „מאָרגן־פרייהייט" איז פון טאָמיד אָן געווען אַ גרויסע הילף צו די אַרבעטער־שולן. זי גיט אַרויס יעדעס יאָר אַ ספּעציעלן שול־נומער „פרייהייט" און זי דרוקט אַרטיקלען, שול־קאָלומס און נאָטיצן פאַר די שולן.

דער זומער־קעמפּ „קינדערלאַנד" איז דאָס אייגנטום פון די אומפּאַרטייאישע שולן אין ניו־יאָרק. ער האָט די מאָדערנסטע איינריכטונגען און ער האָט פּלאַץ פאַר 400 קינדער און עטלאַכע הונדערט דערוואַקסענע. ער איז געקויפט געוואָרן אין 1925 פאַר $54,000 און זיין איצטיקער ווערט איז אַן עראַך פון $200,000.

סאָף זומער 1929 האָבן די קינדער פון די אומפּ. שולן געשיקט קיין מאָסקווע, צוזאַמען מיט דער פּיאָנערן־דעלעגאַציע, אַן אייגענעם דעלעגאַט, דעם 13־יאָריקן העניאַך האַלפּערן. ווען ער איז צוריקגעקומען האָט ער אָף אַן אויסגעווינלאַך באַגייסטערטן מיטינג פון אַלע שול־קינדער איבערגעגעבן אַ גרוס פון די קינדער פון דער ערשטער אַרבעטער־רעפּובליק.

די שולן זיינען איצט אַקטיוו אָף אַלע געביטן פון דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג. זיי העלפן אַרויס אין אַלע סטרייקס. זיי שטיצן מיט אַלע קויכעס די „מאָרגן־פרייהייט", דעם „איקאָר", „אַרטעף", „לייבאָר דעפענס" א. א. וו.

אין די שולן זיינען איינגעפירט געוואָרן נייע טעקסט־ביכער; די מערסטע—אימפּאָרטירט פון סאָוועטן־פאַרבאַנד. עס ווערן אָבער איצט געשאַפן אייגענע טעקסט־ביכער.

סאָף מאַי 1930 וועט פאַרקומען אין פילאַדעלפיע דער צווייטער צוזאַמענפאָר פון די שולן. עס זיינען איצט פאַראַן 80 אומפאַרטייאישע שולן. אַ העלפט פון זיי געפינען זיך אין ניו-יאָרק. די שולן זיינען געוואָרן אַ טייל פון דער לינקער אַרבעטער־באַוועגונג, און צוזאַמען מיט איר ווערן זיי שטאַרקער און גרעסער. לאָמיר האָפן, אַז אין דער נאָנטער צוקונפט וועלן זיך אין די שולן געפינען צענדליקער טויזנטער אידישע אַרבעטער־קינדער.